# Digitaliseret af | Digitised by

DET KGL. BIBLIOTEK
Royal Danish Library

| | |
|---|---|
| Forfatter(e) \| Author(s): | Redaktør: J. Shaiak |
| Titel \| Title: | Di Yidische Welt : Ugeblad for jødiske Interesser |
| Alternativ titel \| Alternative title: | די אידישע וועלט : וואכענשריפט פאר אידישע אינטערעסען |
| Bindbetegnelse \| Volume Statement: | 1920-1921; Vol. 1-2 |
| Udgivet år og sted \| Publication time and place: | København, 1920-1921 |

## DK

Værket kan være ophavsretligt beskyttet, og så må du kun bruge PDF-filen til personlig brug. Hvis ophavsmanden er død for mere end 70 år siden, er værket fri af ophavsret (public domain), og så kan du bruge værket frit. Hvis der er flere ophavsmænd, gælder den længstlevendes dødsår. Husk altid at kreditere ophavsmanden.

## UK

The work may be copyrighted in which case the PDF file may only be used for personal use. If the author died more than 70 years ago, the work becomes public domain and can then be freely used. If there are several authors, the year of death of the longest living person applies. Always remember to credit the author

„Di Yidische Welt"
1. Aarg. Nr. 1 - 2. Aarg.
Nr. 5. 1920-21.

2 44
DET KONGELIGE BIBLIOTEK
DA 1.-2.S 2 2°
1 1 02 0 2 00041 3
+Rex
BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
נארד און זידאמעריקא אפריקא
אוסטראליען
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און
אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.
Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

---

מאשין־שרייבונג
און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סרילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 21,
קאפענהאגען ב.

---

אגענטען

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער.

---

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכעס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטאריזירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

---

## Frederiksberg Bank,

Gl. Kongevej 107,
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

פרעדעריקסבערג באנק.

דאלארען פונטען, מארקס און אלע אנדערע וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

---

נייע פאבריקאציע!

ריינער אריענטאלישער טאבאק!
Rose Nr. 101
20 שטיק אין א פעקעל — 35 ערע
C. B. Meller & Co.

---



Flygier og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

---

אנאנסען

אין „קאפעע־בלאט״

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.

אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפעע־בלאט׳ס״ עקספעדיציע

Cafe Bladets Expedition, Dybbølsgade 11⁴. København B. Telf. Vester 7332.

---

Cafe & Restaurant
"Osborne,,
Vesterbrogade 84. C. 2777.

גוטע און געשמאקע, פרישטאגען, מיטאגען און נאכט־עסענ׳ס צו מעסיגע פרייזען.

די בעסטע סארטען וויין און געטראנקען.

---

פייער־פארזיכערונג

אין אלע אנדערע פארזיכערונגען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

---

FRUGTSAFTER
HORNBECH
FRUGTVINE

BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

# די אידישע וועלט.

## גייעס פון דער וואך.

### פוילישער פרעמיער־מיניסטער וועגען דער אידיש־פוילישער פארשטענדיגונג.

אין א געשפרעך מיט א אידישען זשורנאליסט וועגען די אונטערהאנדלונגען, וואס עס ווערט געפיהרט בנוגע דער אידיש־פוילישער פארשטענדיגונג, האט דער פוילישער פרעמיער־מיניסטער ווי טאס איבערגעגעבען פאלגענדע ערקלערונג:

„ווי איך האב שוין געזאגט, האלט איך אז די אנגעלעגענהייט צו רעגולירען די באציהונג פון די אידען אין פוילען צו דער פוילישער מלוכה איז א מלוכה־פאסטולאט, וואס זיין אקטואליטעט און וויכטיגקייט קאן זיך נישט ענדערען צוליב דעם ווילען פון מיניסטארען אדער פון צוזאמענשטעל פון מיניסטארען־קאבינעט. עס קאן דא אלזא נאר קומען אין באטראכט די שטעלונג פון דער איצטיגער רעגירונג וואס איך שטעה אין א'הר שפיץ“.

„און אין דער הינזיכט קאן איך ערקלערען, אז אלע מיטגלידער פון דער איצטיגער רעגירונג שאצען אפ אין א גענוגענדער מאס די וויכטיגקייט פון אידישען פראבלעם. און שוין די פאריגע וואך האט דער מיניסטארען־ראט. אנערקענענדיג אלס וויכטיג צו פירען ווייטער א ענטשפרעכענדע ענערגישע אקציע, שוין איבערגעגעבען זי צו פירען ספעציעל איינעם פון זיינע מיטגלידער, וואס וויערע אמטען נעהמען ארום אין אלגעמיין די פראגען, וועלכע בילדען ביי היינטיגען טאג אין א קאנקרעטער פארם די אידען־פראגע.

מעלדען איצט וועגען די פרטים וואלט געווען פריהצייטיג און עס וואלט נישט געבראכט קיין נוצען. איך בין נאר אימשטאנד צו זאגען, אז די רעגירונג וויל שטעהן אויפ'ן פראקטישען באדען און לעזען אין א ענטשפרעכענדען אופן איינס נאכ'ן אנדערען די פראגען, וועלכע שווימען אויף אין פארלויף פון די בעראטונגען אויף אזא אופן, אז די אידען־פוילישע בירגער זאלען נישט האבען קיין זאכליכען גרונד צו באקלאגען זיך.

---

(סוף פון 2־טער זייט)

דרוקט א דאנק צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פאר זייער ענערגישע ארבייט צו גינסטען דעם אידישען פאלק.

נאכ'ן פארטראג קומט פאר א געמיטליכער באנקעט אויף וועלכען עס ווערען געהאלטען רעדען, מען זינגט און מען זאמעלט געלט פאר'ן „קרן היסוד“.

דר. זאלקינד'ס פארטראג און זיין ווארימער אויפרוף וועט זיכער אזוי שנעל נישט פארגעסען ווערען פון די קאפענהאגענער אידען.

---

איבריגענס, קיינער שטעלט גארנישט ביי אונז אין פראגע די בירגערליכע רעכט פון די אידען. אבער די רעגירונג וואס מוז זארגען פאר דער ווירקליכער גלייכבארעכטיגונג פון די בירגער, מוז אויך ערווארטען פון די בירגער, וועלכע אנערקענען זיך צו א אנדער נאציאנאליטעט, פאלשטענדיגע לאיאליטעט און א גוטען ווילען אין דער באציהונג צו דער מ'וכה.

וואס אנבעלאנגט די שאלות, וועלכע זענען נוגע די באציהונגען אין אמעריקא, בין איך מיט זיי נאהענט נישט באקאנט. איך וואלט מיר פריהער געמוזט באקענען זיך מיט דעם באטרעפענדען מאטעריאל.

### האנטקע און זשאבאטינסקי אין פראג.

ווי די „זעלבסטוועהר“ מעלדעט וועלען אין חודש יאנואר און פעברואר באזוכען פראג דער באקאנטער ציוניסטישער פירער אין דייטשלאנד דר. האנטקע און וולאדימיר זשאבאטינסקי.ביידע וועלען דארט אגיטירען פאר קרן היסוד אקציע.

### סאקאלאוו ביים פראנצויזישען פרעמיער־מיניסטער.

פאריז (ד. א. ק.)

מיט איינגע טעג צוריק איז דער באקאנטער ציוניסטישער טוער און פארזיצענדער פון עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה' נחום סאקאלאוו אויפגענומען געווארען אין א אודיענץ פון דעם פראנצויזישען פרעמיער־מיניסטער ב ר י א ן, וועלכער האט מיט סאקאלאוו'ן געהאט א לענגערען געשפרעך וועגען דעם ציוניזם. בריאן האט בעת זיין געשפרעך מיט סאקאלאוו'ן ארויסגעוויזען די גרעסטע סימפאטיע פאר'ן ציוניזם.

### סיר אלפרעד מאנד וועגען פאלעסטינא.

פון א גוט אינפארמירטער שטעלע אין לאנדאן איז מען אונז מודיע, דאס בעת דעם באנקעט, וואס עס איז געמאכט געווארען אין ארץ ישראל פאר דעם ענגלישען מיניסטער סיר אלפרעד מאנד, האט מאנד ערקלערט, דאס ערשט איצט, נאך דעם ווי ער האט באזוכט פאלעסטינא, איז פאר איהם קלאר געווארען דער געדאנק פונ'ם ציוניזם און ער האט פארשפראכען דאס גלייך ווי ער וועט זיך אומקעהרען קיין ענגלאנד וועט ער מיט אלע זיינע כחות אגיטירען צווישען די ענגלישע אידען און זיי אויפאדערן זיך אנצישליסען אין דער ארבייט פאר דעם צוקונפטיגען אידישען לאנד.

# די ארבייט פאר'ן „קרן היסוד" אין סקאנדינאוויען.

### אינטערוויו מיט ד"ר א. זאלקינד.

אין קאפענהאגען האט די לעצטע וואך געווײלט דער באקאנ־טער כלל־טוער און ציוניסטישער עסקן דר. אלעקסאנדער זאלקינד, וועלכער האט לעצטענס געמאכט א רייזע איבער סקאנדינאוויען און פינלאנד מיט'ן צוועק צו ארגאניזירען די ארבייט פאר'ן „קרן היסוד", וואס איז לעצטענס אזוי פאפולער צווישען דער אידישער באפעלקערונג אין אייראפא און אמעריקא.

כדי צו באקומען א שטיקעל באגריף, וועגען דער ארבייט פאר'ן „קרן היסוד" אין די פארשידענע סקאנדינאווישע שטעדט, האבען מיר געהאט א געשפרעך מיט דר׳ זאלקינד'ן וועלכער האט אונז איבערגעגעבען פאלגענדע אינטערעסאנטע איינצעלהייטען:

— די שטימונג פאר דער ארבייט פונ'ם „קרן היסוד" איז אי־בעראל זעהר א גרויסע — האט דר. זאלקינד אונז ערקלערט — איבעראל, וואו איך בין נאר געקומען׳ האב איך באקומען א פייער־ליכע אויפנאהמע׳ איך האב אנגעהויבען מיין סקאנדינאווישען טורנע מיט טראנדהיעם און פון דארט בין איך געפאהרען קיין קריסטיאניא, שטאקהאלם, געטעבארג, העלזינגפארס (פינלאנד), וויבארג און אבא׳

קיין נארוועגיען בין איך געקומען אין א זעהר שלעכטער צייט, דאך האט די קליינע אידישע באפעלקערונג, וועלכע באשטעהט פון לערך 200 אידישע פאמיליעס, געצייכענט די סומע פון לערך 200,000 קראנען׳ בלויז טראנדהיעם, וואו עס געפינען זיך 30 אידי־שע פאמיליעס האט געצייכענט דעם אווענד פון מיין פארטראג, 54,000 קראנען און האבען פארשפראכען בסך הכל צו שאפען ביז 70,000 קראנען.

אין שטאקהאלם איז מיר געלונגען צו שאפען לערך 200,000 קראנען צווישען די איינגעוואנדערטע אידען. די שוועדישע אידען האבען מיר פארשפראכען צו שאפען א באזונדערע אקציאן פאר'ן „קרן היסוד" און זיי ווילען שאפען אין פארלויף פון 5 יאהר די סו־מע פון א מיליאן קראנען כדי צו קענען שאפען א ספעציעלע „שווע־דישע קאלאניע" אין פאלעסטינא.

אין העלזינגפארס וואו עס זענען פארהאן לערך 300 אידען האט מען שוין ביז איצט געצייכענט 1 מיליאן 200,000 מארק׳ איך דענק אז אין העלזינגפארס וועט די סומע אין קורצען דערגרייכען ביז אנדערהאלבען מיליאן מארק׳

אין וויבארג, וואו עס לעבען אומגעפעהר 40 אידישע פאמי־ליעס האט מען שוין געצייכענט 600,000 מארק און אין אבא לערך א האלבען מיליאן מארק.

אומעטום — דערצעהלט ווייטער דר. זאלקינד — איז די באַ־גייסטערונג פאר'ן „קרן היסוד" בכלל און פאר פאלעסטינא בפרט, געווען אזוי גרויס, אז עס לאזט זיך כמעט נישט איבערגעבען׳ אין העלזינגפארס האבען מיך 200 אידען באגלייט צום צוג מיט א כאר פון 60 מאן, וועלכע האט געזונגען פארשידענע נאציאנאלע לידער ווי אויך די „התקוה".

— ווי אזוי דענקט איהר וועט זיך קאפענהאגען שטעלען בנוגע דער ארבייט פאר'ן „קרן היסוד"? פרעג איך דעם געעהרטען גאסט.

— דאס מוז מיר ערשט אפווארטען און זעהן! .. — ענט־פערט מיר דר. זאלקינד מיט א שמייכעל...

מיר ווילען האפען׳ אז אויך די קאפענהאגענער אידען וועלען פארשטעהן די וויכטיגקייט פונ'ם „קרן היסוד" און וועלען ערפילען זייער חוב און נישט זיין קיין אויסנאהם פון די אנדערע אידישע קהלות אין סקאנדינאוויען.

**ש. פאן.**

---

## ד"ר זאלקינד'ס פארטראג אין קאפענהאגען.

ביי א פיל־געפאקטען זאל אין דעם שטימונגספאלען סאלאן פון האטעל „פעניקס" האט, מאנטאג אווענד, דעם 14־טען פעברואר דר. א. זאלקינד געהאלטען א העכסט אינטערעסאנטען פארטראג אי־בער „די לאגע פון די אידען אין גלות און די פאלעסטינא־פראגע".

די טריבונע איז געווען דעקארירט מיט דעם ענגלישען און דענישען פאהן און מיט א בלוי־ווייסען מגן דוד אין דער מיט און דער גרויסער עולם איז געווען אין א געשפאנטער שטימונג צו הע־רען דעם גאסט רעדען איבער דער העכסט־אינטערעסאנטער טעמא.

דער פארזיצענדער פון דער „הגדות הציונים בדנמרק", דר. פסחאוויטש ערעפענט דעם אווענד און באגריסט אין עטליכע האר־ציגע ווערטער דעם גאסט און גיט איהם דאן איבער דאסווארט.

דר׳ זאלקינד ווערט אויפגענומען מיט באגייסטערונג און ער הויבט אן זיין פארטראג מיט א גענויעם איבערזיכט איבער דער שטעלונג פון די אידען צו דער מלחמה און דאן אנגעוויזען אויף דעם שאדען׳ וואס דאס אידישע פאלק האט געליטען און ליידט נאך ביז היינט צו טאג.

אין זיין זאכליכען פארטראג גיט דר׳ זאלקינד איבער א טרוי־ריגע שילדערונג וועגען דער איצטיגער סיטואציע פון די אידען אין סאוויעט־רוסלאנד, אוקראינא, פוילען און צענטראל־אייראפא און ווייזט אן, אז דער אנטיסעמיטיזם האט שוין אפילו דערגרייכט ביז צום פרייען אמעריקא.

אין דער אנדערער העלפט פון פארטראג געהט דר. ז. איבער צו דער פראגע פון פאלעסטינא און ווייזט אן אז איצט איז געקומען דער מאמענט, ווען דאס אידישע פאלק דארף פארשטעהן דעם ערנס־טען מאמענט און דארף אנשטרענגען אלע כחות כדי צו העלפען צו־ריק אויפבויען דאס אידישע לאנד.

באריהרענדיג די פראגע פון „קרן היסוד" ווענדעט זיך דער רעדנער מיט דער פאדערונג צו די קאפענהאגענער אידען אז זיי זאלען מיטהעלפען אין דער גרויסער אקציע פאר'ן „קרן היסוד" צו־זאמען מיט'ן גאנצען אידישען פאלק.

ווען דר. ז. ענדיגט זיין אויפרוף צו די קאפענהאגענער אי־דען׳ ברעכט אויס א שטורם פון אפלאדיסמענטען און דאן לעזט דר. פסחאוויטש פאר א רעזאלוציע אין וועלכער עס ווערט אויסגע־

(סוף אויף 3־טער זייט)

איינציגסטע
אידישע
וואָכענשריפט
אין
סקאַנדינאַוויען
רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

2. Aargang. Nr. 5. Fredag, 18 Februar 1921. פרייטאג 2־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.


# אויפמערקזאם!

מיר טיילען דא מיט אונזערע געעהרטע אבאנענטען, לעזער און פריינד, דאס די רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון דער איינציגער אידישער וואכענשריפט אין סקאנדינאוויען

## „די אידישע וועלט"

איז צוליב פארשידענע סבות פארלויפיג געבליבען אויף דער זעלבער אדרעס ווי פריהער

פרעדעריקסבערג אַללע 28

לײדער איז אונז איצט אונמעגליך צו פארעפענטליכען די סבות פון די שרעקליכע פארפאלגונגען וואס „די אידישע וועלט" האט לעצטענס געהאט אויסצושטעהן. מיר וועלען אבער אין דער נאהנטסטער צוקונפט ברענגען פאר דער ברייטער עפענטליכקייט א גענויע ערקלערונג בנוגע די דאזיגע פארפאלגונגען.

די רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פון „די אידישע וועלט"


Abonnement paa
„Di Yidisc eWelt"
16 Kr. pr. Aar.
8 Kr. pr Halvaar.
4 Kr. pr. Kvartal.

אבאנעמענטס־פרייז פאר
„די אידישע וועלט":
יעהרליך — 16 קראנען
האלב־יעהרליך — 8 קראנען
פירטעל־יעהרליך — 4 קראנען

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג
Dybbølsgade 11[4]
אדער דורכ ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 Kjøbenhavn B

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Efterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Ore, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt» Dybbølsgade Nr. 11[4] — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.

**OLAF LASSEN & Co.**

אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך

**נארד און זידאמעריקא אפריקא אוסטראליען**

ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

**אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.**

מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענץ קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפבליך: פאס־באקס 21,
קאפענהאגען ב.

אגענטען

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער.

**FRUGTSAFTER**
**HORNBECH**
**FRUGTVINE**

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטאריזירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

## Frederiksberg Bank,

**Gl. Kongevej 107,**
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

פרעדעריקסבערג באנק.

דאלארען פונטען, מארקס און אלע אנדערע וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

נייע פאבריקאציע!

ריינער אריענטאלישער טאבאק!
Rose Nr. 101
20 שטיק אין א פעקעל — 35 ערע

C. B. Meller & Co.




Flyg er og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

אנאנסען

אין „קאפעע־בלאט״

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.

אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפעע־בלאט׳ס“ עקספעדיציע

Cafe Bladets Expedition, Dybbølsgade 11[4]. København B. Telf Vester 7332.

Cafe & Restaurant
**"Osborne,,**
**Vesterbrogade 84. C. 2777.**

גוטע און געשמאקע, פרישטאגען, מיטאגען און נאכט־עסענ׳ס צו מעסיגע פרייזען.

די בעסטע סארטען וויין און געטראנקען.

פייער־פארזיכערונג

אין אלע אנדערע פארזיכערונגען גען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער ס׳נדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

# די אידישע וועלט.

## נייעס פון דער וואך.

### הילף פאר די אידישע יתומים אין אוקראינא.

אויף דעם אפעל, מיט וועלכען די עקזעקוטיווע פון דער אידישער וועלט־הילפס־קאנפערענץ האט זיך געווענדעט צו די אידישע ארגאניזאציעס, האט די עקזעקוטיווע באקומען ווייטערדיגע ענטפערס. די צענטראלע פאר אידישע וואוילטעטיגקייט אין אנטווערפען האט אסיגנירט פאר די אידישע יתומים אין בעסאראביען 17000 פראנק. דער אידישער יתומים־קאמיטעט אין גענף האט באשלאסען צו באשטימען אויף דעם זעלבען צוועק א טראנספארט פון שיך און קליידער. פון די ווייטע לענדער (ארגענטינא, דרום־אפריקא) איז נאך קיין תשובה נישטא· די עקזעקוטיווע האפט אבער, אז אויך דארט וועט איהר אפעל געפינען א געהעריגען אבקלאנג.

### די פראגע וועגען די מזרח-אידישע סטודענטען.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון דער פרייסישער לאנדעס־פארזאמלונג האבען איניגע דייטש־נאציאנאלע דעפוטאטען פארגעווארפען דעם מיניסטער העניש· פארוואס ער דערלאזט אזוי פיל מזרח־אידישע סטודענטען צו די דייטשע אוניווערסיטעטען. זיי האבען געפאדערט איינצופירען באגרענצונגען פאר די דאזיגע סטודענטען.

דעראויף האט דער מיניסטער געענטפערט: מיר קענען נישט די שטודירענדע פון די מזרח־לענדער האלטען אפגעזונדערט פון אונזערע אוניווערסיטעטען· ענגלאנד רופט זיי אפילו צו זיך (א דייטש־נאציאנאלער רופט: אבער נישט די גאליציאנער) איך בין נישט קיין פילאסעמיט און נישט קיין אנטיסעמיט· אבער כ׳מוז דעראויף אנווייזען, אז די אידען האבען זער א סך מיטגעהאלפען צו שטארקען דעם ווירטשאפטליכען איינפלוס פון דייטשלאנד אין מזרח. איך מוז אייך דערמאנען, אז בעת דער מלחמה האט די דייטשע רעגירונג זער א סך נויטיג געהאט די אונטערשטיצונג פון די מזרח־אידען. הינדענבורג און לודענדארף האבען כסדר ארויסגעלאזט אויפרופען צו די אידען און פארלאנגט זייער מיטארבייט.

### מענדעל ביילים פאהרט קיין אמעריקא.

פון פאלעסטינא איז מען מודיע, אז דער באקאנטער אידישער מארטירער מענדעל ביילים, וועלכער האט זיך פאר דער גאנצער צייט פון דער מלחמה אויפגעהאלטען אין ארץ־ישראל, פאהרט בקרוב אפ קיין אמעריקא ווי ס׳איז שוין געווען מיטגעטיילט האט מענדעל ביילים לעצטענס זיך געפינען אין א זער שווערער פינאנציעלער לאגע. דאס איז מסתמא אויך די סבה פון זיין רייזע קיין אמעריקא·

### סאקאלאוו׳ס אינטערווענץ פאר די מאראקאנער ציוניסטען.

צוליב די הערשענדע מיליטער־געזעצען אין מאראקא, וועלכע שטערען די טעטיגקייט פון פאליטישע ארגאניזאציעס אין לאנד האבען די דארטיגע ציוניסטישע אגודות געהאט שטארקע שטערונגען אין זייער ארבייט נישט קענענדיג אויסווירקען די לעגאליזאציע מצד דער מאראקאנישער מאכט. ה׳ נחום סאקאלאוו· וועלכער האט אנגענומען שריט וועגען דעם ביים פראנצויזישען הויי־קאמיסיאנער אין טוניס, האט פון לעצטען באקומען א בריף, אין וועלכען דער פראנצויזישער פארטרעטער טיילט מיט, אז ער האט זיך בנוגע דעם געווענדעט צו דער מאכט אין מאראקא אונטערשטיצענדיג די ציוניסטישע פאדערונג· דער הויי־קאמיסיאנער לויבט זעהר די טוניסער ציוניסטען און פארצייכענט זיי אלס געטרייע און לאיאלע פריינד פון פראנקרייך.

### אלפרעד מאנד און וויצמאן אין ירושלים.

פון ירושלים ווערט מיטגעטיילט, דאס דער ענגלישער מיניסטער פאר עפענטליכער ארבייט סיר אלפרעד מאנד· און דער פיהרער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע דר· חיים ווייצמאן זענען אהין אנגעקומען אין די אינטערעסען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע· סיר מאנד וואוינט אויפ׳ן הר הזיתים, אין הויז פון דעם ענגלישען הויי־קאמישאנער סיר הערבערט סעמיול.

---

דרוקזאכען!

ביליג און שעהן!

אידישע און דענישע דרוק־ארבייט ווערט אויסגעפיהרט שעהן, געשמאקפול און פארהעלטניסמעסיג ביליג אין דער דרוקעריי פון

„די אידישע וועלט"

**Toldbodgade 5. St.**

**København Telf. Palæ 1014.**

# די אידישע עמיגראציע קיין אמעריקא.

## דער אמעריקאנער סענאט האט אפגעווארפען די באגרענצונג פאר דער עמיגראציע.

אין „די אידישע וועלט״ פון לעצטען פרייטאג האבען מיר געבראכט די טעלעגראפישע ידיעה פון וואשינגטאן, אז דער אמעריקאנער קאנגרעס האט מיט 243 שטימען געגען 41 אנגענומען דעם באשלוס, אז אמעריקא זאל אפגעשלאסען ווערען פאר עמיגראנטען אויף א יאר צייט.

עס איז זיך דערום לייכט פארצושטעלען וואס פאר אנ׳איבעראשענדען איינדרוק די דאזיגע טרויריגע ידיעה האט געמאכט אויף א גרויסען טייל פון דער אידישער באפעלקערונג אין די מזרח־לענדער, ווען זיי האבען דערהערט, אז אמעריקא האט אפגעשלאסען די טויערען און וועט אין פארלויף פון א יאר צייט נישט אריינלאזען קיין עמיגראנטען.

לעזענדיג די דאזיגע טרויריגע ידיעה האט מען אבער אויף איין אויגענבליק פארגעסען אז דער אמעריקענער סענאט האט אויך וואס צו זאגען בנוגה דעם וויכטיגען באשלוס און אז אהן דעם סענאט׳ס צושטימונג קאן דער אנגענומענער באשלוס פונ׳ם קאנגרעס (פארלאמענט) נישט פארעכענט ווערען אלס געזעץ.

אזוי איבעראשענד ווי עס איז געווען דער באשלוס פונ׳ם קאנגרעס, נאך פיל איבעראשענדער איז געווען דער באשלוס פונ׳ם אמעריקאנישען סענאט.

פון וואשינגטאן איז די טעג אנגעקומען די פאלגענדע איבעראשענדע ידיעה, וועלכע ווארפט א גאנץ אנדערען ליכט אויף דער דאזיגער העכסט־וויכטיגער פראגע, אין דער וואשינגטאנער ידיעה פונ׳ם 21־טען יאנואר ווערט איבערגעגעבען פאלגענדעס:

די קאמיסיע פאר עמיגראציע־ענינים, וועלכע באשטעהט פון א באדייטענדע צאהל אנגעזעהענע סענאט־מיטגלידער, האט אפגעווארפען דעם באשלוס פונ׳ם אמעריקאנישען קאנגרעס, וועלכער האט פארבאטען די עמיגראציע קיין אמעריקא אין משך פון א יאר צייט!

ווי עס איז צו זעהן איז דער אמעריקאנישער סענאט (אויבערשטע פאלאטע) נישט אייניג אין דעם פרט מיט דעם פארלאמענט און האט איינפאך צוריקגעוויזען זיין באשלוס.

איצט בלייבט נאר די פראגע, וואס וועט דער פארלאמענט איצט טון כדי דורכצופירען זיין ווילען.

עס איז א פאקט, אז א באשלוס פון א פארלאמענט קאן בשום אופן נישט ווערען א געזעץ אהן דער צושטימונג פון דער אויבערשטער קאמער אהן די אונטערשריפט פונ׳ם רעגענט אין לאנד — קעניג אדער פרעזידענט.

איצט איז אבער די פראגע, וואס דער אמעריקאנישער קאנגרעס וועט ווייטער טון בנוגע דעם דאזיגען ענין. אויב דער קאנגרעס וועט אויף צו להכעיס דעם סענאט דוקא וועלען דורכפירען דעם באשלוס וועגען אפצושליסען די טויערען פאר עמיגראנטען, קאן מעגליך זיין, אז די פראגע וועט נאך אמאל באהאנדעלט ווערען אינ׳ם קאנגרעס און נאך דעם ווי דער באשלוס וועט דריי מאל אנגענומען ווערען מיט א מערהייט קאן מעגליך זיין, אז דעם קאנגרעס באשלוס וועט סיי ווי סיי ווערען א פראוויזארישעס געזעץ נישט קוקענדיג דערויף וואס דער סענאט האט דעם פראיעקט צוריקגעוויזען.

דאס איז אבער א פראגע פון צייט. כל זמן דער סענאט זאט נישט צוגעשטימט צום באשלוס פונ׳ם קאנגרעס וועט זיך דאס אפשלעפען חדשים־לאנג און עס קאן זיין אז די פראגע וועט בכלל מער נישט באריהרט ווערען.

איצט בלייבט נאך צוריק איין וויכטיגע פראגע: די האנדלונג פון דער רעגירונג? אויב די רעגירונג איז געשטימט פאר דאס באגרענצען די עמיגראציע, וועט זי זיכער שוין איצט אנהויבען איינפירען א געוויסע שטרענגקייט פאר עמיגראנטאן. איז אבער די רעגירונג גאנץ נייטראל בנוגע דער פראגע, דאן מוז עס בלייבען ביים אלטען: פרייע עמיגראציע קיין אמעריקא אויפ׳ן סמך פון די מיט צוויי יאר צוריק אנגענומענע באשלוסען!

י. ש.

---

## ערקלערונג.

— צוליב מאנגעל אין פלאץ וועט דער המשך פון דר. ל. סעגאל׳ס אינטערעסאנטען ארטיקעל „קונסט און לעבען״ ערשט קענען ערשיינען אין נעכסטען נומער פון „די אידישע וועלט״.

— צוליב דעם, וואס די רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון „די אידישע וועלט״ ציהט זיך איבער אין איר נייעם לאקאל — טאלדבאדגאדע נומער 5 — וועט דער נעכסטער נומער פון אונזער צייטונג ערשט קענען ערשיינען פרייטאג דעם 11־טען פעברואר׳

די רעדאקציע.

איינציגסטע
אידישע
וואכענשריפט
אין
סקאנדינאוויען
רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

2. Aargang. Nr. 4. Fredag, 28 Januar 1921. פרייטאג 2־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

**Ugeblad for jødiske Interesser.**

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.



| Abonnement paa „Di Yidische Welt" | אבאנעמענטס־פרייז פאר „די אידישע וועלט": |
|---|---|
| 16 Kr. pr. Aar. | יעהרליך — 16 קראנען |
| 8 Kr. pr Halvaar. | האלב־יעהרליך — 8 קראנען |
| 4 Kr. pr. Kvartal. | פירטעל־יעהרליך — 4 קראנען |

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג

Dybbølsgade 11⁴

אדער דורכ ; טעלעפאן: Vester 7332

Postgiro 432 Kjøbenhavn B

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Efterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Ore, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre a't pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt» Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.


## אויפמערקזאם!

דער נייער לאָקאל פון

## „די אידישע וועלט"

מיר טיילען דא מיט אונזערע געעהרטע אבאנענטען, לעזער און פריינד· דאס די רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון דער איינציגער אידישער וואכענשריפט אין סקאנדינאוויען

## „די אידישע וועלט"

וועט פון 1. פעברואר זיך אריבערציהען אין דעם נייען לאקאל פון אונזער רעדאקציע· וועלכער ווערט איצט איינגעארדענט אויף

טאָלדבאָדגאַדע נומער 5.

פארצייכענט אונזער נייער אדרעס:

„Di Yidische Welt"

Toldbodgade 5. København.

Telf. Palæ 1014.




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג : 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

---

**מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.**

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען· געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל·
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 21,
קאפענהאגען ב.

---

**אגענטען**

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער:

---

FRUGTSAFTER
**HORNBECH**
FRUGTVINE

---

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

דיגעווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטארירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען·

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

---

## Frederiksberg Bank,

**Gl. Kongevej 107,**
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

**פרעדעריקסבערג באנק.**

דאלארען פונטען·
מארקס און אלע אנדערע וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

---

**נייע פאבריקאציע!**

ריינער אריענטאלישער טאבאק !
Rose Nr. 101
20 שטיק אין א פעקעל — 35 ערע
C. B. Møller & Co.

---




Flygler og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

---

**אנאנסען**

**אין „קאפע־בלאט״**

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.

אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפע־בלאט׳ס״ עקספעדיציע

Cafe Bladets Expedition, Dybbølsgade 11⁴. København B. Telf. Vester 7332.

---

## Cafe & Restaurant
## "Osborne,,
**Vesterbrogade 84. C. 2777.**

גוטע און געשמאקע, פרישטאגען, מיטאגען און נאכט־עסענ׳ס צו מעסיגע פרייזען.

די בעסטע סארטען ויין און געטראנקען.

---

**פייער־פארזיכערונג**

און אלע אנדערע פארזיכערונגען געגען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלפגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

# די אידישע וועלט.

## נייעס פון דער וואך.

### ראטשילד׳ס ציוניסטישע רייזע קיין אמעריקא.

פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן איז מען אונז מודיע:

דעם 8־טען יאנואר איז באראן דזשעמס ראטשילד אבגעפארען נאך אמעריקא. דער באראן האט אונטערגענומען די נסיעה לויט דער איינלאדונג פון אויבער־ריכטער בראנדייס, דער עהרען־פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און ריכטער מעק׳ דער פרעזידענט פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע. פאר זיין אוועקפארען האט באראן ראטשילד אפגעהאלטען א רייהע קאנפערענצען מיט דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן.

### זשאבאטינסקי׳ס באזוך אין בערלין.

פון בערלין איז מען אונז מודיע, אז וו. זשאבאטינסקי, וועלכער איז באשטימט געווארען אלס דירעקטאר פון דער פראפאגאנדע־אפטיילונג פונ׳ם „קרן היסוד״, האט לעצטע וואך געהאלטען צוויי פארטראגען, אויף רוסיש און דייטש, וועגען דער באדייטונג און וויכטיגקייט פונ׳ם „קרן היסוד“.

זשאבאטינסקי׳ס צוויי פארלעזונגען האבען אין בערלין געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק, זיין וואונדערבארער רעדנער־טאלענט, זיין שפראך און זיינע געדאנקען האבען ארויסגערופען באגייסטערונג ביי דער גאנצער אידישער באפעלקערונג פון בערלין.

### די אידישע דעלעגאציע און די אידען־פראגע אין פוילען.

צום לאנדאנער אידישען קארעספאנדענץ־ביורא טיילט מען מיט פון פאריז:

דעם 8־טען יאנואר אין אווענד איז פארגעקומען די ערשטע פלענאר־זיצונג פונ׳ם קאמיטעט פון די אידישע דעלעגאציעס. עס זענען געווען אנוועזענד דער פארזיצענדער נחום סאקאלאוו, דער גענעראל־סעקרעטאר לעא מאצקין. סער סטיוארט סעמועל (ענגלאנד) אינז. טעמקין (אוקראינא) באריס גאלדבערג, אדוו. סליאזבערג, א. גאלדשטיין, מ. חינדעס, דר. קרעמער (בוקאווינא) האנס קאהן (טשעכא סלאוואקיען) דר. י. פאסמאניק (קרים) אדוו. א. האלפערן (דרום־רוסלאנד) און אנדערע. די זיצונג האט געעפענט נ. סאקאלאוו מיט א באריכט וועגען דער טעטיגקייט פונ׳ם קאמיטעט אין זשענעווע. ער האט אויסגעדרוקט זיין צופרידענהייט מיט דער אקציע און צווישען אנדערעס געזאגט:

„וואס אנבאטרעפט פוילען מוז איך פעסטשטעלען דעם אמת אין באציהונג צו א קלאגע, וועלכער האט זיך באוויזען אין א טייל פון דער פרעסע. קיינער האט נישט אפגעהאלטען אונזער דעמאנסטראציע געגען פוילען שוין דערפאר אליין, ווייל מיר האבען גאר נישט געהאט בדעה ארויסצוטרעטען געגען פוילען, מיר האבען פאראויס באשלאסען נישט צו באריהרען בעת דער איצטיגער סעסיע די פויליש־אידישע באציהונגען. און דאס האבען מיר געטון נישט כדי צו דערוועקען סימפאטיע ביי איינע, און רייצען די צווייטע, נאר גאנץ איינפאך דערפאר, ווייל מיר האבען גענומען אין באטראכט דעם איצטיגען צושטאנד פון דער אידען־פראגע אין פוילען.

---


# אויפמערקזאם!

## דער נייער לאקאל פון

## „די אידישע וועלט“

מיר טיילען דא מיט אונזערע געעהרטע אבאנענטען, לעזער און פריינד, דאס די רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון דער איינציגער אידישער וואכענשריפט אין סקאנדינאוויען

## „די אידישע וועלט“

וועט פון 1. פעברואר זיך אריבערציהען אין דעם נייען לאקאל פון אונזער רעדאקציע, וועלכער ווערט איצט איינגעארדענט אויף

טאלדבאדגאדע נומער 5.

פארצייכענט אונזער נייער אדרעס:

„Di Yidische Welt“

Toldbodgade 5. København.

# די אידישע עמיגראציע דורך פראג.

אין דעם ערשטען נומער „הילף“, ארויסגעגעבען פון דעם עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער אידישער וועלט־הילף־קאנפערענץ אין פאריז. געפינען מיר פאלגענדע אינטערעסאנטע איינצעלהייטען וועגען דער אידישער עמיגראציע דורך טשעכאסלאוואקיען:

די עמיגראציע דורך פראג האט זיך אנגעהויבען ענדע אויגוסט בעת די באלשעוויקעס האבען זיך דערנענטערט צו ווארשא. ביז דער לעצטער צייט האבען אנ׳ערך 4000 אידען באקומען אמעריקאנער וויזעס אין פראג א דאנק דער פארמיטלונג פון די ארטיגע אידישע ארגאניזאציעס. אין משך פון די ערשטע 4 וואכען פלעגען טאגטעגליך אהער אנקומען הונדערטער היימלאזע. יום־טובים־צייט האט זיך די עמיגראציע אפגעשטעלט. גאכדעם איז דער שטראם פון די היימלאזע געווארען כאטש שוואכער, נאר רעגעלמעסיגע.

דאס האט געדויערט אזוי ביז אין מיט׳ן אקטאבער. דאמאלט האט זיך דער אמעריקאנער קאנסולאט אפגעזאגט צו וויזירען פעסער, א חוץ פאר טשעכא סלאוואקישע בירגער, אדער פאר אזעלכע היימלאזע, וואס וואוינען שוין אין טשעכא סלאוואקיע עטליכע יאר און באקומען זייערע פעסער פון דעם פוילישען קאנסול אין פראג.

די סיבה דערפון איז, וואס לויט די פאראָרדנונגען, וועלכע די אמעריקאנער קאנסולאטען האבען דערהאלטען פון זייער רעגירונג, דארפען די פעסער פאר אמעריקא וויזירט ווערען בלויז פון די קאנסולאטען, וואס געפינען זיך אין די היימאט־לענדער פון די עמיגראנטען. איי וואס אין די חדשים סעפטעמבער און אקטאבער איז געמאכט געווארען אן אויסנאם פון דעם כלל, איז דאס געווען דערפאר, ווייל די אמעריקאנער קאנסולאטען האבען זיך גערעכענט מיט די באוואוסטע אומשטענדען אין מזרח.

א סך פון די עמיגראנטען, ניט לאנג אנטלאפענע פון מזרח־גאליציען, זענען געקומען אין פראג אן פעסער. מען האט זיי ארויסגעגעבען אוקראינער פעסער אויפ׳ן סמך פון היימאט־שיינען לויט אן אפמאך מיט׳ן אוקראינער קאנסולאט, אויף וויפיל די דאזיגע אנטרונענע שטאמען פון מזרח־גאליציען אדער אוקראינא. די אמעריקאנער קאנסולאטען האבען די דאזיגע פעסער וויזירט אן שום מניעות ביז אין מיטען אקטאבער. זיך רעכענענדיג דערמיט, אז אויף דער טעריטאריע פון דער מערב־אוקראינער רעפובליק איז נישטא קיין אמעריקאנער קאנסולאט· די וויזירונג פון די פעסער איז אפגעשטעלט געווארען צוליב דעם טעם· וואס די אוקראינער רעפובליק איז נאך נישט אנערקענט פון די פאראייניגטע שטאטען.

די דאזיגע באשטימונג רירט זער שטארק אן די אנטרונענע פון מזרח־גאליציען, ווייל נאך די געשעהענישען פון די לעצטע עטליכע חדשים אין יענעם לאנד, איז די אויסוואנדערונג קיין אמעריקא געבליבען די לעצטע רעטונג פאר זיי.

וואס איז שייך די עמיגראנטען פון פוילען גופא, שטעהט די זאך אזוי, אז דער איינציגער אמעריקאנער קאנסולאט אין פוילען, וואס געפינט זיך אין ווארשא, איז נישט בכח צו באפרידיגען די גרויסע מאסע עמיגראנטען, און דאס שאפט א גרויסען מאטעריעלען און מאראלישען היזק פאר די וואס דארפען דארט ווארטען אויף א וויזע· אין פראג האט מען די עמיגראנטען פארזארגט מיט דאקומענטען אין 2 – 3 טעג. חוץ דעם דארף מען נעמען אין באטראכט, אז פון פראג קען דער עמיגראנט דערגרייכען 4 פארטען: ראטערדאם, אמסטערדאם· האוור און טריעסט, בעת אז פון ווארשא קען מען רעכענען בלויז אויף איין פּארט — דאנציג.

אויף צו שטיצען די עמיגראנטען האט זיך אין פראג געבילדעט א קאמיטעט, אין וועלכען עס געהן אריין פארטרעטער פון אלע אידישע קרייזען· חוץ דער מאראלישער הילף, וועלכע דער קאמיטעט קען געבען די דורכפארענדע, האט ער אויף געזאמעלט אן ערך 200,000 קראנען פאר רייזע־אונטערשטיצונג. די עמיגראנטען האט מען איינגעארדענט אין זאל פון אידישען ראט־הויז און זיי באקומען עסען אין דער כשר׳ער פאלקס־קיך. פאר׳ן וואוינען אין זאל צאלען זיי גארנישט און פאר קעסט — נאר צום טייל· מיט גרויסע הוצאות איז געווען פארבונדען די סאניטארע ארבייט, א דאנק וועלכער עס זענען אויסגעמיטען געווארען ערנסטע קראנקהייטען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ס׳איז געווען אויפגעזאמעלט אין איין ארט אזא מאסע מענשען.

היות ווי ביי די פארהעלטעניסען אין מזרח, איז די עמיגראציע די איינציגע רעטונג פאר די אידען, וואס לעבען דארט, און אזוי ווי נישט דער אמעריקאנער קאנסולאט אין ווארשא און נישט דער פארט אין דאנציג זענען נישט ביכולת גיך אפצופארטיגען דעם גרויסען שטראם עמיגראנטען. וואלט דאס געווען א גרויסע הילף פאר די דאזיגע אומגליקליכע, ווען זיי וואלטען האבען די מעגליכקייט צו באקומען אן אמעריקאנער וויזע אויך אין פראג.

## אָפּגעֶשלאָסעֶן אמעֶריקאַ פאַר עֶמיגראַנטעֶן.

פון וואשינגטאן קומט אן די טרויריגע ידיעה, אז דער אמעריקאנער קאנגרעס האט אנגענומען מיט 243 שטימען געגען 41· אז אמעריקא זאל אפגעשלאסען ווערען אויף א יאר פאר עמיגראנטען. בלויז מענער, וועלכע זענען נייטראליזירטע אמעריקאנער בירגער וועלען קענען אריבערנעהמען זייערע פרויען און קינדער.

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

.6

### פלאצק־מאזאוויעצק.

(המשך)

איך געה פארביי פלאצק — דאס אידילישע פרעהליך־חנ׳עווידיגע, סימעטרישע לעגענדארע, און וועל באריהרען דאס אידישע קולטור-און געמיינדע־לעבען. נאר להיפך פון דעם ערשטען, אויסערליכען, וואס שמעקט מיט אידילישען רוח, איז דאס קולטור־לעבען דארה סתם שוואך און בלאס. פלאצק פארמאגט א אידישע גימנאזיע, עטליכע ארגאניזאציעס פאר געזעלשאפטליכער און קולטורעלער ארבייט, נאר דאס גיט נישט־צו דעם לעבען עפעס א באזונדער כאראקטער; עס פעהלט דארט דער נערוו פון הייסען לעבען, דאס, וואס עס זאל אוועקשטעלען פון איין זייט „מאסע" און פון דער אנדערער — „אינטעליגענץ", און סתם עפיס אזעלכעס, וואס עס זאל אונטערשיידען „מיך" פון „דיך".

דער פלאצקער איינוואוינער איז א האלב־געבילדעטער, האלב־פאליטישער און חאלב־נאציאנאלער בעל־הבית. ער קאן אויך זיין פון וואס נור א פארטיי איר ווילט, אבער אים אונטערשיידט נישט פון אייך די עקסטע פארטייאישקייט. איך שרייב עס נישט צו דער גרויסער ענטוויקלונג — פארקערט, גיכער דעם שוואכען ארגאניזאציאנס־כאראקטער. עס איז עפעס נישטא די הייסקייט און ווילדקייט פאר אידיש און געגען אידיש, פאר העברעאיש און געגען העברעאיש, און אין א געוויסער מאס האלטען מיר עס פאר א מעלה אין פלאצק, אבער עס איז דאך א חסרון.

א חסרון איז דאס, וואס פלאצק, ווי איר שוועסטערל וולאצלאוועק, שטעהען אונטער׳ן שטארקען איינפלוס, נישט, למשל, פון דער ווארשאווער הייסער אסימילאציע פון די וואסערצוגס און קעמפנערס, נאך אונטער׳ן פוילישען אזוי־גערופענעם „אביוואטעלסקי דוך", און ווירקליך דערקענט מען דארט טאקי דעם בעל־הבית׳ישען גייסט אין אלע איגזיכטען.

אזוי, למשל, פעהלט אויך דארט דער געוועהנליכער טיפ „הייסער חסיד" — אט די פרעהליך־געשטימטע חסיד׳ישע וועלט, וואס האט מיט איר גייסט א שלאג געטון איבער פוילען. האט עפעס פלאצק אויסגעמידען. א פלאצקער חסיד איז א איד מיט א סאמעטענעם היטעל, מיט פאות, מיט א טלית־זאק און מיט א ביסעל קליין־הענדלעריי אין הארצען אין פלאצק, למשל, ווי אין לובלין, וועט איר נישט געפינען קיין זכר פון יענער גרויסער געשיכטע פון צדיקים און קדושים. עס פעלט עפעס דער גאנצער ענין פון קולט פאר׳ן חסיד׳יזם, דער גאנצער פולס דערפון.

פאמעליכער און מיט א בעל־הבית׳ישער שטילקייט פליסט אויך דאס לעבען פון דער אידישער געמיינדע. ווען דו פאהרסט דורך די פראווינץ, באקענסטו זיך מיט פארשידענע קאנפליקטען צווישען רב און חזן און צווישען חזן און די שוחטים. פלאצק פארמאגט נישט עפעס כאראקטעריסטישעס אין דער הינזיכט, ווארום פאמעליכער, מיט א בעל־הבית׳ישער רוהיגקייט זיצען די דאזארעס אהן וואהלען שוין עטליכע גוטע יארען, קיינער שטויסט זיי נישט ארויס און קיינער נעהמט זיי נישט אריין, און זיי שטופען דעם עולם צו צאלען עטאט, צו פארריכטען די מקוה, צו הייצען די באד א אז. וו.

יואל מאסטבוים.

---

ראָמאַנטיק און א טײל פון זײנע פיהרער, וואָס זענען צום סוף אַוועק צום קאַטאָליציזם.

כאָטש די ראָמאַנטיקער זענען געווען פאַרעהרער פון דעם מיטעלאַלטער האָבען זײ פונדעסטוועגען נישט געשטרעבט ווידער אײנצופירען דעם מיטעלאַלטערישען פאָליטישען שטאַאט מיט זיין פעאָדאַליזם. די מיסטיק פון דעם מיטעלאַלטער האָבען זײ ליב. נישט די קעניגע, אָדער פויפסטען פון יענער צײט באַזינגען זײ, נאָר אײנפאַכע טרוימער, פאַרליבטע און לעגענדען-מיסטיקער.

די ראָמאַנטיקער האָבען געזוכט צו שילדערען אין זײערע ווערק נישט וואַרשײנליכקײטען אָדער ווירקליכע ערייגנישען, נאָר פאַנטאַזיען און שטימונגען, נישט זעהן ווילען זײ די זאַכען נאָר פיהלען. אין דעם דרום-לעבען, אין די באַוועגונגען פון די וואָלקענס, אין די שאָטענס פון דעם וואַלד און אין דער טונקעלקײט פון דער נאַכט הערען זײ זיך אײן און פיהלען די סימפאניע פון דער נאַטור.

פון די פאַרשידענע קונסטען איז דערפאַר די מוזיק אמייסטען ראָמאַנטיש. פאַר די ראָמאַנטיקער איז אפילו אַלעס מוזיק. אפילו רעליגיאָן איז אויך מוזיק. פאַר דעם גרויסען ראָמאַנטישען פילאָזאָף שלייערמאַכער איז „מוזיק די גרעסטע צויבערין" — זאגט טיעק — „זי אַכט מאונז זעהן וואונדער און גלויבען אין נסים. אין דער צײט וואס פאר דעם ראָמאַנטיקער שלעגעל איז אפילו ארכיטעקטור „פאַרפרוירענע מוזיק"...

אַמליבסטען איז פאַר די ראָמאַנטיקער דער אָנפאַנג און דער סוף, וואָס זײ האַלטען פאַר דער הויפט-זאַך. זײ גלויבען אַז דאָס איז די קוועלע פון באַגײסטערונג, אַז דאָס שאַפט וואונדער, דאס איז פאַר זיי איבערמענשליך הייליג, פאַר שלעגעל׳ן איז ליבער „דער נשמה׳ס נשמה". און דער ראָמאַנטיקער נאוואַליס באַזינגט זי „אַלס די העכסטע רעאַליטעט, דער אָנפאַנג פון אַלעס". זײ בענקען נאָך דער ליבע אַלײן און זי איז פאַר זיי דאָס אוניווערסאַלע מיטעל, וועלכעס וועט היילען אַלע קראַנקהײטען פון וועלכע די מענשהײט לײדעט...

(המשך פאָלגט)

# לארד רעדינג.

אין „די אידישע וועלט“ פון פאריגער וואך האבען מיר געבראכט די ידיעה פון לאנדאן וועגען דער באשטימונג פון דעם באקאנטען אידיש־ענגלישען פאליטיקער לארד רעדינג אלס וויצע־קעניג פון אינדיען. פאריגע וואך איז די דאזיגע אינטערעסאנטע פראגע וועגען לארד רעדינג׳ס נייע שטעלונג געווען די סענסאציע פון דער וואך אין דער גאנצער ענגלישער פרעסע.

אנגעהויבען פון דער „סטאר“ ביז די גרעסטע לייטענדע צייטונג ווי די „טיימס“, „מארנינג־פאסט“ און „מאנשעסטער־גארדיען“ — האט די גאנצע ענגלישע פרעסע טעגליך געווידמעט שפאלטען־לאנגע ארטיקלען דער דאזיגער פראגע און דאס גאנצע פאליטישע ענגלאנד האט מיט דער גרעסטער שפאנונג אפגעווארט אויף דעם ענטשיידענעם אויגענבליק — דער באשלוס פונ׳ם ענגלישען קעניג.

מיט דער אויסנאהמע פון דער „מארנינג פאסט“ האט די גאנצע ענגלישע פרעסע זיך ארויסגעזאגט סימפאטיש פאר לארד רעדינג און אנגעוויזען דערויף׳ אז ער איז דער איינציגסטער פערזאן׳ וועלכער קאן אינ׳ם איצטיגען קריטישען מאמענט איבערנעהמען די פאראנטווארטליכע שטעלונג אלס וויצע־קעניג פון אינדיען.

דאגעגען האט די „מארנינג פאסט“׳ וועלכע איז באקאנט פאר איר אידען־פיינדליכער פאליטיק נישט אויפגעהערט צו העצען געגען דעם „אידישען וויצע־קעניג פון אינדיען“ און אנגעוויזען וואס פאר א באליידיגונג עס וועט זיין פאר דער גאנצער אינדישער נאציאן ווען א איד וועט באשטימט ווערען אלס הערשער פון אזוי פיל מיליאן מוסלימאנער.

א פנים אז די העצע פון דער אנטיסעמיטישער צייטונג האט קיין גרויסע ווירקונג נישט געהאט; דער ענגלישער קעניג האט צוגעשטימט צו לאיד דזשארדזש׳ס פארשלאג און לארד רעדינג איז באשטימט געווארען אלס וויצע־קעניג פון אינדיען.

לארד רעדינג, (ריפוס אייזיקס), געהער, ווי שוין געזאגט, צו די פארנעהמסטע פאליטיקער אין ענגלאנד. ער איז געבוירען געווארען אין יאר 1860 און האט שוין אלס יונגערמאן ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אויפ׳ן יורידישען געביט און זיך שפעטער גערעכענט אלס איינעם פון די בעסטע אדוואקאטען אין ענגלאנד. אין 1904 איז אייזיקס געוועהלט געווארען אלס דעפוטאט צום ענגלישען פארלאמענט פון דעם וואהל־דיסטריקט רעדינג און אין יאר 1910 איז ער געווארען שטאאטס־אדוואקאט און מיט דריי יאר שפעטער האט ער איבערגענומען די שטעלונג אלס לארד טשיף דזשאסטיס (יוסטיץ־מיניסטער) און דאן אויך באקומען דעם טיטעל לארד פון רעדינג.

לארד רעדינג׳ס באשטימונג אלס וויצע־קעניג פון אינדיען איז דער גרעסטער זיג פאר׳ן ענגלישען אידענטום און דארף באטראכט ווערען אלס היסטארישע געשעהעניש פון גרעסטער וויכטיגקייט.

ש. פאן.

---

דר. ל. סעגאל.

# קונסט און לעבען.

## די ראָמאַנטיק.

(ספעציעל פאַר „די אידישע וועלט“).

(המשך)

די ראָמאַנטיקער צייכנען זיך אויך שטארק אויס דורך זייער ליבע צו דער נאַטור, מיטעלאַלטירליכען מיסטיציזם, לעגענדען, אין דער קאַטוילישער רעליגיאָן. ליבע צו דער נאַטור האָבען זיי זיך צוערשט אָפגעלערנט פון זשאַן זשאַק רוססאָ, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גערופען דעם מענשען צוריק צו דער נאַטור, ער האָט דערנעהנטערט דעם מענשען צו דער נאַטור און די נאַטור צו דער קונסט. ביז רוססאָ פלעגט מען באַשרייבען די נאַטור, בײַ רוססאָ׳ן איז זי געוואָרען א טײַל פון דעם מענשען. נישט די געקונסטעלטע אויסגעפוצטע נאַטור ווי די דאַמאָלדיגע דיכטער פלעגען זי באַזינגען האָט ער ליב, נאָר די געוועהנליכע אין דעם גאַנצען פראַכט פון איר נאַטירליכער שענקײַט. רוססאָ און די ראָמאַנטיקער זענען דערפאַר שטענדיגע וואַנדערער; זוכען פון דעם שענעם, און זײַ האָבען ענטדעקט פאַר דער מענשהײַט דעם צויבער פון דער שווײַץ, קאַווקאַז, די ענגלישע אזעראָס ווי אויך די טײַכען פון שאָטלאַנד.

די ראָמאַנטיקער זוכען זײַער באַגײַסטערונג אין דער פאַרגאַנגענהײַט, זײַ ווילען זי ווידער אומקעהרען, ווײַל זײַ זעהן אין איר גרויסע, אונגעהויער גרויסע שענקײַט. אָבער זיי בלײַבען נישט רוהיגע בעאָבאַכטער. זיי זענען באַגײַסטערט פון איר און אָטעמען אַריין א נײַ לעבען אין איר. נישט נאָר דאָס אויסערליכע; די פאַרבען, דעם סטיל פון דעם מיטעלאַלטער נור דעם אינהאַלט.

די ראָמאַנטיקער פאַרעהרען די פאַרגאַנגענהײַט און זאַמלען אירע פאַבעלען, שטודירען אירע שפראַכען און פאַרהערליכען אירע רואינעס. זײַ זענען דיווירקליכע פאַנאַטיקער פון דער פאַרגאַנגענהײַט, זײַ האָבען ליב טראַדיציאָנען, אַלטע געברויכען פון דעם קאַטאָליציזמוס דאָס אויפלעבען פון דעם קאַטאָליציזמוס אין אַנפאַנג פון 19-טען יאָרהונדערט איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם ערפאָלג פון דער

איינציגסטע
אידישע
וואָכענשריפט
אין
סקאנדינאוויען
רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

2. Aargang. Nr. 3. Fredag, 21 Januar 1921. פרייטאג 2־טער יאהרגאנג.


# „Di Yidische Welt"


## Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.



Abonnement paa
„Di YidischeWelt"
16 Kr. pr. Aar.
8 Kr. pr. Halvaar.
4 Kr. pr. Kvartal.

אבאנעמענטס־פרייז פאר
„די אידישע וועלט":
יעהרליך — 16 קראנען
האלב־יעהרליך — *8* קראנען
פירטעל־יעהרליך — *4* קראנען

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג
Dybbølsgade 11⁴
אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Ffterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Ore, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt« Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.


# אינהאלט:


ש. פאן : לארד רעדינג·

דר· ל. סעגאל : קונסט און לעבען·

יואל מאסטבוים : רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

די אידישע עמיגראציע דורך פראג.

אמעריקא אפגעשלאסען פאר עמיגראנטען.

לארד ראטשילד'ס ציוניסטישע רייזע.

זשאבאטינסקי'ס באזוך אין בערלין.

די אידישע דעלעגאציע און די אידען־פראגע אין פוילען.




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און
אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.
Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.
אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

---

**מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.**

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 21,
קאפענהאגען ב.

---

**אגענטען**

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער.

---

FRUGTSAFTER
**HORNBECH**
FRUGTVINE

---

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאַטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן" (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטארירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

---

## Frederiksberg Bank,

Gl. Kongevej 107,
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

**פרעדעריקסבערג באנק.**

דאלארען פונטען, מארקס און אלע אנדערע וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

---

**נייע פאבריקאציע!**

ריינער אריענטאלישער טאבאק!
Rose Nr. 101
20 שטיק אין א פעקעל — 35 ערע
C. B. Meller & Co.

---



Flygler og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

---

**אנאנסען**

אין „קאפע־בלאט"

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.
אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפע־בלאט׳ס" עקספעדיציע

Cafe Bladets Expedition, Dybbølsgade 11⁴. København B. Telf. Vester 7332.

---

Cafe & Restaurant
**"Osborne,,**
Vesterbrogade 84. C. 2777.

גוטע און געשמאקע, פרישטאגען, מיטאגען און נאכט־עסען׳ס צו מעסיגע פרייזען.

די בעסטע סארטען וויין און געטראנקען.

---

**פייער־פארזיכערונג**

אין אלע אנדערע פארזיכערונגען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

# די אידישע וועלט.

## נייעס פון דער וואָך.

### א איד וויצע־קעניג פון אינדיען.

פון לאנדאן קומט אן די איבעראשענדע ידיעה, אז דער ענגלישער פרעמיער־מיניסטער לאיד דזשארדזש האט זיך געווענדעט צו דעם באקאנטען אידיש־ענגלישען פאליטיקער און העכסטען ריכטער פון לאנד (לארד טשיעף דזשאסטיס) לארד רעדינג, וועמענס ריכטיגער נאמען עס איז סיר ריפוס אייזיקס און אים אנגעגעבאטען די גרויסע שטעלע אלס וויצע־קעניג פון אינדיען.

ביים שרייבען פון די דאזיגע שורות האבען מיר נאך נישט ערהאלטען די אפיציעלע ערקלערונג וועגען דער באשטימונג פון לארד רעדינג אלס וויצע־קעניג פון אינדיען. אין לאנדאן איז מען אבער ביי דער מיינונג, אז איינע פון די טעג וועט דער ענגלישער קעניג אפיציעל פראקלאמירען לארד רעדינגס נייע שטעלונג.

סיר ריפוס אייזיקס איז איינער פון די טיכטיגסטע שטאאטסמענער אין ענגלאנד און בעת דער מלחמה האט ער אפט מאל אויסגעפירט די וויכטיגסטע שלוחות פאר דער ענגלישער רעגירונג.

מיט דאס באשטימען רעדינג׳ען אלס וויצע־קעניג פון אינדיען, וועט דאס ענגלישע אידענטום פארצייכנען א גרויסען זיג אין זייער געשיכטע. דאס איז די גרעסטע שטעלונג, וואס איז ביז איצט דערגרייכט געווארען פון א אידען אין ענגלאנד.

---

### שמואל בארבאש דערשאָסען פון די באָלשעוויקעס.

אין בערלין ווילט איצט דער באקאנטער יונגער העברעאישער שריפטשטעלער אליעזר שטיינמאן (וועגען וועלכען עס זענען על פי טעות פארשפרייט געווארען ידיעות, אז ער איז געשטארבען) דער שריפטשטעלער איז ערשט מיט צוויי חדשים צוריק אוועק פון אדעס, און ער גיט איבער, אז דארט איז דערשאסען געווארען דורך די באלשעוויקעס דער ציוניסטישער עסקן, מיטגליד פון אקציאנס־קאמיטעט און דירעקטאר פון אידישען קאלאניאל באנק שמואל בארבאש.

דער אומגעקומענער האט געוואלט ארויסראטעווען די גרויסע לאגערן כרמל־ווין, וואס האבען זיך געפונען אין אדעס, און דערפאר איז ער פאר׳משפט געווארען — „אלס שפעקולאנט“.

אין די ציוניסטישע קרייזען איז דער פארשטארבענער געווען זער אנגעזעהן. ער איז אלט געווען 72 יאר.

---

### א פערבאַנד פון אידישע קינסטלער אין פוילען.

זונטאג, דעם 2־טען יאנואר, איז פארגעקומען א געמיינזאמע זיצונג פון די פארשטעהער פון די דריי קינסטלער־גרופירונגען אין פוילען: „קינסטלער־קרייז“, „פרץ־רינג“ און „יונג־אידיש“, עס ווערען געפירט אונטערהאנדלונגען וועגען שאפען א פערבאנד פון אידישע קינסטלער אין פוילען, אין וועלכען עס זאלען אריינגעהן מאלערס, סקולפטארען און דיכטער, אהן אונטערשיד פון דער ריכטונג און שאפונגס־צווייג. דער ציל איז: מאראלישע און מאטעריעלע ענטוויקלונג פון קינסטלער־באַרוף. יעדע גרופע ארבייט אויטאנאם, אבהיטענדיג איר ספעציפישען כאראקטער. עס ווערט געפלאנט צונויפצורופען בקרוב אין ווארשא א קאנפערענץ פון די אידישע קינסטלער, פארבונדען מיט אנ׳אויסשטעלונג, ליטערארישע אויסגאבע און רעפעראטען. אין דער עקזעקוטיווע זענען אויסגעוועלט געווארען: פון „קינסטלער־קרייז“ ה׳ בערלעווי, פון „פרץ־רינג“ י. מ. וויסענבערג, פון „יונג־אידיש“ מ. ניימאן, פארזיצענדער דוד הערמאן.

### וויפיל אידען זענען דאָ אויף דער וועלט ?

לויט אַ סטאַטיסטיק, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין אַ אידיש יאָרבוך, און איז אַרויסגעגאַנגען לעצטענס אין אַמעריקאַ, באַטרעפט די צאָל אידען אין דער וועלט: 15,736,662. איינגעטיילט ווי פאָלגט: איירָאָפּאַ — 11,435,968 אידען; אין צפון־אַמעריקאַ — 3,379,668; אין דרום־אַמעריקאַ — 116,557; און אַזיען — 435,332; אין אַפריקאַ — 359,722; אין אויסטראַליען — 19,415.

לויט דער דאָזיגער סטאַטיסטיק געפינען זיך בלויז אין ניו־יאָרק אַנדערהאַלבען מיליאָן אידען.

### פערזענליכעס.

אלס באפולמעכטיגטער באשיצער פון פ. בימקא׳ס ווערק, ערקלער איך, אז איך האב ערהאלטען פון דעם אידישען האנדווערקער־פאראיין אין קאפענהאגען 25 ק׳ראנען אלס האנאראר פאר דאס אויפית־רען בימקא׳ס דראמא „גנבים“, כדי דאס געלד אפצושיקען צום מחבר, גלייכצייטיג האלט איך עס פאר מיין חוב איבערצוגעבען עפענטליך מיין פערזענליכען ווי אויך אין נאמען פון פ. בימקא, א דאנק צום האנדווערקער־פאריין פאר זייער שענער האנדלונג.

יהודה שאיאק.

---

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג
Dybbølsgade 11⁴
אדער דורכ׳ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 København B.

# די אידישע אויטאנאמיע אין ליטא.

## אינטערוויו מיט דעם אידישען סעים־דעפוטאט ד״ר ראכמילעוויטש.

(פון אונזער בערלינער קארעספאנדענט)

די טעג האט אין בערלין געווײלט דער אידישער סעים־דעפוטאט און צווייטער פארזיצענדער פון אידישען נאציאנאל־ראט אין ליטא, ד״ר ראכמילעוויטש.

אין א געשפרעך, וואס איך האב געהאט מיט ד״ר ראכמילעוויטש וועגען דער אידישער אויטאנאמיע אין ליטא און וועגען דער טעטיגקייט פון אידישען נאציאנאל־ראט, האט ער מיר איבערגעגעבען פאלגענדעס:

די אידישע אויטאנאמיע אין ליטא ווערט געשעצט ביים ליטווישען פאלק און ביי דער רעגירונג. נישט קוקענדיג דערויף, וואס מיר זענען אין סעים א באדייטענדע מינדערהייט, מיר האבען צווישען 112 — 6 אידישע דעפוטאטען. דאך רעכענט מען זיך ביי יעדער אלגעמיינער פאליטישער פראגע מיט אונז אידען און די רעגירונג גיט אונז די מעגליכקייטען אפצוהיטען און צו פארברייטען די מלוכה־קאנפעטענצען פון דער אידישער אויטאנאמיע.

ווי איך איז באקאנט עקזיסטירען אין ליטא א אידישער נאציאנאל־ראט און א מיניסטעריום פאר אידישע ענינים. די צוויי קערפערשאפטען זענען געשאפען געווארען כדי צו שטעהן אויף דער וואך אפצוהיטען די אינטערעסען פון די אידען אין ליטא אין צוזאמענהאנג מיט דער אויטאנאמיע. דער אידישער נאציאנאל־ראט ארבייט כלפי־פנים, צווישען די אידען אין ליטא אויף די פאליטיש־נאציאנאל־עקאנאמישע און ערציהונגס־געביטען. שטעהט אין קאנטאקט מיט די אידישע נאציאנאל־ראטען אין אנדערע לענדער, באזונדערס מיט׳ן קאמיטעט פון די אידישע דעלעגאציעס אין פאריז. דער נאציאנאל־ראט איז די רעפרעזענטאנץ פון די ליטווישע אידען לגבי דעם אלוועלטליכען אידענטום.

דאס מיניסטעריום פאר אידישע ענינים שטעהט אונטער׳ן קאנטראל פון אידישען נאציאנאל־ראט. דער מיניסטער ד״ר סאלאווייטשיק ווערט געוועהלט פון נאציאנאל־ראט און גיט פאר אים אפ אלע טעטיגקייטס־באריכטען. דאס מיניסטעריום פארוואלטעט מיט אלע מינים, וואס זענען נוגע די אידען אלס כלל. אזוי צ. ב. זענען לעצטענס אדורכגעפירט געווארען א רייהע געזעצען וואס האבען א וויכטיגע באדייטונג אין אידישען עפענטליכען לעבען וועגען מעטריקעס, אז די אידישע קהלה זאל האבען דאס רעכט ארויסצוגעבען געבורטס־מעטריקעס, וואס ביז איצט האט דאס געהערט צו דער מלוכה, די קהלה אלס יורידישע פארזאן ד. ה. די אידישע קהלה אלס נאציאנאלע אינסטיטוציע מעג קויפען אומבעוועגליכע נחלאות הייזער א. ד. גל. אויף איר נאמען און נישט דארפען אנקומען צו א פריוואט־פערזאן. די קאנפעטענצען פון שול און ערציהונגס־וועזען זענען פארברייטעט געווארען. בכלל פארוואלטען די אידען אין ליטא אליין מיט זייערע ענינים. דערביי דארף מען אבער באמערקען, אז די מערהייט פון ליטווישען פאלק איז קריסטליך־דעמאקראטיש, וועלכע מ׳קען נישט חושד זיין אין באזונדערער ליבע צו אידען. זיי אכטען אבער די אידישע אויטאנאמיע און בכלל די אידען אין ליטא, ווייל זיי געפינען אין די אידישע מיטבירגער אין ליטא, געטרייע איבערגעגעבענע עסקנים לטובות דער ליטווישער מלוכה. זיי באמיהען זיך צו צוציהען די אידען צו אלע מלוכה־ענינים, כדי אויסצונוצען די אידישע אינטעליגענץ לטובות דעם ווידעראויפבוי פון דער ליטווישער רעפובליק.

דאס ליטווישע אידענטום איז איצט באשעפטיגט מיט׳ן עקאנאמישען ווידעראויפבוי פון די אידישע קהלות, וועלכע האבען אין פארלויף פון די מלחמה־יארען זער שטארק געליטען. די ערשטע אויפגאבע צו פארשטארקען די נאציאנאל־עקאנאמיע איז דאס שאפען פון דער אידישער פאלקס־באנק אין ליטא, וועלכע וועט זיין די אנפיהרענדע אינסטיטוציע אין עקאנאמיש־ווירטשאפטליכען לעבען, מיטהעלפען צו פראדוקטיווירען די אידישע מאסען, וואס זענען רואינירט געווארען דורך דער מלחמה, אונטערצושטיצען מיט קרעדיט די אידישע האנדווערק און לאנד ווירטשאפטס־פראדוקטיוו־קאאפעראטיווען. דאס ליטווישע אידענטום האט אליין געזאמעלט ביז א מיליאן מארק אלס א גרונד־פאנד פאר דער פאלקס־באנק. די הויפט־לייטונג פון „דזשוינט" האט אויף צוגעזאגט צו געבען א געהעריגע סובסידיע פאר דער פאלקס־באנק. שוין איצט ארבייט דער יאדישער נאציאנאל־ראט צוזאמען מיט דער באקאנטער געזעלשאפט „ארט" צו אונטערשטיצען האנד־ווערקעריי און לאנדווירטשאפט צווישען די אידען אין רוסלאנד. וועלכע קויפט איין אין דייטשלאנד מאשינען און רויה־מאטעריאלען פאר די אידישע האנדווערקער און לאנדווירטען, וואס ס׳זענען ס׳רוב צוריקגעקומען פון רוסלאנד און האבען געטראפען זייער עקאנאמישען באזיס רואינירט.

בכלל קען מען זאגען, אז די אידישע אויטאנאמיע אין ליטא הויבט זיך ערשט אן צו ענטוויקלען. מיר האבען אין ליטא ביז איצט געהאט נאך מלחמה־סמנים, און נישט געקענט ווי געהעריג נארמאל ארבייטען. אין דער צוקונפט ווען ליטא וועט זיך אומקעהרען צום נארמאלען פרידליכען לעבען, וועט אויך די אידישע אויטאנאמיע זיך ווי געהעריג ענטוויקלען.

בערלין, 9 יאנואר.

פ. לידאר.

# די אידישע וועלט

איינציגסטע
אידישע
וואכענשריפט
אין
סקאנדינאוויען

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

2. Aargang. Nr. 2. Fredag, 14 Januar 1921. פרייטאג 2־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.


צו די אבאָנענטען פון

## „די אידישע וועלט".

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע געעהרטע אבאנענטען, אז מיט דעם פאריגען נומער איז צוגעשיקט געווארען א פאסט־אנווייזונג אויסגעשטעלט אויף איינצוצאלען דאס אבאנענטס־געלד פאר׳ן קווארטאל — יאנואר־אפריל. מיר זענען ליידער געצוואונגען, צוליב דעם גרויסען יקרות אויף פאפיר און ארבייטער־כוחות צו פארהעכערען דעם אבאנענטס־באטראג און אזוי ארום וועט די „אידישע וועלט" איצט קאסטען 4 קראנען א קווארטאל.

מיר בעטען דערום אונזערע געעהרטע אבאנענטען גלייך איינצוצאלען דאס געלד, כדי מיר זאלען נישט געצוואונגען זיין אפצושטעלען דאס צושיקען פון אונזער צייטונג.

„די אידישע וועלט" האט זיך איצט פארשאפט א גרויסע צאל אנגעזעהענע אידישע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען אלס מיטארבייטער און וועט אין פארלויף פונ׳ם קומענדען קווארטאל ברענגען די וויכטיגסטע און אינטערעסאנטסטע ארטיקלען איבער פארשידענע קולטורעלע און אלגעמיינע פראגען פון אידישען לעבען אין אלע לענדער.

אין דעם קומענדען קווארטאל וועלען זיך דרוקען פארשידענע ליטעראַרישע ארבייטען פון:

שלום אש, ש. י. אימבער, פ. בימקא, משה בראדערזאן, ש. גארעליק, י. גראס, (ניו יארק), א· האמער, (וויען), פ. לידאר, (בערלין), יואל מאסטבוים, פראפעסאר ל. סעגאל, ש. פאן, י. מ. פליאט דר· נ· שטיין, (לאנדאן).

אבאנירט זיך און לעזט די איינציגסטע אידישע וואכענשריפט אין סקאנדינאוויען

„די אידישע וועלט"




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

**מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.**

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

**אגענטען**

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער.

FRUGTSAFTER
**HORNBECH**
FRUGTVINE

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער **אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאָטעריע**, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער **גאנצער סעריע** (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטארירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

## Frederiksberg Bank,

**Gl. Kongevej 107,**
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

פרעדעריקסבערג באנק.

דאלארען פונטען, מארקס און אלע אנדערע וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

**נייע פאבריקאציע!**

ריינער אריענטאלישער טאבאק!
Rose Nr. 101
20 שטיק אין א פעקעל — 35 ערע
C. B. Møller & Co.

Kgl. Hof-Fabrikant.




Grand Prix.

Flygler og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

**אנאנסען**

אין „קאפע־בלאט"

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.

אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפע־בלאט׳ס" עקספעדיציע

Cafe Bladets Expedition, Dybbølsgade 11[4]. København B. Telf. Vester 7332.

**Cafe & Restaurant**
**"Osborne,,**
**Vesterbrogade 84. C. 2777.**

גוטע און געשמאקע, פרישטאגען, מיטאגען און נאכט־עסען׳ס צו מעסיגע פרייזען.

די בעסטע סארטען וויין און געטראנקען.

**פייער־פארזיכערונג**

אין אלע אנדערע פארזיכערונגען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.



# ליטעראַרישע נאָטיצען.

## „וויקטאָריאַ“

אַקאָרדען צו קנוט האַמסונ'ס דערצעהלונג פון ש מ ו א ל יעקב אימבער.

אַנ'אויסערגעוועהנליך דאַנקבאַרע אַרבייט האָט זיך אונטערנומען דער טאַלענטפולער ש. י. אימבער דערמיט וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען איבערצודיכטען קנוט האַמסונ'ס פּאָעטיש-ראָמאַנטישע דערצעלונג „וויקטאָריאַ“.

קאָן מען קנוט האַמסונ'ען, ווייסט מען, אַז „וויקטאָריאַ“ איז זיין איינציגעס ווערק, וואָס איז געשריבען געוואָרען אין אַ לירישען סטיל פול טיט פּאָעטישען געפיל און מיט אַ טיפער ליבע צו דער צארטער און איידעלער וויקטאָריאַ, וועלכע געהער צו האַמסונ'ס שענסטע העלדין פון אַלע זיינע ווערק.

איך ווייס נישט צו דאָס איז דערפאַר וואָס וויקטאָריאַ איז האַמסונ'ס אייגענטליכע טאָכטער פון זיין ערשטער פרוי, און דאָס קינד, וועלכעס דער נאָרוועגישער דיכטער ליבט מיט די הייליגסטע און ריינסטע געפילען פון אַ גוטען פאָטער; צו דערפאַר, וואָס „וויקטאָריאַ“ געהער צו האַמסונ'ס ערשטע שאַפונגען (צום ערשטען מאָל געדרוקט אין יאָהר 1898) און איז אַזוי אַרום ווי זיינע אַנדערע ווערק פון יענער פעריאָדע — „פּאַן“ און „הונגער“ — פול מיט פּאָעזיע און דיכטערישע שטימונגען.

שוין דערפאַר אַליין איז אימבער'ס אידעע אויף צו בעאַרבייטען דאָס דאָזיגע ווערק אין דער פאָרם פון אַ פּאָעמאַ געווען אַ גוטע און אַ אייגענאַרטיג דאַנקבאַרע.

לעזט מען איבער דאָס דאָזיגע שענע באַשיידענע ביכעל אין אַימבער'ס דיכטערישער בעאַרבייטונג, קאָן מען גלייך זעהן ווי זיין אונטערנעהמונג איז איהם אויפ'ן בעסטען אופן געלונגען.

נישט קוקענדיג דעראויף, וואָס דער מאַטעריאַל פון וויקטאָריאַ איז אַזוי רייך אויף צו בעאַרבייטען, דאָך האָט אימבער אין דער דאָזיגער פּאָעמאַ אַריינגעלעגט אַ שטיק פון זיין דיכטערישען טאַלענט און די שענע פאָרם, אין וועלכער וויקטאָריאַ איז איבערגעדיכטעט געוואָרען דערמאָנט אונז גלייך אין דער פאָרם פון זיין „אסתר'קע“.

שוין פון די ערשטע שורות ווערט איר מיטגעריסען און קענט זיך פון זיי נישט אָפּרייסען און מיט אַ געשפּאַנטען אָטעם לעזט איר ווייטער און ווייטער.

עס וועט קיין גוזמא נישט זיין צו זאָגען, אַז יעדער, וואָס וועט זיך דאָס דאָזיגע ביכעל פאַרשאַפען און עס איבערלעזען, וועט מיט אַ טיפער, האַרציגער פרייד באַמערקען:

שטאָלץ מעג זיין די אידישע ליטעראַטור, וואָס זי איז רייכער געוואָרען מיט אַ רינגעל אין דער שענער גאָלדענער קייט...

ש. פּאַן.

ביכער אנגעקומען אין דער רעדאקציע:

י. מאסטבוים: „דריי דורות“ (מאריטעס גליק). א ראמאן אין דריי בענדער. פארלאג „יודיש“ ווארשא.

דוד קעניגסבערג: „הונדערט סאנאטען“. פארלאג „דער קוואל“ וויען.

„ס'פעלד“, העפטען פאר ליטעראטור, פארלאג „ס'פעלד“ לאדז. ערשטער און צווייטער העפט. א זאמלונג מיט לידער פון יונגע אידישע דיכטער אין פוילען. צווישען אנדערס געפינען זיך געלונגענע זאכען פון די באקאנטע דיכטער משה בראדערזאן, חיים קרול, מלך ראוויטש און הערשעלע.

## דר. א. זאַלקינד קומט נאָך קאָפּענהאַגען.

פון א גוט־אינפארמירטער שטעלע אין לאנדאן איז מען אונז מודיע, אז דער באקאנטער ציוניסטישער טוער דר. א. זאלקינד, קומט בקרוב קיין קאפענהאגען אין די אינטערעסען פונ'ם „קרן היסוד“. האפענטליך וועלען די קאפענהאגענער אידען פארשטעהן ווי אזוי אויפצונעמען דעם חשוב'ען גאסט.

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה. ד. נאמבערג'ס. „א ליטערארישער דור“.
2) פ. בימקא'ס. „אויפ'ן וואקזאל“.
3) י. שימינזאהנ'ס. „די בלום פון פאפראטש“.
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“.
5) אנ־אראביש ווערטער־ביכעל
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענעדא“.

די דערמאנטע ביכער וועלען מיר געבען אונזערע אבאנענטען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער אומזיסט האלב־יערליכע 3 ביכער, פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

ב י ל י ג  א ו ן  ש ע ה ן.

אידישע און דענישע דרוק־ארבייט ווערט אויסגעפיהרט שעהן, געשמאקפול און פארהעלטניסמעסיג ביליג אין דער באקאנטער דרוקעריי־פירמא

**Rasmussen & Rugh Læderstræde 11.**

קומט און איבערצייגט אייך און איר וועט זיכער זיין צופרידען פון אונזער ארבייט.

# פון ארץ-ישראל.

## פעסטגעשטעלט די גרענצען פון פאלעסטינא.

פון לאנדאן איז מען מודיע, אז לעצטע וואך איז ענדליך געקומען צו א פארשטענדיגונג צווישען ענגלאנד און פראנקרייך בנוגע די גרענצען פון פאלעסטינא און דער אפמאך צווישען די צוויי לענדער איז אפיציעל אונטערגעשריבען געווארען.

אין דעם אפמאך ווערען איינגעקערפערט אלע באשליסע וועלכע זענען געפאסט געווארען אין סאן־רעמא, איינגעשלאסען דעם באשלוס וועגען שאפען א נאציאנאלע היים פאר אידען אין פאלעסטינא, און אויך דעם באשלוס וועגען דער ענטוויקלונג פון די אויל־פעלדער.

דער אפמאך גיט דעם אנגלא־ציוניסטישען שטאאט אין פאלעסטינא א זער גונסטיגע אויסברייטערונג פון די גרענצען, דורך וועלכע פאלעסטינא איז פארגרעסערט געווארען מיט א פאס טערריטאריע פון 50 קילאמעטער (לערך 31 ענגלישע מיילען) לאנג און 25 קילאמעטער (15 ענגלישע מיילען) ברייט, וואס ציהט זיך ביז 75 מיילען ווייט פון דמשק.

די פראנצויזישע פרעסע איז אונצופרידען מיט דעם אפמאך. דער „זשורנאל“ ערקלערט, אז פראנקרייך איז אפגערויפט געווארען פון דעם רייכען פלאכלאנד וואס איז באוואסערט געווארען פונ׳ם ירדן.

## אנ׳ענגלישע הלואה פאר פאלעסטינא.

לאנדאן — די „פאלעסטיין וויקלי“ ברענגט א ידיעה, וואס וועט זיכער ארויסרופען גרויס אינטערעס אין די אידישע קרייזען. זי מעלדעט, אז סיר אלפרעד מאנד, דער באקאנטער מיניסטער און גרויסער גביר וועט אין גיכען פארען קיין פאלעסטינא. ער וועט באגלייט ווערען פון דעם ציוניסטישען פירער דר חיים ווייצמאן און מר. אלבערט בעלישא. דער צוועק פון דער רייזע איז, אז זיי זאלען פארהאנדלען מיט סיר הערבערט סעמיול בנוגע דער הלואה פאר פאלעסטינא, וואס וועט אין גיכען געמאכט ווערען פון דער ענגלישער רעגירונג.

## א לופט-קאמוניקאציע ירושלים-קאירא.

דער „דואר היום“ מעלדעט פון ירושלים:

אין גיכען וועט איינגעפירט ווערען א פאסט־פארבינדונג צווישען ירושלים און קאירא און גלייכצייטיג אויך א לופט־קאמוניקאציע צווישען דיביידע צענטרען. די נסיעה וועט דויערן נישט מער ווי 5 שעה.

## געפונען אוצרות פון אידישען אלטערטום ביי טבריה.

דער פירער פון די ארכעאלאגישע אויסגראבונגען ביי טבריה דר ג. סלושץ האט בעת זיינע לעצטע אויסגראבונגען געפונען א מארמאר־פאטלאגע און אונטער איר א פרעכטיגע מאזאיק. ס׳איז אויך געפונען געווארען א זייל אויף וועלכען ס׳איז אפגעמאלט די מנורה פון בית־המקדש. אין חמת, נעבען די מינעראל-קוועלען ביי טבריה, איז געפונען געווארען די שוהל פון ר׳ מאיר בעל־הנס. אויסערדעם זענען געפונען געווארען ביז 800 זאכען, וואס ווארפען א ליכט אויף טבריה פון דער צייט פון תלמוד. מיט די זאכען אליין קאן אויסגעפילט ווערען א גאנץ צימער פון א מוזעאום.

## ארבייטער פארלאנגט אין ארץ-ישראל.

די פאלעסטינא׳ר צייטונג „דאר היום״ מעלדעט, אז די רעגירונג פון פאלעסטינא האט טעלעגראפירט קיין לאנדאן, אז מען זאל אהין שיקען וואס שנעלער נאך טויזענד עמיגראנטען, וועלכע מען דארף האבען פאר עפענטליכע ארבייטען.

ביי די ארבייטען וואס ווערען איצט דורכגעפירט ווי בויען וועגען און אייזענבאהן ליניען ווערען באשעפטיגט פילע ארבייטער, און עס זענען איצט נישטא קיין ארבייטסלאזע אין פאלעסטינא.

די דערמאנטע צייטונג באמערקט אז די ידיעה, וועט ארויסרופען גרויס באגייסטערונג צווישען די פילע אידען וועלכע ווארטען אויף דער ערשטער געלעגענהייט צו פארען נאך פאלעסטינא.

## די פראגע פון א אידישען לעגיאן.

פון לאנדאן איז מען אונז מודיע, אז פאריגע וואך איז אינ׳ם ענגלישען פארלאמענט פארגעקומען א דעבאטע איבער דער פראגע פון א אידישען לעגיאן אין ארץ־ישראל.

דער דעפוטאט קאמאנדיר קענסווארטהי האט געפרעגט דעם ענגלישען קריגס־מיניסטער צו די ענגלישע רעגירונג איז בארייט אנצונעמען זשאבאטינסקי׳ס פארשלאג וועגען שאפען א אידישען לעגיאן אין פאלעסטינא וואס דאס וואלט אויך געווען פיל גינסטיגער פאר ענגלאנד. ווייל דאן וואלט זי געקענט צוריקציהען איר אייגען מיליטער און שפארען אויסגאבען. דעם קריגס־מיניסטער׳ס תשובה איז נישט געווען גענוג קלאר און ווי עס ווייזט אויס ווערט די פראגע איצט באהאנדעלט פון דער ענגלישער רעגירונג.

# די אידישע וועלט.

## נ י י ע ס   פ ו ן   ד ע ר   וו א ך .

### ישראל חיים טביוב ז"ל.

פון ריגא איז מען מודיע. אז דארט איז אין עלטער פון 63 יאר געשטארבען פון א הארץ־שלאג דער באקאנטער העברעאישער שריפטשטעלער און פעדאגאג ישראל חיים טביוב.

אין דעם פארשטארבענעם פארלירט די העברעאישע ליטעראטור איינעם פון די בעסטע פארשטעהער אויפ'ן געביט פון פעליטאנען און פעדאגאגישע לעהר־ביכער. אין די לעצטע עטליכע יאר האט טביוב זיך באשעפטיגט מיט איבערזעצען אויף העברעאיש די אייראפעאישע קלאסיקער, צווישען אנדערע די ווערק פון אסקאר ווילד, טשארלעס דיקענס, עמיל זאלא און אנדערע.

עהרע זיין אנדענקען!

### א לעטישע פאמיליע איז זיך מגיר געווען.

דאס ריגא'ר „פאלק" טיילט מיט, דאס פאריגע וואך האט זיך אין ריגא מגיר געווען א לעטישע פאמיליע פון 9 פערזאן. די דאזיגע פאמיליע האט שוין געמאכט אלע פארברייטונגען אפצופארען קיין ארץ־ישראל און זיך דארט באשעפטיגען מיט לאנדווירטשאפט.

### טשאלי טשאפלין — שמואל לעווינסקי.

פאר די לעצטע עטליכע יאר האט מען זיך אין דער גאנצער וועלט שטארק באשעפטיגט מיט דאס פארשען די אפשטאמונג פון דעם וועלט־בארימטען אמעריקאנער געניאלען פילם־קאמיקער טשאלי טשאפלין. אמשטארקסטען האבען זיך דערמיט באשעפטיגט די ענגלענדער און פראנצויזען. לעצטענס איז מען ענדליך געקומען צום באשטימטען רעזולטאט אז טשאפלין איז — א איד און זיין ריכטיגער נאמען איז שמואל לעווינסקי.

ווי עס ווייזט זיך איצט ארויס איז טשאפלין געבוירען געוואָרען אין לאנדאן, גלייך ווי זיינע ערלטערן זענען אהין אנגעקומען אלס ארימע עמיגראנטען אויס פוילען. ביי דעם גט־פראצעס וואס איז לעצטענס פארגעקומען אין אמעריקא, האט זיין פרוי אויף ערקלערט, אז טשאפלין איז א איד, און פלעגט שטענדיג ארומגעהן מיט אידען און נישט געוואלט קויפען קיין "כויענקע" צו ווייגאכטען...

### אידישע מינאריטעטען-רעכט אין יוגא-סלאוויען.

פון גראס־בעקסבערעקי, יוגאסלאוויע, ווערט געמעלדעט, אז אויף דער פאראָרדנונג פון דעם יוגאסלאווישען קולטוס־מיניסטער איז דארט געעפענט געווארען א שטאאטליכע אידישע שוהלע. דאס איז די ערשטע אידישע שוהלע אין יוגא־סלאוויען, וואס ווערט אויסגעהאלטען פון שטאאט. דער קולטוס־מיניסטער האט פאראָרדענט די שוהלע צו עפענען אויף דעם סמך פון דעם מינאריטעטען רעכט פאר אידען, צו וועלכען די יוגא־סלאווישע מלוכה האט צוגעשטימט דורך דאס אונטערשרייבען דעם באטרעפענדען שלום אפמאך.

### די ארבייט פאר'ן „קרן היסוד".

דער קאמיטעט פונ'ם „קרן היסוד" אין לאנדאן האט ארויסגעלאזען א מאניפעסט צו די אידען פון דער גאנצער וועלט אין וועלכען עס ווערט געפאדערט, אז יעדער איד זאל ערפילען זיין הייליגען חוב אוןביישטייערען צום „קרן היסוד" כדי צו זיכערען די ענטוויקלונג פונ'ם ישוב אין ארץ־ישראל.

דער מאניפעסט איז אונטערגעשרימען פון ה. זלאטאפאלסקי. וו. זשאבאטינסקי, י. ניידיטש, ב. פייוועל, לארד ראטשילד, אלפרעד מאנד, ח. וויצמאן, נ. סאקאלאוו, י. קאווען, רעדקליף סאלאמאן.

### רומעניען און די פאלעסטינא-עמיגראציע.

בוקארעסט — ס. לאנדמאן, דער ארומרייזענדער סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער וועלט ארגאניזאציע איז אויפגענומען געוואָרען פון דעם רומענישען מיניסטער פון אינערן, ארזשעטאלאנו.

מר. לאנדמאן האט פארגעבראכט פאר דעם מיניסטער די פלענער וועגען עמיגראציע פון אידען פון רומעניען נאך פאלעסטינא. דער מיניסטער ארזשעטאלאנו האט פארשפראכען, אז ער וועט העלפען שאפען עמיגראציאנס־ביוראען אין פארשידענע טיילען פון לאנד. און ער וועט געבען יעדע פארלייכטערונג וואס וועט מעגליך זיין פאר דער עמיגראציע.

מר. לאנדמאן האט אויך פארגעבראכט פאר דעם מיניסטער, אז א פאלעסטינער איד ריקלוס איז מיס־באהאנדעלט געווארען פון דער רומענישער פאליציי אין כאטין. דער מיניסטער איז געווען ערשטוינט דאס צו הערען און ער האט באפוילען, אז מען זאל מאכען אן אויספארשונג וועגען דער אפערע.

# די אידישע עמיגראציע.

## שווערע עמיגראציאָנס-באַדינגונגען קיין קאַנאדא.

דער טאראנטא׳ר „אידישער זשורנאל" פארעפענטליכט אין איינעם פון זיינע לעצטע נומער׳ן די נייע באדינגונגען וואס די קאַנאדישע רעגירונג האט איינגעפירט פאר דאס אריינפארען אין לאנד פאר עמיגראנטען. אין דעם נייען עמיגראנטען־געזעץ ווערט צווישען אנדערס ערקלערט:

„קיין אימיגראנט, סיי א מעכאניקער, א געלערענטער ארביי־טער אדער בלויז א פראסטער טאג־ארבייטער, זאל ערלויבט ווערען אריינצופארען אין קאנאדא, סיידען ער פארמאגט זיין אייגען געלד 250 דאלאר און א חוץ דעם מוז ער אויך האבען גענוג געלד אויף טראנספארטאציע, צו דעם פלאץ וואוהין ער וויל פארען אין קא־נאדא".

דער צווייטער פאראגראף פון דעם פאפעהל שרייבט פאר אז אין פאל אן אימיגראנט פארט מיט זיין פאמיליע, דאן מוז ער האבען ערשטענס גענוג אויף רייזע הוצאות פאר יעדען מענש פון דער פא־מיליע, און צווייטענס פאר יעדען קינד וואס איז עלטער פון 18 יאר מוז ער האבען צו 125 דאלאר, און פאר קינדער וואס זענען עלטער פון 5 יאר און אינגער פון 18 יאר מוז ער האבען צו 50 דאלאר.

דאגעגען מאכט דאס נייע עמיגראציאנס־געזעץ אנ׳אויסנאהם פאר דינסט־מיידלעך און פארם־ארבייטער, וועלכע וועלען נישט דארפען באווייזען די געהעריגע סומע געלד אויף אריינצוקומען קיין קאנאדא.

## אַרגענטינאַ וויל האָבען אידישע עמיגראַנטען.

פאריז — דא געפינט זיך איצט אויף א באזוך אין אייראפא דער אויבער־ראבינער פון ארגענטינא, דר. חלפון מיט דער שליחות פון דער ארגענטינער רעגירונג צו באגינסטיגען די איינוואנדערונג פון אידען קיין ארגענטינא. פאר זיין אפפארען פון בוענאס־איירעס האט דער אויבער־ראבינער געהאט א לענגערען געשפרעך מיט׳ן פרעזידענט פון דער ארגענטינישער רעפובליק, דער פרעזידענט האט ערקלערט דעם אויבער־ראבינער, אז ארגענטינא האט צו פארדאנ־קען איר ענטוויקלונג דער איינוואנדערונג פון אידען. דער פרעזי־דענט האט אויפגעפאדערט דעם ראבינער אנצונעמען שריט אין איי־ראפא, אז א גרויסער טייל פונ׳ם אידישען עמיגראציע־שטראם, זאל געווענדעט ווערען קיין ארגענטינא. פאר די אידישע איינוואנדערער וועלען געמאכט ווערען באזונדערס גינסטיגע הנחות.

---

אונזער אויפגאַבע אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל איז זיך אַביסעל גענויער אָפּצושטעלען אויף דער לעצטער פעריאָדע — די ראָמאַנטיק — און זעהן וועלכע פאַקטאָרען עס האָבען געווירקט, אז זי זאָל אָנ־נעהמען די פאָרמען מיט וועלכע זי צייכענט זיך אויס און זעהן ווי גרויס עס איז געווען איר איינפלוס אויף אַלע געביטען פונ׳ם לעבען.

די ראָמאַנטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אַלס אַ גרוי־סער פּראָטעסט געגען די דריקענדע באַגרענצונגען פון דעם פאַלש־קלאַסיציזם. כמעט פון מיטען אינ׳ם 17-טען יאָרהונדערט האָט דער לעצטער געהערשט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור און אונ־טערדריקט יעדען פרייען אָטעם. אַלצדינג איז געווען איינגעפּאַסט אין טויטע, פאַרגליווערטע פאָרמען. אַזעלכע באַגרענצונגען ווירקען פאַר־ניכטענד אויף אמת׳ער קונסט און דערפאַר האָט די ראָמאַנטישע באַ־וועגונג געמוזט אויפטרעטען אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע. זי האָט געמוזט קעמפען פאַר דער פרייהייט פון דיכטערישער שאַפונג. אָבער די ראָ־מאַנטיקער האָבען נישט נאָר געקעמפט אַנטקעגען די אַלטע מעטאָ־דען, נאָר זיי האָבען אויך געבראַכט אין דער קונסט נייע מאָטיווען, נייע אידעאַלען און נייע שטרעבונגען נאָך דעם ווייטען, מיסטישען, אונקלאָרען. אַנשטאָט דער אויסגערעכענטער קאָפּ-פּאָעזיע פון די קלאַ־סיקער קומט איצט אַריין אין דער דיכטונג אַ נייער שטראָם פון לע־בען, טעמפּעראַמענט, באַגייסטערונג. פאַר די ראָמאַנטיקער עקזיסטירט נישט קיין גלייכגילטיגקייט, זיי זענען קעמפער אַנטקעגען אַלצדינג, וואָס איז טויט, פאַרעלטערט און פאַרגליווערט.

רעוואָלטירענד געגען די אַלטע באַגרענצונגען האָבען זיי אויך געוואָלט צושטערען אַלע באַשטימטע געזעצען. יעדער מענש איז פאַר זיך א געזעץ, דאָס איז געווען זייער גלויבען. דער מענש און דאָס מענשליכע ווערען די הויפּט טעמאַ׳ן אין דער ליטעראַטור און קונסט. דער איך, די פּערזענליכקייט אינטערעסירט אַמיינסטען די ראָמאַנטיקער, אָבער נישט די האַנדלונגען פון דער פּערזאָן.

(המשך פאלגט)

---

מיט פאַרגעניגען ברענגען מיר דעם ערשטען אַרטיקעל פון דעם טאַלענטפולען אידיש-ענגלישען פּובליציסט און קריטיקער ד״ר ל. סעגאַל (פּראָפּעסאָר אינ׳ם בערמינגהאַמער אוניווערזיטעט) וועלכער איז נישט גאַנץ פרעמד אין דער אידישער ליטעראַטור. ד״ר סעגאַל האָט פאַר דער מלחמה אָפּגעדרוקט אַ רייהע קריטישע אַרטיקלען אין דעם באַקאַנטען ליטעראַרישען חודש-זשורנאַל „די אידישע וועלט", וואָס איז ערשינען אין ווילנאַ אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער. ד״ר. סעגאַל איז דער מחבר פון אַ טייל ענגלישע ווערק אין זיך גע־שאַפען אַ גרויסען נאָמען אין דער ענגלישער קריטישער ליטעראַטור פאַר זיין בוך איבער בערנאַרד שא.

די רעדאַקציע.

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

.6

פלאצק־מאזאוויעצק.

„מאזאוושא, די שענע, אידילישע טרוימערין, נישט אומזיסט האט דיך די פוילישע געשיכטע אויסדערוועהלט פאר׳ן צענטער פון אירע טרוימערישע מעשה׳לעך, דו ביזט געגליכען צו אנ׳אייביג־זינגענדע שניטערין מיט א פארביגען פריהלינגס־קראנץ אויפ׳ן קאפ, מאזאוושא”.

אט אזא מין פראזע קומט אייך אויפ׳ן געדאנק, דערזעהענדיג די געגענד פלאצק-מאזאוויעצק. ווען איר פארט־דורך די געגענד מיט אירע פארביגע, שלאנקע קראקאוויאטשקעס און אפגעברענטע פון דער זון פויערלעך, קומט אייך אויפ׳ן געדאנק, אז די הויפט־שטאט פון אזא געגענד האט געדארפט געבויר׳ען ווערען צווישען גראז און בערג, פארזונקען מיט די שפיצען פון אירע קירכען און הייליגטימער.

פלאצק דערמאנט נישט אן יענע מיטעלע שטעט, וואו עס קלאפט דאס האלב־נערוועזע לעבען פון דער גרויסער שטאט, עס שמעקט פון איר מיט יענער פוילישער רוה פון מיט נאך א 200 יאר צוריק, ווען די נערוועזע קולטור האט נאך נישט א קלאפ געטון אויף דער צארטער שטאט־פאמיליע. עס דוכט זיך אויס, ווי די נערוועזע געשעהענישען וואלטען נאך קיין אפקלאנג נישט געהאט.

איך האב אמאל געזעהן א הויכע פרוי, א האלב־טונקעלע שאטענקע מיט א שלייער פאר די אויגען. קיין אויגען־רייסענדע שענהייט איז זי נישט געווען, נאר זי איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון איר פאמיליען־שטאם. פלאצק איז דער אמת׳ער אויסדרוק פון דער פוילישער שטאט־פאמיליע. שוין די הויכע טומבערבערג מיט זייער אלטען קלויסטער, וואו עס ליגען מלכים און דער הויכער גאטישער שפיץ פונ׳ם מאריאוויטישען קלויסטער גיבען־צו עפעס לעגענדארישעס דער שטאט און דערמאנען אן די היסטארישע ערטער, וואו נביאים זענען אויפגעגאנגען און פארגאנגען.

פלאצק פארמאנט אין זיך דאס, וואס איז נישט צו זעהן אין אנדער׳ע שטעט אין פוילען. דא איז קענטיג דער צוזאמענגוס פונ׳ם אלטען מאזאוויעצקער דארף מיט דער שטאט צוזאמען. אט די צוויי שטעהן נאך ביידע מיט שוועסטערליכע הענד ארומגענומען און פירען נאך נישט דעם קאמף פון שטאט און דארף. דאס איז קענטיג נישט בלויז אן די שענע סימעטרישע גאסען מיט די הייזער פון האלב־ראקאקא, האלב־בייראק, פארזונקענע אין גרינס, נאר אויך אין די פנימ׳ער פון די מענשען, הויפטזעכליך אן דעם געשטאלט פון די פרויען מיט זייער „לעפעלכען” און „שיסעלכען” אויף די ליפען און מיט זייערע צארטע געזיכטס־צוגען — דער אויסדרוק פון שטאטישען און דארפישען צוזאמען.

איך וויל דא באמערקען נאך עפעס כאראקטעריסטישעס. ווי מיר שיינט, איז דער טיפ פאליאק פון פלאצק און איר אומגעבונג א גאנץ אנדערער, ווי אין אנדערע טיילען פון פוילען. נישט נאר אין דער הינזיכט, וואס די שענע נאטור האט א באזונדער שטעמפעל ארויפגעלעגט אויף אים; ער איז דא אפשר מער פאטריאט, אבער ווייניגער ווייזט ער ארויס דאס געגנערישע צו דעם, וואס איז נישט פון זיין נאציע. ער איז מער בעל־הבית, מער פארמעגליך און דער־פאר טאקע איז ער לאקאלער ווי אין אנדערע געגענדען.

בכלל, ווען איר פארט־דורך די שטאט, לאזט זי אויף אייך נישט איבער דעם איינדרוק פון יענעם חייסען, פארביסענעם פעל־קער־געדאנק; איר געפינט דארט די קריסטען מיט די אידען אין בעל־הבית׳יש־שכנות׳דיגען צוזאמענלעבען, איר זעהט דארט ווי איי־נער מיט׳ן אנדערען האנדעלט, פארקערט און עפעס פיינדליכעס קריכט זיי נישט נאך הינטער די פלייצעס. דאס איז פון אויסוועניג.

*   *
*

(סוף פאלגט)

יואל מאסטבוים.

---

**דר. ל. סעגאל.**

# קונסט און לעבען.

## די ראָמאַנטיק.

אין דעם לעבען פון פעלקער, אזוי ווי פון אינדיווידומען, זע־נען פאַרהאַן געוויסע עפּאכען, געוויסע עטאַפּען. יעדע עפּאָכע איז כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר דורך א באַשטימטער סאציאַלער עקאָנאָמישער אדער פאליטישער סטראַקטאָר, נאָר אויך דורך איר ליטעראַטור און קונסט, פילאָזאפיע און וויסענשאַפט, רעליגיאָן און מאָראַל. די מענשליכע געשיכטע ווערט, ווי באַקאַנט, איינגעטיילט אין די פאָלגענדע צייטאַלטער: 1) דאס אַלטערטום; 2) דאָס מיטעלאַלטער; 3) די נייע צייט אָדער די רענעסאַנס-פעריאָדע; 4) די גאָר נייע צייט. יעדער פון די דאָזיגע צייטאַלטער׳ן ענטשפּרעכט א געוויסע הויפּט־ריכטונג אין דער ליטעראַטור און קונסט, ווייל די ליטעראַטור און קונסט שפּיגלען אָפּ דאָס לעבען; געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטענישע, רעליגיעזע שטרעבונגען, פאַרלאַנגען און בענקעניש פון זייער דור. אין דעם אַלטערטום האָט ווי באַקאַנט געהערשט דער קלאַסיציזם; אין דעם מיטעלאַלטער — דער מיסטיציזם; אין דער נייער צייט — די רענעסאַנס און אין דעם אָנפאַנג פון דער נייערער צייט — די ראָ־מאַנטיק.

ד"ר ישראל טויבש.

# מזרח־גאליציען.

(ספעֶציעֶל פאר „די אידישעֶ וועֶלט".)

די איצטיגע בלוטיגע געשעהענישען גראבען זיך אריין טיף אין דער אידישער נשמה און מיר שטעהן היינט פאר דער פשוט'ער עגזיסטענץ־פראגע פון דעם אידישען פאלק. יעדעס פאליטיש איבערקעהרעניש ברענגט מיט זיך שרעקליכע פאגראמען און מיר אליין האבען ליידער באקומען קאלטע, אפגעשטומטע, פארגליווערטע נשמות, און וואס הויבען אן שווער צו רעאגירען אויף די תלינ׳ישע מעשים. א מין וויפטע, אומגליקליכע פאסיוויטעט האט אונז ארומגענומען און במקור האמת צו באווייזען אונזער אחדות, די באקאנטע אידישע „סאלידאריטעט", פארלירען מיר זיך אין מורא'דיגע באהעלטענישער און שרעקען צוריק פאר אפענע אויסטרעטענישען. דערווייל לעבען מיר אין דער שרעקליכסטער סביבה, ווערען פארשריגען פאר קאפיטאליסטען און באלשעוויקעס, מאנארכיסטען און רעוואלוציאנערען, מלחמה־העצער און מלחמה־פארלענגערער, סבות גענוג, כדי צו פארגיסען אידיש בלוט...

א קלאסיש ביישפיל דערפאר איז מזרח־גאליציען. נישטא קיין לאנד אויף דער וועלט, וואס זאל האבען אזויפיל געליטען אין משך פון די 6 יאר, ווי דאס ארימע מזרח־גאליציען. יעדען מאנטאג און דאנערשטאג בייט עס זיינע „באפרייער" און ווער ס'קומט, אדער געהט, באלאכאוויטש אדער פעטלורא, די באלשעוויקעס אדער אנדערע, אלע, אלע מאכען אן א חרבון אין דער אידישער גאס, אידישע טרערען און אידיש בלוט איז א טאגטעגליכע ערשיינונג. וואס העלפען זיצונגען, קאנפערענצען און קאנגרעסען, וואו מען באשטעטיגט איינשטימיג, אז דער מצב פון די מזרח־גאליצישע אידען איז נישט צום דערטראגען און נור א סיסטעמאטישע קאנסטרוקטיווע ארבייט קען ווידער אויפבויען די פארוויסטע לאגע און די צושטערטע אידישע פרנסות קענען ווידער ווערען אויפגערעכט? די סבה איז אנ'אנדערע.

די צוויי סלאווישע פעלקער, פוילען און אוקראינער, וואס באוואוינען דאס לאנד, פירען זייט הונדערטער יארען בלוטיגע מלחמות. די דארטיגע אידען זענען אין ברייטע מאסען אריינגעשטויסען געווארען צווישען די צוויי נאציעס און ווי אזוי די אידען זאלען נישט האנדלען טון זיי קיינמאל נישט רעכט קיין איינציגער פארטיי. אין די צייטען פון דעם פויליש־אוקראינישען קריג האבען די מזרח־גאליצישע אידען אבגעהיט די שטרענגסטע נייטראליטעט,

ס'וואלט געווען א פאליטישע עולה, ווען מיר זאלען דעם אמת פארשווייגען, אז די וועסט־אוקראינער האבען נישט געמאכט פאגראמען אין מזרח־גאליציען. אבער די ארגאניזירטע פעטלורא־באנדען האבען אריינגעבראכט אין דעם אידישען פאלק א שטימונג געגען „אוקראינא", אז ס'איז שווער היינט צו פאדערן פון דעם מזרח־גאליצישען איד א באשטימטע פאליטישע אריענטאציע.

דאס היינטיגע מרה־שחורה'דיגע לעבען צווינגט די דארטיגע אידען ארויסצוטרעטען אויס זייער ביז איצטיגער פאסיוויטעט און ארויסצושרייען אויף דער גאנצער וועלט, אז אונזערע פאדערונג איז צו ראטעווען דאס בידנע לעבען, ברויט און יושר, און א געזונטע סאציאלע און ווירטשאפטס־פאליטיק! אבער אזוי לאנג ווי ס'וועט הערשען די בלוטיגע שנאה צווישען איין טייל באפעלקערונג צו דער צווייטער, אזוי לאנג וועלען די אידען דארט קיינמאל נישט זיכער זיין מיט זייער לעבען.

דאס מזרח־גאליצישע אידענטום נויטיגט זיך אין א פריי נאציאנאל־קולטורעל און ווירטשאפטליך אויפלעבען און דאס קאן נאר מעגליך זיין, ווען אונזערע אידישע פאליטיקער וועלען זיך אנשטרענגען מיט אלע זייערע כחות און שאפען אין מזרח־גאליציען א באדען פאר די אידישע באשטרעבונגען. אזא קאמפליצירטע פראגע ווי די מזרח־גאליצישע וואלט נאר דער פעלקער־בונד געקענט אויסגלייכען.

די אידישע פיהרער מוזען זעהן, אז עס זאל געזיכערט ווערען די עקזיסטענץ־מעגליכקייטען פאר דעם מזרח־גאליצישען אידען. די גאנצע מזרח־גאליצישע באפעלקערונג ליגט היינט צו טאג אויפ'ן טויטען־בעט און דער הונגער בושעוועט אונאויפהערליך און דערום איז נויטיג א באלדיגע און ענטשידענע האנדלונג כדי נישט צו לאזען אונטערגעהן א טייל פון דעם אידישען פאלק.

איינציגסטע
אידישע
וואָכענשריפט
אין
סקאנדינאוויען
רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 1. Fredag, 7 Januar 1921. פרייטאג 2־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.

צו די אבאָנעֶנטעֶן פון

# „די אידישע וועלט".

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע געעהרטע אבאנענטען, אז מיט דעם היינטיגען נומער פאלגט מיט א פאסט־אנווייזונג אויסגעשטעלט אויף איינצוצאלען דאס אבאנענטס־געלד פאר׳ן קומענדען קווארטאל — יאנואר־אפריל. מיר זענען ליידער געצוואונגען, צוליב דעם גרויסען יקרות אויף פאפיר און ארבייטער־כוחות צו פארהעכערען דעם אבאנענטס־באטראג און אזוי ארום וועט די „אידישע וועלט" איצט קאסטען 4 קראנען א קווארטאל.

מיר בעטען דערום אונזערע געעהרטע אבאנענטען גלייך איינצוצאלען דאס געלד, כדי מיר זאלען נישט געצוואונגען זיין אפצושטעלען דאס צושיקען פון אונזער צייטונג.

„די אידישע וועלט" האט זיך איצט פארשאפט א גרויסע צאל אנגעזעהענע אידישע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען אלס מיטארבייטער און וועט אין פארלויף פונ׳ם קומענדען קווארטאל ברענגען די וויכטיגסטע און אינטערעסאנטסטע ארטיקלען איבער פארשידענע קולטורעלע און אלגעמיינע פראגען פון אידישען לעבען אין אלע לענדער.

אין דעם קומענדען קווארטאל וועלען זיך דרוקען פארשידענע ליטערארישע ארבייטען פון:

שלום אש, ש. י. אימבער, פ. בימקא, משה בראדערזאן, ש. גארעליק, י. גראס, (ניו יארק), א. האמער, (וויען), פ. לידאר, (בערלין), יואל מאסטבוים, פראפעסאר ל. סעגאל, ש. פאן, י. מ. פליאט, דר׳ נ. שטיין, (לאנדאן).

אבאנירט זיך אין לעזט די איינציגסטע אידישע וואכענשריפט אין סקאנדינאוויען

„די אידישע וועלט"




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע —
תאמבארג — דאנציג — סטעטין — וואר־
שא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
נארד און זידאמעריקא אפריקא
אוסטראליען
ווי אויך נאך שוועדען נאר־
וועגיען, דאנציג, פוילען,
רוסלאנד, דייטשלאנד,
פראנקרייך, ענגלאנד און
אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.
Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשי־־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.
אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען
אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש
און רוסיש.

**מאשין־שרייבונג**
**און דובליקירונג.**

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־רער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

**אגענטען**

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער.

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכנעטע אויטארירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

Frederiksberg Bank,
Gl. Kongevej 107,
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

**פרעדעריקסבערג באנק.**

דאלארען פונטען,
מארקס און אלע אנדערע
וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

**אלע באנק־אנגעלעגענהייטען**
**ווערען ריכטיג אויסגעפירט.**

אבאנירט און לעזט
„די אידישע וועלט“



Flygler og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

**אנאנסען**

אין „קאפעע־בלאט“

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.
אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפעע־בלאט׳ס“ עקספעדיציע

Cafe Bladets Expedition, Dybbølsgade 11⁴. København B. Telf. Vester 7332.

**Cafe & Restaurant**
**"Osborne,,**
**Vesterbrogade 84. C. 2777.**

גוטע און געשמאקע, פרישטאגען, מיטאגען און נאכט־עסענ׳ס צו מעסיגע פרייזען.
די בעסטע סארטען וויין און געטראנקען.

**פייער־פארזיכערונג**

און אלע אנדערע פארזיכערונגען קען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.
נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

FRUGTSAFTER
**HORNBECH**
FRUGTVINE

און האט דערמיט א שטויס געטון דאס אידישע טעאטער אויף יא־רען פארויערטס.

אונטער דעם שטימונגספולען געזאנג פון כאר איז די פיעסע געהאלטען געווארען ביז'ן סוף און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א פארשלייערטער מיטעריום.

אויך די ארטיסטען פון דער ווילנער טרופע האבען דא גע־האט א מעגליכקייט זיך צו ווייזען. די ה"ה מארעווסקי (דער צדיק), נאכבוש (דער משולח), ארלעווסקא (די כלה), האבען פשוט וואונדער באוויזען.

די דעקאראציעס זענען געווארען צוגעפאסט צום אינהאלט און האבען איבערגעלאזט א שטימונגספולען איינדרוק.

אויף דער פרעמיערע זענען געוועזען כמעט אלע ליטעראטען, זשור־נאליסטען און קינסטלער, און אזא פייערליכען אווענד געדענקט שוין ווארשא נישט.

**י. מ — — — בוים.**

## נאָטיצען.

ביכער און צייטשריפטען ערהאלטען אין דער רעדאקציע:

בן־א. סאכאטשעווסקי: „אין שפיגעל“. ארויסגעגעבען אין לאנדאן, 1920.

„תקות ישראל“, א חודש־זשורנאל, ערשיינט אין האלענדיש אין שוועניגגען אונטער דער רעדאקציע פון דר. ד. קאהן.

«Juleroser». (Gyldendal) א זאמלונג מיט פארשידענע אינ־טערעסאנטע ערצעלונגען, געדיכטע און ארטיקלען פון פארשידענע סקאנדינאווישע שריפטשטעלער איבער ווייהנאכטען.

Henning Kehler: „Russiske Kroniker“ [Gyldendal]

א זאמלונג ארטיקלען איבער רוסלאנד פון דעם באקאנטען דענישען פובליציסט, וועלכער האט א צייט־לאנג געלעבט אין רוס־לאנד און דארט איבערגעלעבט די רעוואלוציאנס־צייט.

Johan Bojer: „Stille Veir“ [Gyldendal]

צוועלף נייע ערצעלונגען און סקיצען פון דעם באקאנטען נארוועגישען שריפטשטעלער יאהאן בויער, וועלכער ווערט היינט צו טאג באטראכט אלס דער איינציגער נאכפאלגער פון קנוט האמ־סון, איז א גלענצענדער דערצעלער און באזיצט א פיינעם סטיל. זיין לעצטעס בוך געהער צו איינע פון זיינע בעסטע שילדערונגען אין דער פארם פון דערצעלונגען.

## פון דער רעדאקציע.

צוליב דעם וואס „די אידישע וועלט“ דרוקט זיך אין א קריסט־ליכער דרוקעריי, וועט צוליב די אריינגעטרעטענע יום טובים, דער נעכסטער נומער ערשט קענען ערשיינען פרייטאג, דעם 6 יאנואר.

---

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה׳ ד. נאמבערג׳ס. „א ליטעראַרישער דור“.
2) פ. בימקא׳ס. „אויפ׳ן וואקזאל“.
3) י. שימינזאהנ׳ס׳ „די בלום פון פאפראטש“.
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“.
5) אנ׳אראביש ווערטער־ביכעל
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענדא“.

די דערמאנטע ביכער ווילען מיר געבען אונזערע אבאנענ־טען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער **אומזיסט** האלב־יערליכע 3 ביכער, פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

---

## דער ציוניסטישער צוזאמענפאר אין אמעריקא.

(סוף פון 2־טער זייט).

„ווערענד מיר זענען שטארק באקימערט איבער דער פראגע פון באשטימען דעם דרום גרענעץ פון פאלעסטינא וואס רירט אן די עקאנאמישע צוקונפט פון אונזער נאציאנאלער היימלאנד, זענען מיר אבער איבערצייגט אז די גרויסמעכטע ווילען ברייטהארציג אויסטייטשען און ערפילען די פארשפרעכענס וואס זיי האבען גע־מאכט צום אידישען פאלק“.

„די אמת׳ע פראבלעמע וואס מיר האבען איצט פאר זיך איז די עקאנאמישע אויפבויאונג פון פאלעסטינא, וואס יעדער ציוניסט און יעדער איד מוז מיטפילען. די אויפגאבע איז א גרויסע“.

„עס איז דער חלום פון ציון, דער גלויבען אין אונזערע כחות צו אונזער נאבעלע ארבייט וואס מאכט ערטרעגליך דאס לעבען פון אונזער פאלק אין די פאראומגליקליכטע לענדער פון אייראפא“.

„די פארווירקליכונג פון דיזען חלום ווענדעט זיך זער פיל אן די אידען פון דער פרייער וועלט אין מערב, זאלען די אמעריקאנער אידען אונטער דער לייטונג פון זייערע גרויסע פיהרער פארטזעצען זייער ארבייט און ברענגען אזעלכע אפפער וואס זאל זיין א ביי־שפיל פאר אונזער פאלק פאר אלע צייטען“.

עס זענען דאן אויך פארגעלעזט געווארען באגריסונגען פון אוסישקין, בראנדייס, ראבי וויז, לארד און אנדערע פערזענליכקייטען.

נאך דעם איז דער צוזאמענפאהר צוגעטרעטען צו באהאנדלען פארשידענע וויכטיגע פראגען וועלכע שטעהן אויפ׳ן סדר היום.

**י. גראָס.**

# דער ציוניסטישער צוזאמענפאהר אין אמעריקא.

(ספעציעלע קאָרעספאָדענץ צו „די אידישע וועלט“.)

**באלפא.** (26־טער נאוועמבער) — נעכטען נאכמיטאג האט זיך דא געעפענט דער 23־טער צוזאמענפאר פון די אמעריקאנער ציוניסטען. עס זענען זיך צונויפגעקומען אריבער 300 דעלעגאטען פון פארשידענע טיילען אין אמעריקא און קאנאדא.

אין א געהויבענער שטימונג איז דער צומענפאהר געעפענט געווארען און אלס פארזיצענדער איז ערוועהלט דער פרעזידענט פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ריכטער דזשוליען מעק.

אין זיין ערעפענונגס־רעדע האט מעק צווישען אנדערס ערקלערט:

— אויב מיר וועלען זיך איצט נישט נעהמען צו פאזיטיווער, קאנקרעטער ארבייט, וועלען מיר באווייזען אז מיר פארשטעהן נישט דעם ריף פון דער צייט, אז מיר זענען טויב און דערהערען נישט דעם דורכדרינגענדען געשריי פון די אידען אין מזרח־איירופא פאר א היים אין ארץ־ישראל דאס איז די באשטימטע פליכט אונזערע און עס פאדערט זיך די פאראייניגטע אנשטרענגונג פון דאס גאנצע אידישע פאלק כדי די פליכט צו ערפילען.

אונטערשטרייכענדיג זיין באהויפטונג אז עס פארלאנגט זיך די „פאראייניגטע אנשטרענגונגען פון דאס גאנצע אידישע פאלק“ — האט ריכטער מעק ווייטער ערקלערט, אז אלע קלאנגען אז די אמעריקאנער ציוניסטישע ארגאניזאציע ארבייט נישט האנד אין האנד מיט דער אלוועלטליכער ארגאניזאציע זענען פאלש; די אמעריקאנער ציוניסטען מוזען און וועלען א סך בייטראגען צו דער אלגעמיינער טעטיגקייט און פארלאנגען קיינע באזונדערע רעכט אדער פריווילעגיעס.

פאראייניגונג אבער, האט ער ווייטער געזאגט, מיינט נישט אז אלע צווייגען פון א געוויסען קערפער מוזען טאן די זעלבע ארבייט; ארגאניזאציעס פון פארשידענע לענדער מעגען טאן פארשידענע ארבייטען אויף אן אופן וואס פאסט בעסער די אומשטענדען, און זייערע באזונדערע פעהיגקייטען. איבערגעהענדיג צו די פראגע, וואס מיינט „פראקטישע ארבייט“ האט ער ערקלערט:

מיר דענקען נישט צו מאכען פון אידישען פאלק א קערפער־לאזע נשמה, נישט מער ווי מיר שטרעבען צו בויען א נשמה־לאזע ארץ־ישראל, די עקאנאמישע ענטוויקלונג פון ארץ־ישראל מוז געהן האנד אין האנד מיט דער קולטורעלער ענטוויקלונג.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פרעטענדירט נישט צו האבען א מאנאפאל איבער די זער ריזיגע ארבייט — האט ריכטער מעק — ווייטער געזאגט — מיר לאדען איין די אקטיווע מיטארבייטערשאפט פון יעדען עלעמענט אין דעם אמעריקאנער אידענטום אפילו די וועלכע זענען נישט מיטגלידער פון אונזער ארגאניזאציע.

די גרויסע נאציאנען פון דער וועלט האבען געטון זייערעס — גרויס־בריטאניען האט באשטימט הערבערט סעמועל אלס קאמישאנער — ער האט ארויסגעלאזט אנ׳אויפרוף א רעגירונגס־אנלייהע פון קארגע 3 מיליאן פונט. מיר מוזען אנווענדען אונזערע כחות און זעהן אז די אנלייהע זאל זיין ערפאלגרייך — דאס איז אונזער ערשטע אויפגאבע.

נאך מעק׳ס רעדע האבען זיך א גרויסע צאל דעלעגאטען געמאלדען צום ווארט און עס זענען געמאכט געווארען א רייהע פארשלעגע וועגען אריינטראגען פארשידענע רעזאלוציעס.

א טיפען איינדרוק האט אויך געמאכט די רעדע פון מאריס ראטענבערג, וועלכער האט פאר דעם צוזאמענפאר איבערגעגעבען א שילדערונג פון זיין רייזע איבער איירופא.

פון מאנכע עפיזאדען פון אידישע ליידען, וועלכע ער האט געשילדערט, האבען זיך פשוט די האר געשטעלט קאפויער. ער האט דערצעלט אז אין די קוזניעס אין וויען האט ער געפונען אידישע געלערענטע יונגע לייט, דאקטוירים און אדוואקאטען וועלכע זענען געשטאנען ביים האמער און ביי דער קאוואלדע, כדי צו האבען א שטיקעל ברויט צו עסען, בשעת אין טויזענדער אידישע שטעט פעהלען דאקטוירים און אינטעליגענטע פיהרער. ער האט פארגעשלאגען, אז די ציוניסטען מוזען ערמונטערען די אימיגראציע קיין ארץ־ישראל און צו דיזען צוועק זאלען געגרינדעט ווערען פאלעסטינישע אימיגראנטען־ביוראס אין אלע וויכטיגע האפען־שטעט. זיין פארשלאג איז אנגענומען.

צו דעם צוזאמענפאהר זענען אויך אנגעקומען א גרויסע צאל באגריסונגען פון פארשידענע ציוניסטישע ארגאניזאציעס, און ציוניסטישע טוער. צווישען אנדערע אויך א ווארימע באגריסונג פון דר. חיים ווייצמאן, אויס לאנדאן, וועלכער שרייבט:

„ביטע גיט איבער די באגריסונגען פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צו די אמעריקאנער ציוניסטען פארזאמעלט אין קאנווענשאן“.

(סוף אויף 5־טער זייט).

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 11. | Fredag, 24 December 1920. פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.


# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.


Redaktør: *J. Shaiak*.

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.



| Abonnement paa „Di Yidische Welt" | אבאנעמענטס־פרייז פאר „די אידישע וועלט": |
|---|---|
| 12 Kr. pr. Aar. | יעהרליך — 12 קראנען |
| 6 Kr. pr. Halvaar. | האלב־יעהרליך — 6 קראנען |
| 3 Kr. pr. Kvartal. | פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען |

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג
Dybbølsgade 11⁴
אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 Kjøbenhavn B

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Efterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Øre, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt» Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.


## אינהאלט:


י. גראס : דער ציוניסטישער צוזאמענפאר אין אמעריקא.

יואל מאסטבוים : רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

משה בראדערזאן : „ווייסע הירשען" (געדיכט).

א. האמער : שוידערליכע געוואלדטאטען געגען אידען אין אונגארן.

י. מ — — — בוים : ש. אנ־סקי'ס „דער דבוק".

דער מאנדאט איבער פאלעסטינא.

אמעריקאנער הילף פאר אידישע יתומים אין לאדז.

ליטעראַרישע נייעס און נאטיצען.

## Frederiksberg Bank,

**Gl. Kongevej 107,**

København V.

Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

### פרעדעריקסבערג באנק.

דאלארען, פונטען,
מארקס און אלע אנדערע
וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען
ווערען ריכטיג אויסגעפירט.


אבאנירט און לעזט

„די אידישע וועלט“


מיר מאכען אויפמערזאם די לע־
זער פון דער צייטונג אויף דער אל־
געמיינע דענישע וואַ־
רע און אינדוסטרי־לאַ־
טעריע, וועלכערס ציהונגען עס
פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון
דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר
לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„
(רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט
אויפ'ן פארלאנג פונ'ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם
15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטע־
ריע־צעטעל פאר דער גאנצער
סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קרא־
נען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס
דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטארי־
זירטע קאלעקציאן האט נאך עטליכע
צורי צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,

Dybbølsgade Nr. 11,

Kjøbenhavn B.




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע —
האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדיציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נאר־
וועגיען, דאנציג, פוילען,
רוסלאנד, דייטשלאנד,
פראנקרייך, ענגלאנד און
אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.

(Panoptikonbygningen)

טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158

פראכט־אפטיילונג: 6780

פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען
אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש
און רוסיש.




**Flygler og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.**

מאשין־שרייבונג
און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער
מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־אר־
בייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן
און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרע־
ציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער
ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו.
סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגע־
בען רעד. י. שאיאק.

סינבערג'ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאלי
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

אנאנסען

אין „קאפעע־בלאט“

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאס־
טען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.

אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפעע־בלאט'ס“ עקספעדיציע

Cafe Bladet Expedition, Dybbølsgade 11⁴. København B. Telf. Vester 7332.

אגענטען

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען
הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרע־
דע נומער 19 אין קעלער.

פייער־פארזיכערונג

און אלע אנדערע פארזיכערונגען
גען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענ־
דען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנ־
דער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קא־
פענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען
רעפרעזענטירט.

## Cafe & Restaurant
## "Osborne,,

**Vesterbrogade 84. C. 2777.**

גוטע און געשמאקע, פרישטאגען,
מיטאגען און נאכט־עסענ'ס צו מעסיגע
פרייזען.

די בעסטע סארטען וויין און געטראנקען.

**FRUGTSAFTER**
**HORNBECH**
**FRUGTVINE**

## „די טריבונע" ערשיינט ווידער.

פון לאנדאן איז מען אונז מודיע, אז דארט האט דעם 15 דעצעמבער צוריק אנגעהויבען צו ערשיינען די באקאנטע צוויי־וואכענשריפט „די טריבונע" אונטער דער רעדאקציע פון מ. גראסמאן און וולאדימיר זשאבאטינסקי.

ווי עס ווייזט אויס האבען זיך די צוויי אונערמידליכע אידישע זשורנאליסטען און טוער, גראסמאן און זשאבאטינסקי, זיך ווידער ענערגיש גענומען צו דער ארבייט. די יעניגע וועלכע געדענקען „די טריבונע" פון קאפענהאגען און שפעטער די טעגליכע „טריבונע" אין לאנדאן, וועלען זיכער אויפנעהמען די דאזיגע פרעהליכע ידיעה וועגען דער ווידער־אויפלעבונג פון דער דאזיגער ערנסטער צייטשריפט מיט גרויס פרייד און ווינשען די ה"ה גראסמאן און זשאבאטינסקי, דאס זייער ארבייט זאל באמת געקרוינט ווערען מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

## וולאדימיר גראסמאן אין קאנאדא.

פון טאראנטא שרייבט מען אונז, אז דער באקאנטער אידישער זשורנאליסט ה' וולאדימיר גראססאן, וועלכער איז מיט עטליכע חדשים צוריק אפגעפארען פון קאפענהאגען, איז לעצטענס געווען אין מאנטריאל און טאראנטא, וואו ער וועט האלטען א רייהע פארטרעגע איבער פארשידענע אידישע פראגען און זיך גלייכצייטיג אויך באשעפטיגען מיט די פארהעלטענישע פון אידישע קאלאניזאציע און אנדערע אגרי־קולטור־פראגען צווישען די אידישע עמיגראנטען אין קאנאדא און אמעריקא.

## א אידישער ארטיסטען־קלוב.

ירושלים —

דא איז געגרינדעט געווארען א אידישער ארטיסטען־קלוב, וואס האט דעם צוועק צו פארשפרייטען קונסט. די ערשטע אויסשטעלונג וועט איינגעארדענט ווערען אין פריהלינג. דער קאמיטעט פונ'ם קלוב באשטעהט פון די ה"ה ש. בן-דוד, ש. גור־אריה, א. פן און ש. מעלניקאוו.



## דער קאנצערט פון „הזמיר".

שבת דעם 11־טען דעצעמער האט דער קאפענהאגענער „הזמיר" אפגעהאלטען זיין 14־טען קאנצערט אין „ארבייטערפארעניגענס" גרויסען זאל. מיט דעם דאזיגען קאנצערט האט דער „הזמיר" אויך דערגרייכט א גרויסען זיג און א כבוד אויפ'ן געביט פון אידישע פאראנשטאלטונגען אין קאפענהאגען.

דער קאנצערט האט זיך אנגעהויבען פראגראם־מעסיג מיט אברהם רייזענ'ס פאפולערע ליד „קירכען־גלאקען", וואס איז געזונגען געווארען פון „הזמיר'ס" כאר אונטער דער טיכטיגער לייטונג פון דיריגענט ה' מ. בערעזאווסקי. גלייך דערנאך האט נאכגעפאלגט דאס פאלקס־ליד „ער האט מיר צוגעזאגט" און „א גנבה", וועלכעס האט ארויסגערופען באגייסטערונג און געמוזט געזונגען ווערען „דא קאפא".

גלייך דערנאך האט זיך אונטער א שטורם אפלאדיסטעמענטען באוויזען אויף דער ביהנע דער קליינער ווירטואז טאסי ספיוואקאווסקי מיט זיין ברודער אלבערט.

ספיוואקאווסקי האט אויך דאס מאל ווי תמיד אויסגעפירט א אינהאלטסרייכען און אינטערעסאנטען פראגראם. צוערשט וויעניאווסקי באקאנטע „פאוסט־פאנטאזיע" און שפעטער קרייזלער'ס „שאנסאן לואיס" קאפריצע וויענאיס" און וויעניאווסקי'ס „סיליאנקא".

נישט קוקענדיג דערויף, וואס דער קליינער מוזיק־זשעני איז פון אנפאנג געווען אביסעל נערוועאיז, (הויפטזעכליך ביים שפילען די „פאוסט־פאנטאזיע"), דאך האט ער אין די אנדערע זאכען ארויסגעוויזען זיין גרויסען טאלענט און וואונדערבארע געפילפולע אויפפאסונג ווי אויך די זעלטענע טעכניק מיט וועלכער דער קליינער ספיוואקאווסקי דערגרייכט די מדרגה פון א גרויסען קינסטלער. צום סוף האט ספיוואקאווסקי, אויפ'ן פארלאנג פונ'ם פובליקום, געמוזט אויספירען צוויי אונגארישע טענץ פון בראהמס. די באגייסטערונג פאר ספיוואקאווסקי'ס שפילען האט קיין סוף נישט געוואלט נעהמען.

צום סוף האט דער כאר נאך געזונגען איינינגע אידישע און דענישע לידער מיט קאנטאר קונשטאט אלס סאליסט.

בכלל איז דער אווענד געווען א געלונגענער און פארדינט באמת אנערקענונג.

ש. פאן.

## פון דער רעדאקציע.

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע לעזער דאס מיר מאכען פארברייטונגען, אז „די אידישע וועלט" זאל אין אלע הינזיכטען ווערען פארשענערט און אינהאלטסרייכער. מיר האבען צוגעצויגען איינינגע אנגעזעהענע אידישע שריפטשטעלער אלס מיטארבייטער פון אונזער צייטונג און מיר געבען זיך די גרעסטע מיה אז „די אידישע וועלט" זאל פארוואנדעלט ווערען אין א שענער, ליטעראַרישער און גוט־אינפארמירטער וואכענשריפט.

צוליב די פארשידענע טעכנישע פארברייטונגען וואס מיר מאכען, ערשיינט די צייטונג דאס מאל נאר אין 4 זייטען.

די רעדאקציע.

---

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג

Dybbølsgade 11⁴

Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332

## שוידערליכע געוואַלדטאַטען געגען אידען אין אונגאַרן.

(פון אונזער וויענער קארעספאנדענט)

פון א פערזאן וועלכען עס איז געלונגען צו אנטלויפען פון דעם אונגארישען גהנום און איז היינט אנגעקומען קיין וויען דערווייס איך זיך דאס אין די לעצטע טעג זענען געגען די גאליצישע אידען אין בודאפעסט באגאנגען געווארען שוידערליכע געוואלדטאטען. ביי נאכט ווערען דורכגעפירט רעוויזיעס אין די וואוינונגען פון אידען. נישט קוקענדיג אויף דעם וואס זיי וואוינען שוין אין בודאפעסט פון פאר דער מלחמה. און זיי ווערען אין דער גרעסטער קעלט מיט זייערע פאמיליעס געטריבען אין די „שוב־הייזער" וואו מען זעצט זיי איין אין קעלערס אהנע פענסטער און מען שלאגט און פייניגט זיי אכזריות'דיג. אין די דאזיגע „שוב־הייזער" געפינען זיך שוין איינינע טויזענד אידען. צוליב דעם וואס די „שוב־הייזער„ זענען איבערפילט ווערען די פארצווייפעלטע טראנספארטירט אין דעם געפערליכען אינטערנירונגס־לאגער אין פיליס־עזאבא וואו עס הערשט א געפערליכע עפידעמיע, ביז איצט זענען אין דעם אינטערנירונגס־לאגער אין פיליס־עזאבא פארגעקימען 20 טויט־פאלען פון די פארשידענע קראנקהייטען און פון דעם וואס מען פייניגט די אידען אויף א בעסטאלישען אופן. איינינע הונדערט מאן געפינען זיך אין א זער געפערליכער צושטאנד.

דאס בלוט ווערט געגליווערט ווען מען הערט זיך צו צו די שוידערליכע פאקטען וואס עס ווערט אפגעטון פון דער „מאדזשארישער הארטי־רעגירונג".

עס פרעגט זיך נאר ווען שוין א סוף נעהמען דאס הולען פון די מאדזשארען? צו וואו'טען דען די אנטאנט־מלכות נישט געקענט איינשטעלען די בעסטיאליטעט אין הארטי־לאנד?...

וויען, 15 דעצעמבער 1920.

**א. האמער.**

## דער מאנדאט איבער פאלעסטינא.

גענף — (ספעציעלע ידיעה צו „די אידישע וועלט")

ווי איך האב שוין מיטגעטיילט פאריגע וואך געפינען זיך איצט אין גענף א גרויסע צאל אידישע פערזענליכקייטען און אונטערהאנדלען מיט די פארשידענע שטאאטסלייט וועגען דער אידען־פראגע אין מזרח־אייראפא ווי אויך וועגען דער פראגע פון מאנדאט פאר פאלעסטינא. ווי מען טיילט מיר מיט, איז דער מאנדאט וועגען פאלעסטינא שוין די טעג אונטערגעשריבען געווארען און איז פון דעם פעלקער־בונד איבערגעגעבען געווארען צו ענגלאנד.

אין א געשפרעך מיט א אידישער פערזענליכקייט האט מיר יענער ערקלערט, אז די באשלוסען וועגען מאנדאט איבער פאלעסטינא איז צום גרעסטען גונסטען פאר'ן אידישען פאלק וועגען דער שאפונג פון א נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל איז שייכות מיט דער באלפור־דעקלאראציע.

ח. ג.

## אמעריקאנער הילף פאר אידישע יתומים אין לאדז.

דאס „לאדזער טאגבלאט" טיילט מיט: אין ביורא פון אמעריקאנער קאמיטעט אויף זאבאדניא 20, איז פארגעקומען א בעראטונג פון איינינע געזעלשאפטליכע עסקנים מיט דער באטייליגונג פון פארשטעהער פון ד. ד. ק. ה' היימאן וועגען פארזארגען די נויטליידענדע יתומים פון לאדז.

נאך אנ'אויספירליכער דיסקוסיע איבער ה' היימאן'ס לענגערען רעפעראט ווערט אנגענומען פאלגענדער באשלוס:

עס ווערט געגרינדעט א ספעציעלער קאמיטעט, וועלכער האט די אויפגאבע זיך צו פארנעמען מיט דער פארזארגונג פון די לאדזער יתומים דאס קאמיטעט וועט דורכפירען א רעגיסטראציע וויפיל יתומים עס געפינען זיך אין שטאט. די רעגיסטראציע וועט דורכגעפירט ווערען מיט דער הילף פון א אנקעטע וואס וועט צוגעשיקט ווערען פון אלע אכראנקעס, שולען, תלמוד־תורות און חדרים.

עס איז דאן געוועלט געווארען א קאמיטעט פון 15 מענשען, וועלכער דארף זיך אפגעבען מיט דער ארבייט.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך באשלאסען געווארען צו ווענדען זיך צו דער אידישער געמיינדע, אז זי זאל זיך באמיהען, אז דער בנין פון הערץ־אכראנקע זאל אפגעגעבען ווערען אין רשות פון דעם ניי־געגרינדעטען קאמיטעט כדי דארט איינצוארדנען א גרויס יתומים־אנשטאלט.

אחוץ דעם ווערען איינגעארדנעט 2 נייע יתומים־אנשטאלטען — אויף סמוגאווא 4 און אין לאקאל פון פרויען־שוץ־פאריין.



### ליטעראַרישע נייעס.

## ש. אַנ — סקי'ס „דער דבוק".

אויפגעפירט איןווארשא צו אנ — סקי'ס שלושים.

(פון אונזער ווארשאווער מיטארבייטער)

היינט, פרייטאג, איז ביי אונז, אין דעם ווארשאווער טעאטער „עליזעאום", אויפגעפירט געווארען, צו ש. אנ־סקי'ס שלושים, זיין פיעסע „דער דבוק".

אין א קורצער נאטיץ איז שווער זיך געניע אפצושטעלען אויף דער ליטערארישער זייט פון דער פיעסע, וועגען וועלכער מיר וועט נאך אויסקומען צו שרייבען. איינס אבער איז קלאר געווארען, אז די רעזשי האט פאר זיך געהאט א געוואלדיגע אויפגאבע, דען זי איז איבער געשטיגען דעם אינהאלט פון דער זאך. דער רעזשיסאר אירער דוד הערמאן, האט דאס ווערק אויפגעפירט מוסטערהאפט און האט באוויזען דאס ער איז א רעזשיסאר פון העכערען שניט,

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

.5

### פאביאניץ.

צוואנציג מינוט אונגעפער פון לאדז פירט אייך דער עלעקטרישער טראמוואי דורך די לאנגע רייהען הייזער און שטעלט אייך אפ אין ברייטען מארק.

פאביאניץ פארמאגט נאך אין זיך די עלענדע ארבייטסלאזע פון לאדזער פאבריקאט. און שטייגט איר אפ. זעהט איר פאר זיך די צענדליגער אראפגעלאזטע קעפ. וואס באטראכטען אייך: זייט איר נישט אמאל איינער פון די. וואס וועלען צוריק א טרייב טון די פארע־קראפט פון די לאדזער קוימענס?

פאביאניץ. דאס קליינע טעכטערל פון דער רוסישער פאבריקאט־שטאט, געהט נאך ארום מיט מאדנע גוטע ערינערונגען וועגען פאזנאנסקי'ן און שייבלער'ן, וועגען זילבערשטיינ'ען און הינצעל און קוניצער. עס בענקט זיך דארט שטארק נאך דער קעטע און שוס, נאך דער באלוטער וועב־מאשין.

— אך ווי דערלעבט מען עס שוין די צייט, דאס אונזערע וועבערייען זאלען צוריק געהן אין גאנג, — זאגט צו מיר איינער פון די פארברענטע נאך דער וועבעריי ארבייטער, און דערקענט האב איך, אז נישט נאר די צייט פון גוטען פארדינסט ציהען אים, נור עפעס דאס אייגענטימליכע פון וועבען און שפינען, די אידיליע פון שפינעריי, אויף וועלכעס לעבען פאביאניץ איז געבויט געווארען.

טראץ דעם, וואס דאס שטעטעל לעבט אונטער דעם קריזיס פון דער צייט, פארמאגט זי עפעס א מאדנע סובטעלע ארבייטער־יוגענד.

איך האב באזוכט די „ארבייטער־היים". געטראכט האב איך צו געפינען ארבייטער מיט פראגראמען אין די הענד און איך האב געפונען ווארימע יוגגע־לייט, וואס האבען עפעס מיטגעמאכט מיט די לעצטע צעהן, פופצעהן יאר אין דער היגזיכט פון אונזער ליטעראריטשען און פארטייאישען רענעסאנס.

— אך! וואס טוט דער און דער? וואו איז אהינגעקומען דער און דער? אך א שאד דאס און דאס.

אין דעם אינטערעס, וואס די מענשען האבען אין די שמועסען פון ליטעראטור און קונסט, זעהט איר, אז פאביאניץ איז ווייט פון די קליינע ארבייטער־שטעטלעך, וואס זענען מער נישט אנגעזאפט ווי מיט פארטיי־ליטעראטור. נאך די אפישען און פראגראמען פון זייערע פארלעזונגען, דיסקוסיעס און בכלל באנעהמונג צום געדרוקטען ווארט, שפיגעלט זיך אין פאביאניץ אפ די אייגענשאפטען פון דער צו קולטור און אידיש־דורשטיגער מוטער לאדז, אבער נישט דאס מיטגעשלעפטע פון דער ביליגער טאנץ־און לעב־קונסט...

יואל מאסטבוים.

## משה בראָדערזאָן.

### ווייסע הירשען

לויפען, לויפען אין די בלויע שנעען ווייסע הירשען שטילע,
לויפען, לויפען און פון זילבער, און פון רײנעם זילבער
זענען הערנער.
קערנער בלויע נידערען פון הימלען: ס'פאלט א בלויע תפלה
ס'פאלט דער בלויער שנעע! און יעדער הירש איז דאָך
א גלגול פון אנ'עילוי,
פון א זינגענדיגען סודי־סודות־לערנער.
לויפען, לויפען הירשען אין די שנעען אומידיגע, בלויע.
און די אויגען זענען דאָך ביי זײ אזעלכע טרויריגע
פערלמוטע־גרויע.
און עס לאָזט זיך פלוצים רויט אראָפ דער קאָפ פון זון
און ציטערט —
ווערט פאר אָוועט־בענקשאפט גרויס די זון, צעפלאצט,
צעשפליטערט,
און גיסט זיך אין א פאליעדיגען רויטען ים צעפלאָסען
איבער אלע וועגען, איבער אלע ברעגען, איבער אלע מאָסען.

לויפען, לויפען הירשען, ווי ס'וואָלט ווער זײ געשאָסען...
לויפען, ווײסע הירשען, ווי געיאָגט פאר שרעק־שגעון.
און מיט רויטען בלוט באגיסט זיך אלץ וואָס האָט געטובל'ט
זיך אין בלויען —
אין דער הימעלדיגער בלויער טבילה.
לויפען, לויפען זילבער־הערנערדיגע הירשען שטילע,
און פארפלאָנטערט אין די שאָטענס אייגענע פון הערנער
אויף די רויטע שנעע'ן
גוסס'ן די הירשען אין די אויסגעבענקטע — אין מנוחה־ווײען —
און די פײנליכע געשרייען פון די שטילע הירשען ווײט ביז
זון צושאלען.

לויפען, לויפען ווײסע הירשען און זײ פאלען
כורעים פאר דעם גורל פאלען. —

## ד"ר נאָרדוי קראַנק.

פון פאריז קומט אן די ידיעה, אז ד"ר. מאקס נארדוי איז לעצטע וואך פלוצים קראנק געווארען און געמוזט קומען אונטער דער באהאנדלונג פון דאקטוירים. די ערשטע טעג פון זיין קראנקהייט איז די לאגע פון דעם באקאנטען אידישען געלעהרטען און ציוניסטישען טוער געוועזן א זער קריטישע. ווי מען טיילט אונז מיט פון פאריז האט זיך דר. נארדוי'ס לאגע אביסעל פארבעסערט און די דאקטוירים ערקלערען, אז ס'איז דא אנ'אויסזיכט דאס נארדוי זאל באלד ווידער געזונט ווערען.

## מאָרריס ראָזענפעלד קראַנק.

פון אמעריקא קומט אן די ידיעה, אז דער באקאנטער אידישער דיכטער מאררים ראזענפעלד איז פאריגען חודש שטארק קראנק געווארען און געמוזט זיך ארייןלעגען אין א שפיטאל.

ווי עס ווערט מיטגעטיילט, האט זיך דער בארימטער אידישער דיכטער לעצטענס זער שטארק אנגעשטרענגט ביי דער צוזאמענשטעלונג פון א באנד פון זיינע ענגלישע געדיכטע, וועלכע ער האט געוואלט ארויסגעבען און דאס האט שטארק געווירקט אויף זיין געזונד.

## זאנגוויל ביים פעלקער־בונד.

גענף — (ספעציעלע ידיעלע צו „די אידישע וועלט")

צווישען די אנדערע אידישע פערזענליכקייטען, וועלכע זענען לעצטע וואך אנגעקומען קיין שווייץ געפינט זיך אויך דער באקאנטער אידיש-ענגלישער שריפטשטעלער ישראל זאנגוויל, וועלכער האט זיך דא געזעהן מיט איינינע אנגעזעהענע שטאאטסלייט און מיט זיי קאנפערירט איבער דער אידען־פראגע. זאנגוויל האט אויך געהאט א לענגערען געשפרעך מיט דעם ענגלישען פאליטיקער לארד ראבערט סעסיל בנוגע דעם מאנדאט איבער פאלעסטינא און מיט פאדארעווסקי'ן בנוגע דער לאגע פון די אידען אין פוילען.

ח. ג.

א זיצונג פון דער אידישער דעלעגאציע אין פאריז.

פאריז —

דער סעקרעטאריאט פון דער אידישער שלום־דעלעגאציע אין פאריז האט באשלאסען צונויפצורופען א פלענאר־זיצונג אויפ'ן 6 און 7־טען יאנואר כדי צו באהאנדלען איינינע וויכטיגע אידישע פראגען.

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

4.

לאסק.

צווישען סיעראדז און לאדז, אויך ווייט פון דער באהן־ליניע, ליגט דאס באשיידענע שטעטעלע לאסק. לאסק, ווי מיר שיינט, פארמאגט נישט אין זיך דאס פינקטליכע און טויט־קאלטע פון אנדערע שטעטלעך אין קאלישער אומגעגענד — דאס שטעטעל איז אין דער הינזיכט ווי א פארבלאנזשעט שעפעלע. עס האט אין זיך עפעס פון גרויס־פוילישען שניט, עס איז אידישער, באשיידענער און, ווי מיר שיינט, צניעות'דיגער. הויפטזעכליך האב איך די פרומקייט באמערקט אין דער לאסקער פרוי.

די לאסקער יונגע פרויען האבען אין זיך נאך עפעס פארבעהאלטענעס אין זייער בליק און אין זייער וועזען. נאהענט פון לאדזער טאנצעדיגקייט, קאלישער גאלאנטקייט, און סיעראדזער ציניזם האט זיך דאס אלץ אין זיי נישט אנגערירט און זיי שטעהען גאנץ פון ווייטען פון אט דער „קולטור". א לאסקער טאכטער איז נאך עפאס שווערמעריש אין לעבען און דערפון שטאמט עס, וואס איך האב דארט געפונען איז עטליכע דיכטערינס און גאר נישט קיין שלעכטע. איינע פון זיי וועט האפענטליך געבען דעם ערשטען טריט אין אונזער ליטעראַרישען יונג־פרוילינען גארטען...

דער הויפט־שטריך, וואס מיר געפעלט דארט צווישען אלע יענע שטעטלעך, איז דאס, וואס אין זיי האט זיך נישט אויסגעארבייט יענער פון דער מלחמה־איינגעווארצעלטער שטאלץ און קאלטער ציניזם און נישט דער איינג'עקשנ'טער פארטיי־קאמף. איהר זעהט נאך דארט מאדנע ווייכע נאאיווע ציונים און סתם יונגע לייט פון יענעם אמאליגען שניט לערנער, העברעער און שרייבער.

פארדריסען פארדריסט נאר אבער א מאדנע מעשה, פארהאן דארט א גרופע פון יענע מיטגלידער, וואס זענען ענג פארבונדען מיט די אגודת ארטאדאקסען פוןווארשאווער שניט, עס הייסט אנ'אדער פון די פאליטיק־טרייבער אונטער דער מאסקע פון דער תורה. איז אט די גרופע א נישט ליב־האבערין פון העברעאיש, ממש זי האט עס פיינט ווי דעם טויט. איז געקומען פון לאדז איינער א געוויסער אינטעליגענטער יונגערמאן, וואס איז אפשר מער פון א לעהרער און געוואלט אננעהמען א שטעלע פון א שטאטישען לעהרער, געשיקט פון איינעם צום צווייטען און געענטפערט פון יענע בעלי־הבתים אונטער דער נאז, איז ער אפגעלאפען א צייט, אבגעקלאפט ביי זייערע טירען, קוים־קוים איז ער געוואר געווארען אין וואס עס האנדעלט זיך און דער סוד איז העלפט ענטדעקט געווארען, אז עס איז ליבער פויליש, ווי העברעאיש. איז אבער פארהאן דארט א שול־ראט און ניטש קיין נאר, שטעלט ער זיך אנידער און גיט א דרעה די וואנסע: „מיינע הערען, 62 פראצענט פון אייערע בעלי־הבתים צאלען שקאלנע און די רעשט זענען נישט פון אייער שטאם, קאנט איר עס דען זיי אנווארפען פויליש?" אט דאס, זעהט איר, האט געווירקט אויף די פרומע אידען און זיי האבען נאכגעגעבען.

ווען נישט די מעשה, פארט איר אוועק פון לאסק מיט יענעם אנגענעהמען געפיל, ווי פון עפעס א שטילער באשיידענער משפחה, וואס האט אייך איבעראשט, דאך איבערגעלאזט א ווארימען איינדרוק...

יואל מאסטבוים.

# די אידישע וועלט

וואכענשריפט פאר אידישע אינטערעססען.

רעדאקטאר: י. שאיאק.

Nr. 10. | Fredag, 17 December 1920. | פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.


## בולאך בולאכוויטש און סימאן פעטלורא...

נאך א חדשים־לאנגען באדען זיך אין אידיש בלוט, אינ'ם בלוט פון אונשולדיגע אידישע פרויען, מענער און קינדער, האט ענדליך א סוף גענומען צו דער הערשאפט פון די צוויי גוט־באקאנטע חוליגאנעס בולאך בולאכאוויטש און פעטלורא.

אין דער אידישער געשיכטע האבען די דאזיגע צוויי הוליגאנעס זיך אליין איינגעשריבען מיט דעם בלוט פון טויזענדער אונשולדיגע אידישע פרויען און קינדער. אזא בלוטיגען בלאט האט די אידישע געשיכטע ביז היינט צו טאג איבערהויפט נאך נישט פארצייכענט. וויפיל צרות און ליידען דאס אידישע פאלק האט אין דער צייט פון די צוויי טויזענד יאר ארומוואנדערען איבער דער וועלט איבערגעלעבט, זענען דאך נישט מער ווי א נארישער שפאס אין פארגלייך מיט די פאגראמען, וועלכע זענען ארגאניזירט געווארען פון די צוויי רויבער־העלד'ען בולאך בולאכאוויטש און פעטלורא.

א שוידער לויפט אריבער איבער'ן לייב ווען מען לעזט איבער בלויז עטליכע בלעטלעך פון דער בלוטיגער געשיכטע אין אוקראינא. די לאנגע רשימות מיט די טויזענדער אונשולדיגע אידישע קרבנות, רופען ביי אייך ארויס א געפיל פון עקעל צו דער גאנצער וועלט! עס ווילט זיך נישט גלויבען, אז היינט צו טאג, אינ'ם 19־טען יארהונדערט, זאל אזעלכעס קענען געשעהן אין מיטען פון אייראפא; אין דער מיט פון דער מענשליכער ציוויליזאציע. מען ווערט פלוצום באהערשט פון א אונבאגרענצטען געפיל פון נקמה; עס וואלט פשוט זיך וועלען נוקם זיין אין אזעלכע בלוטדורשטיגע חיות און פארלאנגען אין נאמען פון מענשליכקייט, אז די צוויי הוליגאנעס זאלען געשטעלט ווערען פאר אנ'עפענטליכען טריבונאל, וועלכער זאל ארויסטראגען א פסק דין, אז די צוויי מענשען־פרעסער צוזאמען מיט זייערע מיטהעלפער זאלען פון זייערע אייגענע חברים ארויפגעשטאכען ווערען אויף שארפע, שפיציגע, שפיזען און געטראגען ווערען איבער די גאסען, פונקט ווי זיי האבען ארומגעטראגען אונשולדיגע אידישע קינדערלעך און פרויען.

אט אזא סוף האבען עס פארדינט די דאזיגע מענשען־פרעסער!

בלויז איין טרייסט האבען מיר אידען איצט, וואס עס איז לעצטענס געקומען א סוף צו דער הערשאפט פון די צוויי רויבער. לאמיר דאן אויך האפען, אז די דאזיגע צוויי רויבער'ס סוף האט נאך נישט דערגרייכט דעם ענדפונקט.

דאס אונשולדיגע בלוט פון דעם גרויסען אידישען ברידער־קבר שרייט און רופט נקמה פון די צוויי מאסען־מערדער בולאך בולאכאוויטש און סימאן פעטלורא!

י. ש.




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

---

**מ א ש י ן ־ ש ר י י ב ו נ ג**
**א ו ן  ד ו ב ל י ק י ר ו נ ג .**

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן אין גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען· געזאנגען א. א וו. סרילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

פינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל·
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

---

**א ג ע נ ט ע ן**

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער·

---

FRUGTSAFTER
**HORNBECH**
FRUGTVINE

---

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכערס ציהונגען עסֿ פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכנטע אויטארי־זירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען·

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

---

## Frederiksberg Bank,

**Gl. Kongevej 107,**
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

**פרעדעריקסבערג באנק.**

ד א ל א ר ע ן ,  פ ו נ ט ע ן ,
מ א ר ק ס  א ו ן  אלע אנדערע
וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען
ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

---

אבאנירט און לעזט

„ד י  א י ד י ש ע  ו ו ל ט“

---




Flygler og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

---

**א נ א נ ס ע ן**

אין „ק א פ ע ע ־ ב ל א ט“

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.

אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפעע־בלאט׳ס“ עקספעדיציע

Cafe Bladet Expedition, Dybbølsgade 11⁴. København B. Telf. Vester 7332.

---

**גוטע מיטאגען.**

באקומט איר טעגליך צווישען 2־7 ביי

פרוי דווארקין, גאמעל־מינט 41, 2 זאל.

---

**פ י י ע ר ־ פ א ר ז י כ ע ר ו נ ג**

אין אלע אנדערע פארזיכערונגען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, האפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

## די שענדליכע מסורות געגען „די אידישע וועלט“

מיר האלטען עס פאר אונזער חוב מיטצוטיילען פאר דער עפענטליכקייט, דאס „די אידישע וועלט“, וועלכע האט אין דער קורצער צייט פון איר ערשיינונג באוויזען, אז זי האט באקומען א שטארקען איינפלוס אין דער אידישער גאס און א פריינדליכע באגריסונג אין פארשידענע אידישע קרייזען אין אויסלאנד, איז פון עטליכע געמיינע אידישע אינדיווידיום׳ס אין קאפענהאגען, וועלכע עס איז נישט זער ליב די שטעלונג פון אונזער צייטונג, גע׳מסור׳ט געווארען ביי דער היגער פאליציי, א פנים מיט דעם צוועק אז די צייטונג זאל אפגעשטעלט ווערן און דער רעדאקטאר זאל ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד. מיר ערקלערען דערום פאר דער עפענטליכקייט, דאס מיר האבען מיט דער הילף פון אנ׳אדוואקאט און איניגע אנגעזעהענע פערזאנען אנגעהויבען א שטארקע אונטערזוכונג כדי געוואר צו ווערען וועך עס זענען די געמיינע מוסרים, וועלכע ווליען אונז פארמאכען ס׳מויל דערפאר וואס מיר האבען ויך ערלויבט צו זאגען דעם אמת בנוגע איניגע וויכטיגע אידישע פראגען. מיר ווילען די דאזיגע מוסרים זיכער נישט שוינען און פאדערען א געזעצליכע און גערעכטליכע באשטראפונג פאר זייערע פראוואקאציעס.

דער ארויסגעבער און רעדאקטאר פון „די אידישע וועלט“.



„קריטיק“ ליטעראַרישער חודש־זשורנאל, ערשיינט אין וויען אונטער דער רעדאקציע פון משה זילבורג.

די ביז איצט ערשינענע 5 העפטען פון דעם דאזיגען ערנסטען זשורנאל, ווען זיכער ארויסרופען שטארקע וכוחים אין דער אלגעמיינער אידישער פרעסע. דעם ערשטען אפקלאנג דערפון האבען מיר שוין געזעהן אין וויען גופא וואו דער זשורנאל ווערט ארויסגעגעבען.

נעהמט מען אין באטראכט דעם דוחק אין אזעלכע ערנסטע אידישע פעריאדישע ערשיינונג, אין דער אידישער ליטעראטור, מוז מען אפריכטיג באגריסען אזא זשורנאל ווי „קריטיק“, וואס פארדינט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט און וואס איז דורכאויס ווערט געלעזען צו ווערען שוין דערפאר, וואס דער דאזיגער זשורנאל איז רייך אין זיין אינהאלט און האט א גרויסע צאל אנגעזעהענע און טאלענטפולע אידישע מהברים אלס מיטארבייטער. דאך וועט „קריטיק“, ווי שיין געזאגט, באגעגענט ווערען מיט א געגענזייטיגער קריטיק דערפאר, וואס דער רעדאקטאר פון דעם זשורנאל האט אין די ערשטע 4 העפטען אפגעדרוקט א רייהע ארטיקלען „וואס איך האב אייך צו זאגען“ וועלכע זענען געווידמעט א טייל געגען ציוניזם און א טייל געגען א גרויסער צאל אידישע פערזענליכקייטען מיט א צו שארפער קריטיק...

משה זילבורג׳ס ארטיקלען וואלטען זיכער פארדינט א ברייטע אפהאנדלונג אין א פאלעמישער פארם, ליידער טארען מיר זיך דאס צוליב דוחק אין פלאץ נישט ערלויבען. דאך מוזען מיר זאגען אז זילבורג׳ס ארטיקלען כאטש זיי זענען פיל צו שארף און צו „קריטיש“, פארדינען אבער די גרעסטע אויפמערקזאמקייט. צו מען איז יא איינשטימיג צו נישט איינשטימיג מיט זילבורג׳ן דאך קען מען זיך נישט צוריקהאלטען פון באגייסטערונג פאר זיין אויסערגעוועהנליך ארגינאלען סטיל, שפראך און פארם אין וועלכע די עטליכע ארטיקלען זענען געשריבען. זילבורג׳ס פעדער איז באמת א נייע ערשיינונג אין דער אידיש־גאליצישער, אדער אידיש־עסטרייכישער ליטעראטור, וועלכע איז ווערט מען זאל זיך אויף איר אפשטעלען.

אויסער דעם זענען אין די 5 ערשינענע העפטען אפגעדרוקט עטליכע גאנץ געלונגענע בעלעטריסטישע זאכען ווי למשל א. מ. פוקס׳ס „פון דערווייטענס“, דוד איגנאטאוו׳ס „דער האדסאן“, א. ראוובני׳ס „דער ליבהאבער“ און פארשידענע אנדערע פראזא און געדיכטע וועלכע פארדינען געלעזען צו ווערען.

עס איז קיין צווייפעל נישט אז „קריטיק“ וועט געפינען א טיפען אפקלאנג ביי דעם אינטעליגענטען אידישען לעזער.

ש. פאן.

## ביליג און שעהן.

אידישע און דענישע דרוק־ארבייט ווערט אויסגעפיהרט שעהן, געשמאקפול און פארהעלטניסמעסיג ביליג אין דער באקאנטער דרוקעריי־פירמא

**Rasmussen & Rugh, Læderstræde 11.**

קומט און איבערצייגט אייך און איר וועט זיכער זיין צופרידען פון אונזער ארבייט.

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה׳ ד. נאמבערג׳ס. „א ליטעראַרישער דור“.
2) פ. בימקא׳ס. „אויפ׳ן וואקזאל“.
3) י. שימינזאהנ׳ס׳ „די בלום פון פאפראטש“.
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“.
5) אנ׳אראביש ווערטער־ביכעל
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענעדא“.

די דערמאנטע ביכער ווען מיר געבען אונזערע אבאנענטען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער אומזיסט האלב־יערליכע 3 ביכער, פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

.3

### וולאצלאוועק.

ווען מען זאל מיך פרעגען, צי וואס וואלט איך פערגליכען די שטאט, וואלט איך ענטפערען צו א גארטען, וואו עס זיצען צוזאמען האלב סאלאנישע, האלב קיכישע בעל־הבית׳טעט.

כ׳ווייס נישט ווי היינט פאראיארען, קיין עין הרע, האט דארט געשווירבעלט און געגריבעלט מיט האלב־קיך האלב־סאלאן, דאמען צוגערייזטע, האלב קיין שפעטאל, האלב קיין ציעכאצינעק. קומט מען ארײן קיין וולאצלאוועק אין לייכטע טיולענע קליידער מיט קוק־פענסע אויף דער נאז, מען שטעלט זיך קוקען אויף די אפישען, וואס פאר „א צוגערייזטע קראפט“ עס איז געקומען און אין איינוועגס געהט מען כאפען עפעס היהנערדיגעס און אייערדיגעס אויפ׳ן מארק. דערנאך קומט מען אהיים און מען לאזט זיך ארײן אין דער אייערפאן. דערנאך צולאזט מען ווילד די הענד איבער דער פיאנא. דערנאך געהט מען שלאפען. אט דאס איז די פערספעקטיוו פון פאראיאריגען וולאצלאוועק דאס צוגערייזטע. דאס, וואס עס איז זיך געקומען פאכאפיען, צוריק קומען צו די כוחות. א בייזער גייסט זאגט מיר אבער, אז איך האב נישט קיין טעות, און גאנץ וולאצלאוועק איז ביז׳ן היינטיגען טאג געוועזען און וועט זיין א דאמעלע, וואס זוכט „צוגערייזטע כחות“, געהט קויפען עפעס היהנערדיגעס, שפילט אויף פיאנא און געהט שלאפען נאך מיטאג.

עהנליך צו פלאצק הערשט נאך דארט עטוואס פון „אביוואטעלסקען דוך“, וואס רופט „נא ספאצער“, „נא אביאד אי נא אוראזמאיצעניע“.

די דאמען און מענער דארט זענען אנגעשמעקט מיט׳ן ווארשאווער ראומאיטאשצי, נישט ווייניגער ווי מיט׳ן געשמאקען מיטאגדיגען ווּרובעל׳ן צוזאמען מיט סיראטא׳ן און קאכאנסקי׳ן און לארדעליס פיינקוכען אין האטעל „פאלאניא“.

די גאנצע שטאט, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, האט עטוואס אין זיך פיינעסערעשעס, געמישטעס מיט קונסט און שלאפען אויף פיינע געלעגערס. זאנסט וואלט מען נישט געקאנט הערען בייטאנ פון שפעטאל דאס כראפען, קיין עין הרע, פון זיידענע נאז־לעכער און דערנאך דאס קלינגען מיט גאפעל־מעסער און דערנאך דאס אויסמאניעקירען זיך די נעגעל און טראמבען „פאיאצי“. וולאצלאוועק האט עפעס אין זיך דעליטאנטישעס פון הויכען סאלאן. עס פארמאגט עפיס דאס פיין־בעל־הבית׳ישע שפרעכען איבער קונסט, ליטעראטור און גוטע זאכען. אויפ׳ן וולאצלאוועקערס פנים ליגט שטארק א שטעמפעל פון דער שווייץ, צי דערפאר, וואס די קאיאווער געגענד איז א געבירגיגע, צי דערפאר, וואס ער האט ציעכאצינעק אונטער די נאז, צי דערפאר, וואס ער האט שטענדיג ליב צו רעדען מיט בילדער און פייזאזשען — אבער דאס איז דער אלגעמיינער טאן פון האלב בעל־הבית׳ישען, האלב אינטעליגענטען וולאצלאוועקער. עס ווילט זיך אבער דערמאנען איין עלעמענט: די פארטיי־יוגענד וועלכע איז אונפארגלייכליך מיט׳ן ערשטען. אין וולאצלאוועק איז פארהאן א פעסטע ארגאניזאציע פון פ. צ., „בונד“ א ציוניסטישע ארגאניזאציע, א טורן־פאראיין אויף א גאנץ גרויסען מאסשטאב אוועקגעשטעלט.

די אידישע יוגענד האט עפעס גלייכגילטיגעס, פיינעס און פינקטליכעס. זי וועט אפשר נישט שטעלען קיין צו ברייטען טריט, טון עפיס א זאך איבער איר פראגראם, אבער זי איז אויפ׳ן ארט. אין דער הינזיכט וויל איך מאכען א פאראלעל צווישען קאליש און וולאצלאוואק. אי קאליש, אי וולאצלאוועק זענען גרעניק־שטעט, אי דארט, אי דא בלאזט עפעס א דייטש־קאלטער אטעם פון צוגלידערונג אין דער יוגענד, אבער די וולאצלאוקער זענען אי מילדער, אי ווייכער, אי מער אונטער׳ן איינדרוק פון פוילען׳ס צערטליכקייט...

יואל מאסטבוים.

---

צו צושטרייטען אין דעם קליינעם קעמערעל ביי שפינאזא. דארט אין טיפען געשפרעך, דורכגעדרונגען אין טיפער גייסטיגער פארוואנדשאפט פארשטעהט ער די נישטיגקייט פון זיין מורא, דארט דערשפירט ער דעם עטהעמען פון דאס אייביגע, געגען, וועלכע די אינטריגען פון זיינע פיינד זעהן אזוי קליין אויס. און ווען פאר אים ווי פאר זיין ברודער קארנעליוס איז געקומען די צייט פון שטארבען אלס מארטירער פון דעם המונ׳ס הענד, האט צוזאמען מיט די געשטאלטען פון די גרויסע רוימער פאר זיין לעצטען בליק אויך פארביי געשוועבט דער בלאסער, ערהאבענער אויסדרוק פון שפינאזא׳ס פנים.

ווען שפינאזא דערוויסט זיך פון דעם שרעקליכען טויט פון יאן און קארנעליוס דע וויט, איילט ער אין שטאט ארײן וואו די גאסען זענען אנגעפילט מיט דעם שכור׳ען, פון אקארשט פארגאסענעם בלוט, המון. וויט׳ס בלוט האט געפלאסען און אין שטיקער און אין שטיקער האט מען געריסען די לייבער פון די ברידער. קיינער האט נישט געוואלט בלייבען אונבאטייליגט. עמיצער האט די הערצער פון די מארטירער און פון ערגיץ הערט זיך א קול: „דעם הונט שמייס עס צו“.

שפינאזא ווארפט זיין געלד־בערזע און קויפט אפ די הערצער פון האלאנד׳ס זון. ער גיט איבער אט דעם טייערען אוצר וויט׳ס שוועסטער יאהאנא. און ער וויינט. צוויי מאל האט ער אין זיין לעבען געוויינט. נאך גאר אין דער יוגענד ווען ער איז געשטאנען ביים ברעג ים און געזעהן ווי עס זעגעלט אפ דאס שיף קיין בראזיליען מיט זיין טרייסטער און ערציהער רבי יהודה און דעם צווייטען מאל, איצט, ווען עס האט אויסגעבראכען די קאטאסטראפע איבער זיין גרויסען פריינד. זיין גייסט האט אמת גיך געפונען די רוה און דעם מילדען, אלץ־פארשטעהענדיגען שמייכעל. אבער זיין שוואכער קערפער. פון זיין קראנקען געלעגער איז ער שוין מער נישט אויפגעשטאנען. זיין קבר איז נישט ווייט פון דעם קבר יאן דע וויט׳ס.

(ע נ ד ע).

די אידישע וועלט

## פון דער וואך.

### ציוניסטישע דעמאנסטראציע אין מאנשעסטער.

מאנשעסטער — (ספעציעל צו „די אידישע וועלט")

זייט איניגע טעג ווי עס האבען זיך דא אנגעהויבען די הכנות צו דער גרויסער ציוניסטישער דעמאנסטראציע, וועלכע וועט פאר־קומען זונטאג דעם 5 דעצעמבער אינ׳ם היגען „פאלקס־טעאטער". מען ערווארטעט די טעג דאס אנקומען אהער פון די באקאנטע ציו־ניסטישע פיהרער דר. חיים ווייצמאן און דר שמריהו לעווין, וועלכע וועלען אויפטרעטען אלס רעדנער ווי אויך דעם באקאנטען אידיש־ענגלישען פאליטיקער סיר אלפרעד מאנד.

א. ע.

### א אידישער פאלקס־קאנסערוואטאריום אין ריגא.

די ריגא׳ר אידישע צייטונג „דאס פאלק" איז מודיע, אז א גרופע אידישע אינטעליגענטען איז געלונגען צו גרינדען א אידישען פאלקס־קאנסערוואטאריום מיט׳ן צוועק צו פארשפרייטען און ענט־וויקלען די אידישע מוזיק און אנדערע טיילען פון אידישער קונסט.

### דער פעלקער־בונד און די אידען.

גענף — (ספעציעל ידיעה צו „די אידישע וועלט")

ווי איך ווער געוואר דארף די טעג אהער אנקומען דער בא־קאנטער ציוניסטישער פיהרער נחום סאקאלאוו און ה׳ לעא מאצקין כדי צו אונטערהאנדלען מיט א טייל פארשטעהער פון דעם פעל־קער־בונד איבער פארשידענע וויכטיגע אידישע פראגען. אויך דער באקאנטער אידיש־ענגלישער כלל־טוער לואיסיען וואלף ווערט דא ערווארטעט.

ח. ג.

### אידישעס געלט אין ארץ־ישראל.

לאנדאן — (ספעציעלע ידיעה צו „די אידישע וועלט")

דער נצוב העליון, סיר הערבערט סעמיועל האט באשלאסען ארויסצוגעבען קליינע ארץ־ישראל מטבעות. צוליב דעם האט ער זיך געווענדעט צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן, אז זי זאל אים צושטעלען א מאדעל. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט זיך געווענדעט צום ציוניסטישען קאמיטעט אין ארץ־ישראל וועגען דעם. ה׳ ש. רפאלי איז באאויפטראגט געווארען פון ציוניסטישען קאמיטעט אויסצוארבייטען א פאסיגען מאדעל פאר אן ארץ־ישראל מטבה.

דר. נ. ש.

## בענקשאפט.

### (א חנוכה־שטימונג)

וואס איז דאס פאר א געפיל וואס באהערשט אונז ווען עס קומען די טעג פון א אידישען יום טוב?

עפעס א מאדנע בענקשאפט נעהמט ארום אונזערע געמיטער; א בענקשאפט נאך דאס הייליגע אינ׳ם אידישען פאלקס־לעבען, נאך, דער אידיליע פונ׳ם שטעטעל פון וועלכען מיר האבען מיטגענומען אזעלכע טייערע און הייליגע זכרונות!

ווי רייצענד עס זאל נישט זיין די גרויסע שטאט מיט אלע אירע שענע און גוטע זייטען, דאך, ווען עס קומען די טעג פון א אידישען יום טוב, וואלט זיך אזוי וועלענזיין אינ׳ם שטעטעל כדי אויפצופרישען די איבערלעבונגען פון די קינדער־יארען.

חנוכה אין שטעטעל.

די שמאלע אידישע געסלעך מיט די איינגעבויגענע קליינע הייזלעך, וועלכע זענען איינגעהילט אין דעם ווייסען פרישען שנעע.

וואס פאר א בענקשאפט כאפט ארום דעם מענשען, ווען מען דערמאנט זיך אין די טעג פון חנוכה אין שטעטעל.

עס איז גענוג צו פארמאכען די אויגען און זעהן פאר זיך דעם מארק אין שטעטעל, וואו עס לויפען איילענדיג אידען אהין און צוריק. מען קויפט איין חנוכה־ליכטלעך, א צווייטער א מנורה, קינדערלעך, איינגעפאקט אין וואלענע האלז־טיכלעך און ווינטער־מלבושים, לויפען פון חדר, גליטשען זיך איבער׳ן מארק און ווארפען זיך מיט קוילען שנעע — — — עס איז א שמחה ביי די קינדער — עס איז דער באהערשענדער געפיל פון יום טוב.

אויסגעגליטשט זיך, אפגעקלאפט דעם שנעע פונ׳ם רעקעל, לאזט מען זיך לויפען יעדער צו זיין טיר מיט א צאפלדיג אונשול־דיגעס הערצעל כדי צו העלפען דעם טאטען די חנוכה־ליכטלעך אנ־צינדען און שפעטער שפילען אין „טרענדעל" און „ווערפעל" און כאפען ביי דער מאמען א „לאטקע" — — —

אך טייערע, ליבע, קינדער־יארען אינ׳ם שטעטעל! — — —

איר מאכט די אויגען אויף און א בענקשאפט כאפט ארום אייער נשמה:

ס׳איז חנוכה אינ׳ם שטעטעל.

אין שטאט קויפט מען „כויענקעס"...

יהודה שאיאק.

## וויל אמעריקא שליסען די טויערען פאר אידישע עמיגראנטען?

טרויריגע ידיעות הויבען אן אנקומען פון דעם לאנד, וואס איז נאך פארלויפיג א שטיק האפענונג ביי א טייל פון דעם אידישען פאלק — אמעריקא.

קיין איבעראשונג איז עס נישט, דאס האט מען געקענט ערווארטען — פריהער אדער שפעטער, — דאך וועט דאס ווירקען אויף א גרויסע צאל אידען נידערשלאגענד און ענטוישענד·

עס האנדעלט זיך וועגען דורכפירען א געזעץ וואס דארף באשרענקען דאס רעכט אויף ארויינצולאזען עמיגראנטען קיין אמעריקא·

אז דאס דאזיגע געזעץ־פראיעקט האט פאר אונז אידען א גרויסע באדייטונג· קען מען זעהן דערפון, וואס די אידישע פרעסע אין אמעריקא באשעפטיגט זיך טעגליך מיט דער פראגע און פירט אן א שטארקע קאמפאניע געגען דעם דאזיגען געזעץ, וואס קאן מיט זיך ברענגען — אין א פאל ווען עס זאל דורכגעפירט ווערען אין דעם אמעריקאנישען „ווייסען הויז" — א זער טרויריגען רעזולטאט פאר צעהנדליגער טויזענדער אידישע פאמיליעס אין די פארשידענע מזרח־אייראפעאישע לענדער.

ווי עס טיילט מיט די אידישע פרעסע אין אמעריקא האט אנ׳ אמעריקאנישער רעגירונגס־בעאמטער ערקלערט· אז גלייך ווי די מיטגלידער פון „ווייסען הויז" וועלען זיך צונויפקומען, וועלען זיי זיך באשעפטיגען מיט דער עמיגראציאנס־פראגע, וואס דארף שטארק באשרענקען דאס רעכט פון צו עמיגרירען נאך די פאראייניגטע שטאטען· און אויפפאדערען די רעגירונג דורכצופירען דאס געזעץ אזוי שנעל ווי מעגליך.

אין די וואשינגטאנער רעגירונגס־קרייזען זענען פארהאן פארשידענע מיינונגען בנוגע דעם דאזיגען געזעץ. א טייל בעאמטע ערקלערען, אז דאס נייע עמיגראציאנס־געזעץ וועט בכלל באשרענקען די איינוואנדערונג קיין אמעריקא און אנדערע ווידער זאגען, אז דאס נייע געזעץ, וואס דארף איצט אויסגעארבייט ווערען וועט זיין געריכטעט געגען די יעניגע עמיגראנטען, וועלכע האבען נישט קיין קרובים אין אמעריקא, וועלכע זענען אמעריקאנער בירגער. עמיגראנטען, וועלכע האבען יא קרובים אין אמעריקא, וואס זענען בירגער פונ׳ם לאנד וועלען יא אריינגעלאזען ווערען נאר מיט דעם באדונג ווען זיי וועלען קענען גאראנטירען אז די צוגערייזטע וועלען נישט פאלען צו לאסט דעם לאנד און זיך נישט בעשעפטיגען מיט פאליטישע אנגעלעגענהייטען...

לויט א גאר לעצטער ידיעה פון וואשינגטאן דענקט מען, אז דאס נייע עמיגראציאנס־געזעץ וועט בכלל נישט דערלאזען קיין שום עמיגראציע אהן אונטערשיד פון קאטארגיע אויף א משך פון 5 יאר.

ווי די זאך זאל נישט זיין איז אבער דייטליך צו זעהן, אז אמעריקא האט שטארק חשק צו שליסען די טויערען פאר עמיגראנטען. אויב דאס דאזיגע געזעץ זאל טאקי רעאליזירט ווערען· דאן וועט עס אמשטארקסטען האבען געטראפען אונז אידען און וועט מיט זיך מיטברענגען א זער טרויריגען רעזולטאט!

י. ש.

---

## ש· גארעליק.

### א שפינאזא־ראמאן.

(ספעציעל פאר „די אידישע וועלט")

(סוף)

אלזא געהערט ער צום צווייטען צימער׳ל. אהין לאדעט שפינאזא איין זיין הויכגעשטעלטען גאסט. ביי א בעכער לייכטען ווייןפליסט לאנג א שטילער געשפרעך.

ווען שפינאזא באגלייט זיין גאסט צו דער קארעטע רעדען זיי וועניג, ווי מענשען, וועלכע געפינען זיך אין דער אינטימסטער באקאנטשאפט און, וועלכע האבעןביידע אקארשט עפעס גאנץ זעלטענעס איבערגעלעבט. דער הויכגעשטעלטער הער שטייגט איין אין דער קארעטע און פיהלט זיך אויסערגעוועהנליך גליקליך.

* *

און שפינאזא אין האאג· שוין דער פארענדעטער. הויך שטעהט זיין שטערען און באלייכט די ווייטסטע וועגען. זיין קערפער ווערט אבער דערפאר שוואכער און שוואכער. נאך אין ריינסבורג האט אים עטליכע מאל דער בלוט הוסטען באפאלען. דער קלימאט איז שעדליך. האאג זאל בעסער זיין. צו זיינע פילע פארעהרער איז נאך צוגעקומען דער גרויסער, מיטאגען, וואס דערמאהנט אזוי די אלטע רוימער רעפובליקאנער, יאן־דע וויט. איבער האלאנד ציהען זיך נאך שווארצע וואלקען· די אינטריגען פון די אראניער שטייגען. די לגחים באקומען מוט און שטיקען דעם פרייען גייסט. אדריאן פאלט אלס ערשטער קרבן פון דער גלחים פארטיי. יאן דע וויט פיהלט ווי עס דערנעהנטערט זיך דאס געוויטער אבער ער גלויבט אין זיין כח אין דעם צויבער פון זיין נאמען. האט ער נישט געגאלטען אלס האלאנד׳ס גרעסטער העלד? איז ער דען נישט געוועזען האלאנד׳ס שטאלץ? די זיכערקייט אבער און דעם כח זיינעם ווערט ביי אים וועניגער פון טאג צו טאג און די טרויריגע מחשבות זוכט ער אפט

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

# די אידישע וועלט

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

Nr. 9. | Fredag, 10 December 1920. | פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.



| Abonnement paa „Di Yidische Welt" | אבאנעמענטס־פרייז פאר „די אידישע וועלט": |
|---|---|
| 12 Kr. pr. Aar. | יעהרליך — 12 קראנען |
| 6 Kr. pr. Halvaar. | האלב־יעהרליך — 6 קראנען |
| 3 Kr. pr. Kvartal. | פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען |

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג

Dybbølsgade 11⁴

אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332

Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Efterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Øre, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt» Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.


## אינהאלט:


י. ש. : וויל אמעריקא שליסען די טויערען פאר אידישע עמיגראנטען?

ש. גארעליק : א שפינאזא־ראמאן. (סוף)

יואל מאסטבוים : רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

יהודה שאיאק : בענקשאפט. (חנוכה־שטימונג)

פון דער וואך.

ש. פאן : „קריטיק" (אפהאנדלונג)

די שענדליכע מסורות געגען „די אידישע וועלט".




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.

פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך

נארד און זידאמעריקא אפריקא אוסטראליען

ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)

טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780

פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

---

מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען· געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל·
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

---

אגענטען

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער.

---

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן" (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די דריטע ציהונג קומט פאר דעם 15־טען און 16־טען דעצעמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטארירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען·

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

---

# Frederiksberg Bank,

Gl. Kongevej 107,
København V.
Telf.: Central 309. Statstelf. 291.

פרעדעריקסבערג באנק.

דאלארען, פונטען, מארקס און אלע אנדערע וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

---

אבאנירט און לעזט

„די אידישע וולט"

---




Flygler og Pianoer af ethvert Fabrikat tages i Bytte.

---

אנאנסען

אין „קאפעע־בלאט"

(ארגאן פון די סקאנדינאווישע האטעלען, רעסטאראנען און קאפעען) קאסטען 20 עהרע פער מילימעטער אין איין שפאלט.

אנאנסען ווערען אנגענומען אין „קאפעע־בלאט׳ס" עקספעדיציע

Cafe Bladet Expedition, Dybbølsgade 11⁴. København B. Telf. Vester 7332.

---

גוטע מיטאגען.

באקומט איר טעגליך צווישען 7־2 ביי

פרוי דווארקין, גאמעל־מינט 41, 2 זאל.

---

פייער־פארזיכערונג

און אלע אנדערע פארזיכערונגען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, האפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

---

FRUGTSAFTER
HORNBECH
FRUGTVINE



## ליטעראַרישע נייעס.

ביכער אנגעקומען אין דער רעדאקציע:

שמואל יעקב אימבער: „וויקטאריא", אקארדען צו קנוט האמסונ׳ס דערצעהלונגען.

היינריך היינע: „ליעדער", איבערזעצט פון ש. י. אימבער (פון אימבער׳ס ביבלאטעק). ביידע ביכער זענען ארויסגעגעבען פון פארלאג „ניילאנד" אין וויען, 1920.

Poul Levin: „Sønnen" (Gyldendal).

Henrik Pontoppidan: „En Vinterrejse" Nogle Dagbogsblade. (Gyldendal).

Georg Brandes: „Taler". Gyldendal).

לעזט מען איבער געארג בראנדעס לעצטע ווערק Taler („רעדען") טראגט מען אוועק אט אזא מין איינדרוק:

א מענש פול מיט גייסט, איינגעזאפט מיט קענטענישען פון אלע וועלט-טיילען; פון אלע וועלט-ליטעראטורען — א קאפ, וועלכער האט אין זיך איינגעזאפט אלע מעגליכע פעלקער געשיכטען און קולטורען באקאנטע און אונבאקאנטע פון אלע צייטען אין דער מענשליכער געשיכטע. דאס דאזיגע בוך מיט „רעדען", וועלכע זענען געהאלטען געווארען אין פארשידענע צייטען און פארשידענע לענדער, זענען דער בעסטער עדות ווי גרויס עס זענען די קענטענישען פון דעם געניאלען בראנדעס.

דאס איינציגע וואס מיר אידען וואלטען געקענט אויסזעצען געגען דעם דאזיגען בוך איז, וואס בראנדעס האט געפונען פאר נויטיג ארויסצוּוואַרפען דערפון די רעדען, וועלכע ער האט אין די לעצטע יארען געהאלטען לטובות דער אידישער פראגע און אזוי אויך די רעדע זיינע פון 1917 צו גונסטען דעם ציוניזם, וועלכע ער האט געהאלטען נאך דער ערשיינונג פון דער באלפור-דעקלאראציע. האט דען בראנדעס איצט שוין ווידער אמאל געביטען זיינע מיינונגען?..

ש. פ.

10-יעריגער יובילעאום פון ווארשאווער „מאמענט"

צוליב דעם, וואס די ווארשאווער טעגליכע אידישע ציישונג „דער מאמענט" ערשיינט שוין 10 יאר, איז פרייטאג, דעם 19-טען נאוועמבער ערשינען א יובילעום-נומער פון דער דאזיגער ציישונג מיט א רייכען אינהאלט און מיט ארטיקלען פון א גרויסע צאל אידישע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען. „דער מאמענט" געהערט איצט צו איינע פון די בעסטע אידישע צייטונגען אין פוילען.

— פון קאוונע טיילט מען אונז מיט, אז די קולטור-סעקציע פון נאציאנאל-ראט האט באשלאסען ארויסצוגעבען א בוך פאר די שולען, געווידמעט ש. אנ — סקי׳ן. דאס בוך וועט ענטהאלטען די ביאגראפיע און די כתבים פון פארשטארבענעם צוגעפאסט פאר די שול-קינדער,

— דער „הזמיר" בעט אונז מיטצוטיילען, אז דער קאנצערט, וואס וועט פארקומען שבת דעם 11-טען דעצעמבער, הויבט זיך אן האלב 8 א זייגער גאנץ פרעציס און אז קינדער אונטער 7 יאר וועלען אפסאלוט נישט אריינגעלאזען ווערען. קינדער איבער 7 יאהר מוזען האבען א בילעט.

### א טרויער-אווענד נאך ש. אנ-סקי.

מאנטאג, דעם 29-טען נאווי איז אין פילהארמאניע-זאל פארגעקומען א טרויער אווענד נאך דעם לעצטענס פארשטארבענעם אידישען שריפטשטעלער און כלל-טוער ש. אנ-סקי (ש. ראפאפארט). דער אווענד איז אראנזשירט געווארען פון אלע אידישע פאראיינען און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס אין קאפענהאגען.

מיט א געלונגענער רעדע איז ארויסגעטרעטען דער באקאנטער אידיש-רוסישער זשורנאליסט ה׳ טראצקי, וועלכער האט איבערגעגעבען א בולט בילד פון דעם פארשטארבענעמ׳ס לעבען און טעטינקייט סיי אלס שריפטשטעלער סיי אלס כלל-טוער. דאגעגען איז די שטימונג פאלשטענדיג צושטערט געווארען דורך אייניגע קאפענהאגענער פלאפלער, וועלכע נוצען אויס אפילו א טרויער-אווענד פאר פאליטישע דיסקוסיעס. עס וואלט שוין באמת צייט געווען, אז מען זאל אויפהערען צוצולאזען די דאזיגע אונפאראנטווארטליכע פלוידערזעק אויסצופאקען זייער ביסעל נארישקייט אויף אזא אווענד ווי נאך ש אנ-סקי׳ן. אפילו אזא אינטעליגענטער מענש ווי דער ה׳ ראזענבלום האט דאס מאל נישט פארשטאנען די באדייטונג פונ׳ם אווענד און זיך אריינגעלאזט אין א פאלעמיק מיט זיך אליין וועגען דעם, וואס אנ-סקי איז אויף דער עלטער געווארען א בעל תשובה.

צום שלוס האט ה׳ ביילין פארגעלעזען מיט געפיל ש. אנ-סקי׳ס „אויף וועמען קלאגט זיין גייסט" און א „דין תורה".

— ן.

---

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט":

1) ה׳ ד. נאמבערג׳ס. „א ליטעראַרישער דור".
2) פ. בימקא׳ס. „אויפ׳ן וואקזאל".
3) י. שימינזאהנ׳ס. „די בלום פון פאפראטש".
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער-ערד".
5) אנ-אראביש ווערטער-ביכעל
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענעדא".

די דערמאנטע ביכער וועלען מיר געבען אונזערע אבאנענטען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יעריליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער אומזיסט. האלב-יעריליכע 3 ביכער, פיערטעל-יעריליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט" שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

## ציוניסטישער אויפרוף.

פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן האבען מיר ערהאלטען פאלגענדע מאניפעסט אויפרוף:

חברים!

לויט דעם באשלוס פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע זאל זיך פון די חנוכה טעג אן אנהויבען די פארשפרייטונג פון די תיי־יאריגע שקלים (תרפ״א). מיר ווענדען זיך דערפאר צו אלע אונזערע חברים מיט דער אויפפארדערונג, זיך תיכף צו נעהמען צו דער גרויסער שקל קאמפאניע,

מיר פארדערען א מיליאן שקלים! מיט דעם דאזיגען לאזונג געהען מיר צו די מאסען. א מיליאן אידען, אלס שטארקונג פון אונזערע רייהען, אלס אוואנגארד פון אונזער נאציאנאלער ווידעראויפלעבונגס אידעע. מיר זענען זיכער, אז אלע אונזערע חברים און מיטארבייטער וועלען פארשטעהן די באדייטונג פון זייער אויפגאבע און וועלען זיין דורכגעדרונגען פון דעם טיפען וואונש, אז אונזער הייאריגע שקל קאמפאניע זאל ווערען א גרויסער פאליטישער און פינאנציעלער ערפאלג פאר׳ן ציוניסטישען געדאנק.

דער שקל איז אלע מאל געוועזען דער סימבאל פון אונזער ארגאניזירטען פאלקס ווילען. היינט איז ער דער רעאלער יסוד און דער טרעגער פון אונזער באפרייאונגס ארבייט. נאך קיינמאל איז נישט געוועזען אזוי נויטוועגדיג ווי איצ׳ם איצטיגען מאמענט ארויסצואווייזען פאר דער גאנצער וועלט די גרויסקייט און שטארקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

חברים! זארגט דערפאר אז אונזער שקל רוף זאל געפינען א ווירדיגען אבקלאנגביים אידישען פאלק.

די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.
לאנדאן, כסלו, תרפ״א.

---

ווינציגע גולדענ׳ס פאר א באשיידענעם אויסקומען און אין דעם צווייטען צימערל ביי א לעמפעל זיצט דער גרויסער פילאזאף שפינאזא און שרייבט זיין טראקטאט איבער „עטהיק״.

ריענסבורג הייסט דאס דארף, וואו שפינאזא האט זיין פרידען געפונען. עס ליגט צווישען פעלדער. אים באפאכען די פליגלען פון אידיאלישע ווינד־מיהלען. און נישט ווייט איז די אוניווערזיטעטס־שטאט ליידען. ווען נישט ווען זוכען אים אויף גוטע פריינד און איינמאל האט זיך ביים עק דארף אפגעשטעלט א קארעטע. א הער, ווייזט אויס א זער וויכטיגער איז ארויס און געלאזט זיך געהן איבער דעם דארף. ער קלאפט מיט דעם גאלדענעם קעפעל פון זיין שטאק אין דער טיר. מען זאל דעם הער צו שפינאזא מעלדען, סיר הענרי אלדענבערג.

שפינאזא מיינט, אז דער פארנעהמער הער זוכט דעם ברילען־שלייפער און ער ווייזט אים זיין ארבייט.

דער פארנעהמער הער זאגט דאן: „איך בין דער סעקרעטער פון דער לאנדאנער קעניגליכער געלעהרטען־געזעלשאפט. אויף מיין צוריקרייזע פון דייטשלאנד האב איך פארווייט ביי מיין פעטער טאצעיוס — דער נאמען איז אייך געוויס באקאנט. דארט האב איך זיך דערוואוסט פון א טראקטאט, וועמענ׳ס מחבר איר זייט. איינינגע אנשויאונגען פון אייער טראקטאט האבען מיך באוואויגען. זייט מוחל וואס איך האב געשטערט אייער רוה״.

(סוף פאלגט)

---

## דאס אידישע גיהנים אין אוקראינא.

אונזער ווארשאווער קארעספאנדענט טיילט אונז מיט:

אויף א זיצונג פון צייטווייליגען אידישען נאציאנאל־ראט האט ה׳ מ. לייזעראוויטש, וועלכער איז נאר וואס געקומען פון אוקראינא, אפגעגעבען א באריכט פון די לעצטע פאגראמען אוקראינא.

אין ליובאר האט דער פאגראם געדויערט 15 טעג. געמאכט האבען אים בודיענים קאזאקען, נאכדעם די קאמוניסטישע קאזאקען. מען האט ערמארדעט 44 אידען און 260 פארוואונדעט. פון וועלכע יעדען טאג שטארבען אויס צו אייניגע. אנ׳ערך 700 פרויען האט מען עפענטליך געפייניגט אויף די גאסען. די מארדען זענען פארגעקומען אויף אנ׳אכזריות׳דיגען אופן. דאס אידישע פארמעגען איז גענצליך צורויבט געווארען. אין אסטראפאל, וואלינער גובערניע האט דעם פאגראם געמאכט קאטאווסקי׳ס פאלק באלשעוויקעס. 11 אידען זענען ערמארדעט, א סך פארוואונדעט, 70 פרויען געפייניגט. אין סטארא־קאנסטאנטין האבען די באלשעוויקעס ערמאטדעט איין איד, אייניגע פארוואונדעט. דער אנגעקומענער פוילישער זעלנער־פאטרול האט אפגעראטעוועט א סך אידישע טעכטער פון שאנד. אין פאלאנאע האט מען ערמארדעט 10 אידען, אין ווישנאפאל — 6, אין אוטאנאוו — 10 אידען.

מען דארף ערווארטען, אז אין דער נאהענטסטער צייט וועלען אין ווארשא זיך צונויפזאמלען 12—15 טויזענד אנטלאפענע עמיגראנטען פון אסטראפאל זענען שוין ארויסגעפאהרען 38 פוהרען. איין שטראם עמיגראמטען ציהט זיך אויפ׳ן וועג ליובאר — פאדוואלאטשיסק — לעמבערג, דער צווייטע פאלאנאע — ראוונא.

א שנעלע מאטעריעלע און מאראלישע הילף איז שוין נויטיג.

---

## ספיוואקאווסקי׳ס קאנצערט.

פאר א זעלטען געקליבענעם אידישען עולם איז מיטוואך אווענד אויפגעטרעטען דער 12־יעריגער אידישער וויאלין־ווירטואז טאסי ספיוואקאווסקי אויפ׳ן קאנצערט אראנזשירט פון דער „אגודת הציונים בדנמרק״ צו גונסטען דעם אידישען נאציאנאל־פאנד. דער פראגראם איז באשטאנען פון וויטאלי׳ס „שאנסאנע״ פאגאניני׳ס „וויאלין־קאנצערט״, סאראסאטע׳ס „שפאנישע־טענץ,״ שאפענ׳ס „נאקטורנע״ און וויניאווסקי׳ס „סאוועניער דע מאסקווע״. ווידער אמאל האט דאס אידישע וואונדער־קינד באוויזען, וואס פאר א געניאלער קינסטלער ער איז און וואס פאר א צוקונפט מען קאן פון אים ערווארטען.

דער עולם איז געוועזען באגייסטערט און דער קליינער טאסי האט געמוזט שפילען „דע קאפא״.

י. ש.

---

ה׳ דאנאוויטש אפגעפארען קיין ארץ־אישראל.

נעכטען איז פון קאפענהאגען אפגעפארען איבער האמבורג קיין ארץ־ישראל דער באקאנטער אידישער איינוואוינער אין קאפענהאגען ה׳ פ׳ דאנאוויטש מיט זיין פרוי כדי זיך דארט צו באזעצען. מיר ווינשען אונזער פריינד און חבר א גליקליכע רייזע און א גליקליכע צוקונפט אין דעם אידישען לאנד.

## א „פאגראם“ קאנפערענץ אין דיוטשלאנד.

(פון אונזער בערלינער קארעספאנדענד)

אין מיין לעצטען בריף האב איך שוין אנגעוויזען אויף דער געוואלדיגער אנטיסעמיטישער באוועגונג אין בייערן און דייטשלאנד.

מיט איינינע טעג צוריק האט זיך, אויף א צוזאמענפאהר פון דער דייטשער נאציאנאלער פארטיי, ווידער אמאל ארויסגעוויזען ווי טיף דער אנטיסעמיטיזם איז דא איינגעזאפט געווארען אין די מוחות פון א טייל רעדעל־פיהרער.

אויף דעם צוזאמענפאהר, וועלכער איז פארגעקומען אין האנאווער, איז צווישען אנדערעס אויך באהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען פאליטיק אין שייכות מיט'ן סאציאליזם און גלייך האט מען באנוצט די געלעגענהייט כדי צו אטאקירען דעם שונא פון קאפיטאליזם — קארל מארקס.

אויף דעם דאזיגען צוזאמענפאהר זענען אויך באהאנדעלט געווארען פארשידענע אנדערע פראגען ווי למשל די פראגע וועגען דעם ווערסאילער שלום־אפמאך אבער אויך דא האט מען די גאנצע שולד געווארפען אויפ'ן אידען. מען האט זיך נישט געדארפט קיין סך גריבלען כדי צו זעהן, אז דער גאנצער צוזאמענפאהר איז געוועזען געווידמעט געגען די אידען.

מיט א שארפער אנטיסעמיטישער רעדע איז ארויסגעטרעטען דער דעפוטאט לאמבאך אנווייזענדיג אז קארל מארקס איז שולדיג דערין, וואס די דייטשע ארבייטער פאדערן אזוי שטרענג דאס דורכפירען פון א סאציאליזירונג.

נאך שענערע פערל האט ארויסגעזאגט דער הויפט־רעדנער, דער דעפוטאט וואלע, וועלכער האט ערקלערט, אז „דאס אינטערנאציאנאלע אידענטום וועט דערוווערגען אונזער פאלק ווי עס האט דערוואָרגען דאס רוסישע פאלק“...

מיט ענדליכע רעדען זענען ארויסגעטרעטען נאך אנדערע אנטיסעמיטישע העצער, וועלכע האבען אנגעוויזען אויף דער אידישער געפאהר און געפאדערט· אז עס זאל אויסגעראט ווערען דער אידישער איינפלוס·

געשלאסען האט זיך די קאנפערענץ מיט א רייהע אנטיסעמיטישע און פאגראם־לידער און מיט „דייטשלאנד איבער אלעס“...

לעזט מען גענוי א דורך די רעפעראטען, וואס זענען געהאלטען געווארען אויף דער דאזיגער „פאגראם“־קאנפערענץ, ווערט ערשט קלאר מיט וואס פאר א מיטלען די דייטשע אנטיסעמיטען גרייטען זיך צום קאמף געגען די אידען.

פאר די אידען אין דייטשלאנד שטעהט איצט די פראגע פון זעהן שאפען א שטארקע אידישע רעפרעזענטאנץ, וועלכע זאל באצייטענס זעהן אנעהמען די נויטיגע מיטלען כדי צו פארטיידיגען די אידען פון אנטיסעמיטישע אנפאלען און נישט צו דערלאזען אז עס זאל קומען צו ערנסטע ארויסטרעטונגען געגען אידען.

עס וועט פיל ליבער זיין צו טון עפעס כל זמן עס איז נאך צייט, ווייל עס קען קומען דער טאג ווען עס וועט זיין צו שפעט. —

בערלין.

פ. לידאר.



ש. הירשענבערג: שפינאזא.

ברוך שפינאזא דער ברילען־שלייפער דער קליינער קרענקליכער איד מיט דעם בלאסען פנים, פעך־שווארצע הארטיפע אויגען. שטענדיג אויף דער יאכט נאך דעם אייביגען אמת און די גרויסע ברייט־שולטערדיגע האלענדער, די פרייהייטס־קעמפער לעדאוויק מאיער אדריאן, יאר'יג קוקען אויף אים ווי אויף דעם אויפגעהענדען שטערן. שפינאזא'ס טראקטאט וואנדערט אין האנדשריפט איבער האלאנד און ווייט, ווייט פון האלאנד'ס גרענצען. קלאר א־מארא, א שענע האלענדישע טאכטער, טראכט וועגען אים און פארשטעהט נישט זיין צוריקגעצויגענקייט. שפינאזא שעצט זיינע פריינד נאר זיין גייסט רופט אים צו איינזאמקייט. אליין וויל ער זיין. ערגיץ אין א שטיקעל דארף צווישען איינפאכע מענשען. צוויי צימערלעך· אין איינעם איז שפינאזא דער ברילען־שלייפער, וואס פארדינט זיינע

## וואס קומט דאס פאר אינ׳ם קאפענהאגענער אידישען הילפס־קאמיטעט?

### דריטער ארטיקעל*)

איידער מיר שליסען אפ אונזערע ארטיקלען וועגען וואס עס קומט פאר אין דעם קאפענהאגענער אידישען הילפס־קאמיטעט. קענען מיר זיך אבער נישט צוריקהאלטען פון צו זאגען א פאר ווערטער וועגען דער צווייטער „גענעראל־פארזאמלונג" אין וועלכער עס האבען זיך באטייליגט לערך 20 מענשען...

די קאפענהאגענער אידען האבען זיכער נישט פארגעסען דעם קאמף, וואס עס איז כסדר געפירט געווארען ביי די אמאליגע גענעראל־פארזאמלונגען. בנוגע דער פראגע פון סטאטוטען· אלע אהן אויסנאהם· און דר· דרענדער דער ערשטער, האבען נישט אויפגעהערט צו שטורמען און געפאדערט, אז דער הילפס־קאמיטעט זאל האבען סטאטוטען, ווייל נאר דאמאלט וועט דער הילפס־קאמיטעט קענען באטראכט ווערען אלס דעמאקראטישע אינסטיטוציע.

די פאדערונג פון שאפען סטאטוטען פאר׳ן הילפס־קאמיטעט איז פון אלעמען באטראכט געווארען אלס א גערעכטע שוין דערפאר, וואס א געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע טאר נישט און קאן נישט עקזיסטירען אהן סטאטוטען. אזוי פירט זיך עס אין דער גאנצער וועלט· ערשטענס זענען סטאטוטען א מין געזעץ־בוך פאר יעדער עפענטליכער אינסטיטוציע און צווייטענס, איז עס א מין גאראנטיע פאר די מיטגלידער· אז די געוועהלטע פערזאנען פון דער פארוואלטונג ווארפען זיך אונטער אונטער די פון א גענעראל־פארזאמלונג אנגענומענער פארפאסונג און טארען אזוי ארום נישט אריבער די גרענצען פון די באשטימונגען, וועלכע זענען אנגענומען געווארען פון א מאיאריטעט·

ווי שוין געזאגט, איז די פראגע, פון סטאטוטען תמיד געווען א ברענענדער פונקט אינ׳ם קאפענהאגענער הילפס־קאמיטעט·

אבער אזוי ווי אלעס האט זיך מיט אמאל אומגעקערט ביי א טייל קאפענהאגענער אידען, אזוי האט זיך אויך מיט אמאל אומגעקערט ביי זיי די מיינונג פון סטאטוטען. איינס וואונדערט אונז אבער: ווי קומט עס, וואס דר. ברענדער, וועלכער האט עס אזוי פיל געקעמפט און זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון דער אפאזיציע ביים הילפס־קאמיטעט, אז עס זאלען געשאפען ווערען סטאטוטען, אט דער דאזיגער מענש האט זיך איצט ווידער אמאל געשטעלט אין דער שפיץ פון די יעניגע וועלכע קעמפען געגען סטאטוטען.

ווייסט מען אבער וואס דאס קאפענהאגענער הילפסקאמיטעט איז פאר דר. ברענדער׳ן, קאן מען זיך שוין אליין ענטפער׳ן אויף דער דאזיגער פארוואנדערונג... עס איז דאך גאנץ קלאר, אז אין דעם אויגענבליק ווי עס וועלען געשאפען סטאטוטען, ווערט די מאכט פון דר· ברענדער׳ן, וועלכער בעל הבית׳עוועט אינ׳ם הילפסקאמיטעט ווי א רעגענט אין א קאנסערוואטיווער רעפובליק· גלייך באשרענקט און דערצו נאך — און דאס איז וויכטיגסטע — באשטימען די סטאטוטען צו האט עס א „פרייוויליגער" סעקטעטער א רעכט זיך צו לאזען באצאלען פאר זיין „טעטיגקייט" מיט אזא געשוואלענער גאזשע?...

ווייסט מען דאס אלעס איז שוין במילא נישט שווער צו פארשטעהן, פארוואס דר. ברענדער האט עס אזוי שנעל איבערגעדרעהט דאס מאשינדעל און לאזט די רעדער לויפען אין א גאנץ אנדערער ריכטונג ווי דאמאלט· ווען ער האט בכלל קיין צוטריט צום הילפס־קאמיטעט נישט געהאט...

און איצט בנוגע די וואהלען· מיר פרעגען סיי פאר דער עפענטליכקייט סיי ביי דעם הילפס־קאמיטעט: ווי האט מען זיך נישט געשעהמט צו לאזען וועהלען א נייע פארוואלטונג פון א „גענעראל־פארזאמלונג" וועלכע איז באשטאנען פון עטליכע און צוואנציג מענשען אין דער צייט ווען דער באריכט באווייזט, אז די צאהל פון צאלער צום הילפס־קאמיטעט איז איבער 700 מענשען? ווי האט מען זיך עס נישט געשעהמט צוצולאזען אז עטליכע צוואנציג מענשען זאלען וועהלען א פארוואלטונג פון 11 מענשען אין דער צייט ווען די צאהלער פונ׳ם הילפסקאמיטעט דערגרייכט ביז איבער 700?

וואס וואלט דר. ברענדער געזאגט מיט 2 יאר צוריק, איידער ער איז געווארען דער דיקטאטאר פון דער דאזיגער אינסטיטוציע, ווען ער וואלט זעהן אזא לעכערליכע „גענעראל־פארזאמלונג" מיט אזעלכע „וואהלען"? ער וואלט דאן אנגעהויבען א שטורם· הימעל עפען זיך... איצט אבער איז אלעס גוט. די פארוואלטונג איז א גוטע· דער פארזיצענדער איז א גוטער, די מיטגלידער, וועלכע גיבען די גראשענס, נאך בעסערע, בארעכטיגטע וואהלען אדער נישט בארעכטיגטע וואהלען, יא סטאטוטען אדער נישט סטאטוטען, דאס אלעס זענען קלייניגקייטען... אבי מען זיכערט זיך אליין א גוטען געהאלט, דאן איז אלעס גוט!... אט אזוי זעהט אויס דער קאפענהאגענער אידישער הילפסקאמיטעט!...

*) זעה „די אידישע וועלט" נומער 5, 6, און 7·

---

## ש· גארעליק.

### א שפינאזא־ראמאן.

(ספעציעל פאר „די אידישע וועלט")

(המשך)·

מיט דאקטאר וואן דען ענדען האט ער לאנג שפאצירט איבער די טויטע גאסען און ווען מען האט זיך שוין געדארפט פאנאנדערגעהן צו אים געזאגט:

„גיט מיר אנ׳ארט וואו צו שלאפען די נאכט... דען איך האב נישט קיין היים מער. אין מיין פאטערס הויז איז נישטא מער קיין פלאץ פאר מיר".

און דאקטאר וואן דען וועגדען ענטפערט: „איר וועט וואוינען אין מיין הויז ווי אנ׳אייגענער זוהן"...

*   *

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 8. | Fredag, 3 December 1920. פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.

| Abonnement paa „Di YidischeWelt" | אבאנעמענטס־פרייז פאר „די אידישע וועלט": |
|---|---|
| 12 Kr. pr. Aar. | יעהרליך — 12 קראנען |
| 6 Kr. pr. Halvaar. | האלב־יעהרליך — 6 קראנען |
| 3 Kr. pr. Kvartal. | פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען |

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג

Dybbølsgade 11⁴

אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332

Postgiro 432 Kjøbenhavn B

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

### ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Ffterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Ore, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt» Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.

## אינהאלט:

וואס קומט פאר אינ'ם קאפענהאגענער הילפס־קאמיטעט? (דריטער ארטיקעל)
ש. גארעליק. א שפינאזא־ראמאן·
פ. לידאר. א פאגראם־קאנפערענץ אין דייטשלאנד.
אויפרוף פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן.
דאס אידישע גיהנום אין אוקראינא.
י. ש. ספיוואקאווסקי'ס קאנצערט.
ליטעראַרישע נייעס.
א טרויער־אווענד נאך ש. אנ־סקי.
בילדער: ש. הירשענבערג. שפינאזא.




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדיציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאנציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

---

**מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.**

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען· געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענץ קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל·
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

---

**אגענטען**

ווערען געזוכט וועלכע צו פארקויפען הערינג. זיך צו ווענדען קאמפאניע סטרעדע נומער 19 אין קעלער.

---

**FRUGTSAFTER
HORNBECH
FRUGTVINE**

---

**Frederiksberg Bank,**

**Gl. Kongevej 107,**
Købeehavn V.

**פרעדעריקסבערג באנק.**

דאלארען, פונטען, מארקס און אלע אנדערע וואלוטען ווערען געקויפט און פארקויפט

אלע באנק־אנגעלעגענהייטען ווערען ריכטיג אויסגעפירט.

---

אבאנירט און לעזט
„די אידישע וועלט“

---

מיר מאכען אויפמערזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאַטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהינגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספּעציעלען „פּלאן“ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די צווייטע ציהונג קומט פאר דעם 17־טען און 18־טען נאוועמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטאריזירטע קאלעציאן האט נאך עטליכע צורי צום פארקויפען·

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

---

**פון רייה אן ערשיינט אין בערלין א יודיש וואכענבלאט**

**„דער מזרח־יוד“**

**צענטראל־ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד·**

„דער מזרח־יוד“ בעהאנדעלט אלע וויכטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע די מזרח־יודען אין דייטשלאנד בפרט, און דעם מצב פון די יודען אין די מזרח־לענדער בכלל.

„דער מזרח־יוד“ ברענגט די נייסטע אלגעמיינע און יודישע אינפארמאציעס פון דער גאנצער וועלט.

„דער מזרח־יוד“ האט אייגענע קארעספאנדענטען אין די גרעסטע יודישע צענטרען, און דרוקט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער·

„דער מזרח־יוד„ פערטיידיגט ענערגיש די אינטערעסען פון די היגע מזרח־יודען·

„דער מזרח־יוד“ איז זעהר נוצליך צו שיקען גרוסען און שאפען פערבינדונגען צו קרובים און פריינד אין ענגלאנד, אמעריקא א. ז. וו.

„דער מזרח־יוד“ איז די איינציגע אין דייטשלאנד ערשיינענדע צייטונג אין יודישער שפראך, און איז זעהר נוצליך פאר כל המיני אנאנסען און בעקאנטמאכונגען·

אבאנעמענטסבעטראג: א פערטעל יאהר 25 מארק.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

DER OSTJUDE, Berlin C 54, Rosenthalerstr. 48

„HAMEWASSER“ Zeitungs- und Büchervertrieb

---

**פייער־פארזיכערונג**

און אלע אנדערע פארזיכערונגען קען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

---

**גוטע מיטאגען.**

באקומט איר טעגליך צווישען 2־7 ביי

פרוי דווארקין, גאמעל־מינט 41, 2 זאל.



## ל י ט ע ר א ר י ש ע   נ י י ע ס .

ביכער אנגעקומען אין די רעדאקציע:

„Great Britain and Zionism“

דאס איז א זאמלונג פון די רעדען וועלכע א גרויסע צאל אנגעזעענע ענגלישע שטאאטסלייט האבען געהאלטען אויף א ציוניסטישער מאניפעסטאציע אין לאנדאן דעם 12־טען יולי ד. י.

„רעדעס פון בריטישע שטאאטסמענער צום אידישען פאלק“ דאס איז א געניע איבערזעצונג אויף אידיש פון דער ענגלישער ברושורע·ביידע דערמאנטע ברושורען זענען ארויסגעגעבען געווארען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן.

אין איינע פון די קומענדע נומערן פון „די אידישע וועלט“ וועלען מיר ברענגען א טייל פון די היסטארישע רעדעס פון דיבריטישע שטאאטסלייט צום אידישען פאלק· וועלכע לעזען זיך מיט גרויס אינטערעס·

### אידיש טעאטער אין קאפענהאגען.

### „ג נ ב י ם“.

זונטאג דעם 21 נאוו. האט דער קאפענהאגענער אידישער האנדווערקער פאריין פאראנשטאלטעט אין „אפהאלטסהיעמעט“ א פארשטעלונג וואו עס איז צום ערשטען מאל געשפילט געווארען ס. ביקמא׳ס דראמא „גנבים“. צוליב מאנגעל אין פלאץ קענען מיר ליידער נישט געבען קיין אויספירליכע אפהאנדלונג וועגען דער דאזיגער דראמא און וועגען דער אויפירונג. וואס מיר קענען נאר זאגען איז, אז בימקא איז א יונגער טאלענפולער שריפטשטעלער וועלכער האט מיט זיינע „גנבים“ פארנומען אנ׳אנגעזעהענעם ארט אין דער אידישער דראמאטישער ליטעראטור.

ה׳ בילאווסקי אלס שלמה „שבר“ האט זיך באמת געגעבען די גרעסטע מיה דורכצופירען זיין ראלע אזוי גוט ווי מעגליך. ה׳ בילאווסקי האט שוין נישט איינמאל באוויזען אז ער איז א מענש מיט

---

(סוף פון 2־טער זייט.)

אין דער וועלט מיינט מען דאך אז קאפענהאגען; וואס הייסט קאפענהאגען מיט צוויי אידישע הילפסקאמיטעטען, וואס שיקט ארויס באריכטען, בולעטינס, טעלעגראמע וכדומה (משטיינס געזאגט), וועט גלייך נעהמען און אריינשיקען עטליכע מיליאן מארק. כאפט דאס קאפענהאגענער הילפסקאמיטעט און שיקט די טעלעגראמע ווייטער קיין אמעריקא·

דאס גאנצע אונגליק איז דאס, וואס אין דער וועלט מיינט מען עס אזוי פיל וועגען קאפענהאגען· אט דאס „מיינען“ איז די סבה וואס קאוונא טעלעגראפירט קיין קאפענהאגען און וואס אמעריקא גיט 2000 קר. א חודש „אויף צו ארבייטען“...

טאלענט, וועלכער וואלט זיך געקענט ענטוויקלען אלס פעהיגער אידישער שוישפילער ווען ער וואלט אנגעקומען אין א אמת׳ען אידישען טעאטער צווישען שוישפילער.

פרוי בילאווסקי אלס מירקע האט אפט מאל זיך פארלוירען· דאך האט זי איר ראלע דורכגעפירט געלונגען און מיט געפיל·

פון די אנדערע אנטייל נעהמער האבען זיך אויסגעצייכענט ה׳ פראמבערג אלס הירש „מזק“ — און ה׳ ברעשעל אלס וועלוועל „סוויטניק“. די איבעריגע האבען זייערע ראלען דורכגעפירט לויט זייערע שוואכע מעגליכקייט...

שטארק האט די פארשטעלונג געליטען דערפון וואס דער עולם האט זיך נישט פארהאלטען רוהיג און דערצו· קיין עין הרע דאס ביסעל קינדערלעך וועלכע האבען אונאויפהערליך געטומעלט...

ש· פ.

---

## מזל טוב·

ווינש איך מיין ברודער און שוועגערין, ל· פרידמאן און פרוי אין לאנדאן צו דער געבורט פון זייער זוהן·

י ה ו ד ה   ש א י א ק·

---

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה· ד. נאמבערג׳ס. „א ליטעראַרישער דור“·
2) פ· בימקא׳ס. „אויפ׳ן וואקזאל“·
3) י. שימינזאהנ׳ס· „די בלום פון פאפראטש“·
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“·
5) אנ׳אראביש ווערטער־ביכעל
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענעדא“.

די דערמאנטע ביכער וועלען מיר געבען אונזערע אבאנענטען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער א ו מ ז י ס ט האלב־יערליכע 3 ב׳כער· פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

---

א ג ו ד ת   ה צ י ו נ י ם   ב ד נ מ ר ק.

פאראנשטאלטעט מיטוואך דעם 1־טען דעצעמבער 8 אזייגער פר·

א   ג ר ו י ס ע ן   ק א נ צ ע ר ט

א י ן Teknologisk Institut Vester Farimagsgade 22.

(געגען איבער דעם נארדבאהן־גארד.)

מיט׳ן אנטייל פון די בארימטע ברידער

ט א ס י   און   א ל ב ע ר ט   ש פ י ו ו א ק א ו ו ס ק י

בילעטען צו 4, 3, און 2 קר· צו באקומען ביי מיטגלידער פון ועד.

## פון ארץ ישראל.

(ספעציעלע ידיעות צו „ד אידישע וועלט“.)

### די באנייאונג פון אידישען לעגיאן.

ירושלים — ווי מען מעלדעט, דארף זיך די טעג אנהויבען לויט דער געהעריגער פארארדנונג פון די מיליטערישע ארגאנען, די נייע ווערבירונג פון דעם אידישען לעגיאן. די ווערבירונג־ארבייט וועט געפירט ווערען דורכ׳ן לעגיאן־אנפירער מיט דער הילף פון ארטיגע קאמיטעטען אין יפו, ירושלים, טבריה און אנדערע שטעט.

### די אידישע פאהן אין קאנסטאנטינאפאל.

קאנסטאנטינאפאל. — מאנטאג דעם 1־טען נאוועמבער זיינען פון דאנען אפגעפארען 550 אידישע עמיגראנטען קיין יפו מיט׳ן שיף „מאמודיע“, וואס איז ספעציעל געדינגען געווארען פאר דער נסיעה. ביי דער געלעגענהייט איז אויף דער שיף ארויסגעהאנגען געווארען די אידישע און די ענגלישע פאהן. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל ווען די אידישע פאהן האט געפלאטערט אינ׳ם קאנ־סטאנטינאפאלער פארט.

### א טאג פון תפילות אין ארץ־ישראל פאר די פאגראמירטע אידען אין אוקראינא

ירושלים. — צוליב די כסדר׳דיגע פאגראמען און אנטי־אידי־שע עקסצעסען אין אוקראינא, פויל׳ען און אונגארן האבען די רבנים פון ירושלים באשטימט מאנטאג דעם 13־טעז חשון אלס טאג פון תפילות ביי דער כותל־מערבי. טויזענדער אידען, מענער און פרויען, אשכנזים, ספרדים, תימנים, בוכארער, גרוזינער א. א. וו. זענען זיך צונויפגעקומען ביים כותל מערבי אין דער באשטימטער שעה אויס־צוגיסען זייערע תפילות פאר׳ן שארת הפליטה פונ׳ם פאלק ישראל.

### די אידען־פראגע אין פוילישען פארלאמענט.

פון ווארשא איז מען אונז מודיע:

מיטוואך דעם 17 נאוועמבער איז אין סיים ווידער אמאל גע־קומען צו וכוחים וועגען דער אידען־פראגע אין פוילען. ווען עס איז באהאנדעלט געווארען דער פונקט 113 פון דער קאנסטיטוציע האט דער אידישער דעפוטאט דר. שיפער באנוצט די געלעגענהייט און געהאלטען א געלונגענע רעדע פארטיידיגענדיג די אידישע שפראך, וועלכע ווערט אין פוילען אונטערדרוקט. ווען עס איז געקומען אויפ׳ן סדר היום די פראגע וועגען רעליגיעזע פרייהייט האט דער אידישער דעפוטאט פארבשטיין גענומען דאס ווארט און גענומען אנגרייפען די פוילישע רעגירונג פאר איר פארפאלגונג די אידיש רעליגיעזע פרינציפען און געפאדערט אנ׳אויסבעסערונג אין דער פארפאסונג פון דעם פאראגראף בנוגע די רעליגיעזע פרינציפען.

### ווידער פאגראמען.

אונזער לאנדאנער קארעספאנדענט טיילט אונז מיט, אז דער פארבאנד פון די אוקראינישע אידען אין ענגלאנד האט ערהאלטען די פאלגענדע טעלעגראמע פון ווארשא:

נייע פאגראמען זענען פארגעקומען לעצטענס אין אוקראינא, געמאכט פון באלשעוויקעס און פון פעטלורא׳ס באנדעס. טויזענדער אידען אנטלויפען און זיי ווילען אריבער נאך אמעריקא. ווארשא איז פול מיט אזעלכע פליכטלינגע. שיקט טעלעגראפיש א גרעסערע סומע, די נויט איז זער גרויס און הילף אונבעדינגט שנעל נויטיג.

(אונטערגעשריבען)

גרינבוים, פאדלישעווסקי און פארבשטיין.

## ש. גארעליק.

### א שפינאזא־ראמאן.

(ספעציעל פאר „די אידישע וועלט“)

(המשך)

די רבנים בעטען זיך: די סינאגאגע בעט זיך, דורך איר די גאנצע אידישע געמיינדע. די, וועלכע האט פון דעם אינקוויזיציע־פייער ארויסגעראטעוועט דעם אידישען גלויבען און געלאפען אהער נאך האלאנד פרייזען גאטעס נאמען.

דאך מוז דער אמת פון אונזער הערן לעבען! ווען נישט אין אונזער הייליגער תורה, טא וואו־זשע דען, ברוך דע שפינאזא, וואו איז עס דען אנדערש צו געפינען?

„איך זוך דאס אויך, חכם אבאאבי“.

מארטעירא פארדעקט זיין פנים. ער וויינט...

— די געמיינדע פאראכט דעם לעצטען מיטעל. דע שפינאזא איז פארלוירען, דאס עהן אלע. נאר דער ביישפיל קאן דאך ברענ־גען די גרעסטע רעזולטאטען. אזא צווייג פאלט אפ. רבי מארטעירא קומט אים איינפאך אלס מעקלער, יא! נאר איינס ווילען זיי פון אים, ער זאל דעם שיין היטען. ער זאל א פרייוויליגער מאראן פון דער אנדערער זייט ווערען. זיי ווייסען אלץ פון אים, זיי ווייסען וועלכע באקאנטשאפט ער פירט, נאר ער קאן זיי נישט זיין גלייכ־גילטיג ווי יענע צוויי אידען, וואס האבען זיך דא נישט לאנג צוריק גע׳שמד׳ט. שפינאזא האט דאך די טיפסטע אידישע חכמית געלע־רענט, די הייליגסטע. ער זאל די אידישע תורה נישט שענדען. נור דעם שיין ווילען זיי פון אים. דעם אנשטעל. דאס איז איינפאך א געשעפט, וועלכען די געמיינדע פון אמסטערדאם וויל אפשליסען מיט א ברוך שפינאזא, וועלכער איז פארלוירען. טויזענד גולדען יארגעלד באקומט ער פון דער געמיינדע ווען ער וויל נאר איינגעהן אויף דעם געשעפט. רבי מארטעירא רעדט נישט מיט זיין הייסען תלמוד, מיט וועלכען ער האט אמאל געפארשט די קבלה, נאר מיט א גאנץ פרעמדען. ער איז בלויז א מעקלער דער רבי מארטעירא. שפינאזא וויליגט אבער נישט איין אויף אזא אפמאך און צום ערשטען מאל נעכטיגט ער איבער אונטער א פרעמדען, נישט אידישען דאך

נאך אט דער פיינליכער אונטעררעדונג מיט רבי מארטעירא איז שפינאזא געגאנגען צו זיינע כריסטליכע פריינט, ביי דעם שטאמ־טיש ביי יאן צאלעט האבען זיי זיך אלע פארזאמעלט. ווין געטרונ־קען, גיטארע־געשפיל געהערט, נאר שפינאזא איז שטיל געזעסען אין א געדרוקטער שטימונג.

(המשך פאלגט)

## טאסי שפיוואקאווסקי.

אין שייכות דערמיט, וואס דער קליינער 12־יעריגער אידישער וויאלין־ווירטואז טאסי שפיוואווסקי וועט אין דעצעמבער־חודש אויפטרעטען אויף צוויי אידישע קאנצערטען אראנזשי׳ט פון דער „אגודת הציונים בדנמרק“ און פון „הזמיר“ האבען מיר איינגעלאדענט דעם באקאנטען דענישען מוזיק־קריטיקער אקס׳ל קיערולף, וועלכער איז ווי באקאנט דער מוזיק־רעצענזענט אין „פאליטיקען“ צו שרייבען אנ׳אפהאנדלונג וועגען דעם אידישען מוזיק־זשעני. ה׳ קיערולף האט אונזער בקשה ערפילט און אנגעשריבען דעם פאלגענדען ארטיקעל.

די רעדאקציע.

פאר מוזיקאלישע וואונדער־קינדער שטעהט מען תמיד כמעט ווי אונפארשטענדליך.

„ווי איז עס דען מעגליך“, זאגט מען שטענדיג!

אפילו די גרעסטע טעכנישע ווירטואזיטעט קען זיך אפט מאל דערקלערען דערמיט, וואס עס איז א געבוירענער טאלענט. ווער אבער קען באגרייפען ווי אזוי א 10 — 12 יעריג קינד האט די מעגליכקייטען צו געבען דעם אויסדרוק פון געפילען און געדאנקען פון א טיפען און ענג־באשרענקטען געדאנק, וואס אפילו א דערוואקסענער און לעבענס־ערפארענדער מענש קאן אפט מאל נישט באגרייפען?

די פראגע ווערט תמיד באריהרט ווען מען באשעפטיגט זיך מיט מוזיקאלישע נשמות; מען באמיהט זיך דאן צו דערגרונטעווען דאס אונבאגרייפליכע אין דער מוזיק׳ס טיפען וועזען, דעם אייגענטליכען כח איבער דעם זין, דעם ציל און מעגליכקייט וואס די טענער קענען ארויסברענגען דורך זייער שפראך און ארויסזאגען דאס וואס לאזט זיך בכלל נישט ארויסזאגען.

אבער טאקי דערפאר וואס די מוזיק אין איר אייגענטליכע נאטור־געזעצליכע פארמען איז אזוי אונבאגרייפליך אין אזוי פול מיט גייסט איז זי פון אלע שענע קונסטען דער ריינסטער אויסדרוק פאר דעם אמת׳ען זשעני, — דאס איז א גרויסער פעלד וואס קען באפרוכטעט ווערען נאר פון דעם געבוירענעם קינסטלער און נישט פון דעם אויסגעלערענטען...

נישט יעדער קינד אבער איז א זשעני, דאגעגען איז יעדער זשעני, אינערליך א קינד. באזיצט די אייגענשאפט צו קענען באהאלטען דעם תמצית, דאס געפילפולע נישט לאזענדיג זיך מיטרייסען מיט די ערפארונגען און געדאנקען־באשטימטע איינפלוסען וועלכע זענען אפט מאל אזוי שעדליך.

אין דער מאהלער־קונסט און ליטעראטור זענען קיין וואונדער־קינדער נישט פארהאן דאגעגען זענען זיי פארהאן אין דער מוזיק אין א גאר גרויסער צאל. דאס איז נישט דערפאר וואס די מוזיק־קונסט איז לייכטער זיך אויסצולערנען. — פארקערט. — נאר דערפאר וואס אין דער מוזיק געפינט זיך דער קונסט׳ס אורשפרונג, וועלכע קען פארשטאנען ווערען גאנץ פרימיטיוו און מיט׳ן הארץ און וועלכע קען אויסגעדרוקט ווערען דורכ׳ן געזאנג פון בלוט און דורך דאס ריטמישע קלאפען פונ׳ם פולס,

דאס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז מען דארף נישט זיין דערוואקסען כדי צו פילען. איז עס דען נישט א גרויסע ענטוישונג פאר א זייג־קינד ווען עס באקומט אין מויל אריין אנשטאט דער מוטער׳ס ווארימע מילך־געבענדער ברוסט עפעס א גומעלע! זעהן מיר דען דאן נישט די ליידען און פרייד, וואס צוגיסט זיך אויף דעם קינד׳ס פנים׳על!

א קינד׳ס נשמה איז רייך אין שטימונגען און געפילען. עס גיבען קינדער וואס גלייך ווי זיי ווערען געבוירען באזיצען זיי די פעהיגקייטען, דעם געפיל און דאס גוטע געדעכטעניש, זיי באזיצען שוין דאן דאס פולשטענדיגע פולקאמענע און ענערגיע — יא, ד י קינדער זענען עס די „וואונדער־קינדער“!

טאסי שפיוואקאווסקי!

בלויז 12 יאר אלט איז דאס וואונדער־קינד, וועמען די מוזיק האט דורך און דורך באהערשט. ער איז א קינסטלער פון גאטעס גענאדע. קאפענהאגען האט ער אויפגעשטורמט מיט זיין שפילען און די באגייסטערונג נאך יעדען קאנצערט האט קיין סוף נישט געוואלט נעהמען. און טאסי האט דעם יובעל אויפגענומען מיט דער גרעסטער רוהיגקייט. ער האט זיך בלויז פארנייגט עטליכע מאל מיט זיין קינדערישען קאפ און זיין ערנסט פנים מיט די פיינע, שענע שטריכען, ער האט נישט אויסגעדרוקט נישט קיין פריידען און נישט קיין פארוואונדערונג. ער האט דאס אלעס באטראכט ווי א זעלבסטפארשטענדליכקייט.

די מענשען אבער, דאס גרויסע פובליקום, אפלאדירט אים דערפאר מיט א דאפעלטער באגייסטערונג דעם קליינעם יונגעל, וועלכער האט זיי פאר׳כשופ׳ט. בעת גרויסע דערוואקסענע קינסטלער, שפילען פאר לעדיגע בענק. שפילט דער קליינער טאסי איין מאל נאכ׳ן אנדערען פאר געפאקטע זאלען. עס איז נאר ליידער צום באדוירען, וואס דער קליינער טאסי איז פונ׳ם עולם באטראכט געווארען ווי עפעס א „קונסטשטיק“. דערצו קאן דער קליינער טאסי גארנישט ניט טון, דאס איז אויך א זאך, וואס פארשווינד מיט דער צייט, שוין דערפאר, וואס נישט תמיד קען ער בלייבען א וואונדער און א קינד...

שומאן האט אמאל בייגעוואוינט א קאנצערט פון א וואונדער־קינד — ה ע נ ר י  ו ו י ע ט ע מ פ ס, דער שפעטערדיגער בארימטער ווירטואז. ער האט דאן געשריבען: „דער, ווער עס שטעלט זיך פאר דער וועלט זאל נישט צו יונג און נישט צו אלט זיין. ער זאל אבער זיין בליהענד און פריש ווי א לעבעדיגע בלום. ביי הענרי וויעטעמפס קאן מען זיך טרייסטען דערמיט, וואס מען קאן צומאכען די אויגען, ווייל זיין שפילען בארוישט אייך סיי ווי סיי מיט דעם דופט און גלאנץ גלייכצייטיג. זיין לייסטונג איז פולשטענדיג, דורכאויס מייסטערהאפט“.

פאסען דען נישט אויך די ווערטער צו דעם קליינעם טאסי? ער איז פון די דאזיגע וואונדער־קינדער, וועלכע מען דארף זיי נישט אנקוקען. מען קאן דרייסט צומאכען די אויגען און — הערען.

*Axel Kjerulf.*

## וואס קומט דאס פאר אינ׳ם קאפענהאגענער אידישען הילפס־קאמיטעט?

(המשך פון 2־טען ארטיקעל *)

איז דאס נישט אנ׳אונערהערטער סקאנדאל, אז מען זאל זיך פשוטווארפען מיט געלט וואס איז צונויפגעשנארט געווארען פאר ארימע אונגליקליכע נויטליידענדע מענער׳ פרויען און קינדער? איז דען דאס נישט הימעלשרייענד, דאס אין א צייט ווען טויזענדער מענשען שטארבען פאר א שטיקעל ברויט׳ זאלען אין א קאמיטעט ווי דער קאפענהאגענער, וועלכער וואלט היינט צו טאג אפסאלוט געקענט אויסגעמיטען ווערען אין שייכות מיט דער פארבינדונג צווישען די הילפסקאמיטעטען פון מערב־ און מזרח־אייראפא׳ זיצען מענשען און לאזען זיך באצאלען מיט אזעלכע געשוואלענע גאזשעס פאר אנשרייבען עטליכע בריף אדער פאר דאס אונטערשרייבען א קוויטירונג.

און ווען אפילו דאס געלט קומט פון אמעריקא אויף צו באצאלען פאר דער „ארבייט״, איז דען דאס נישט קיין געלט, וואס איז געזאמעלט געווארען פאר די נויטליידענדע?

מיר ווייסען פון א פאקט ווען אינ׳ם הילפסקאמיטעט איז באהאנדעלט געווארען די פראגע פון צו האנארירען דעם געוועזענעם סעקרעטער פונ׳ם צענטראלען הילפסקאמיטעט, דעם ה׳ קאגאן מיט 300 קר. פאר זיין באמת אונערמידליכער ארבייט. יעדער איינער, וועלכער האט געהאט א מעגליכקייט זיך צו באקענען מיט דער ארבייט פונ׳ם ה׳ קאגאן, דער ווייסט ווי דער מענש האט געארבייט טאג און נאכט, געשריבען בריף אין דייטש, ענגליש און רוסיש, געלאפען און ארענזשירט מיטינגען, זיצונגען׳ געשאפען זאלען, געשיקט טעלעגראמען, פערזענליך ארומגעלאפען איינלאדענען מענשען צו די זיצונגען, פשוט געארבייט פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט נאר לטובות דעם הילפסקאמיטעט. ווען עס איז אבער געקומען צו דער פראגע פון באצאלען פאר דער ארבייט, האט ה׳ קאגאן ערקלערט, אז זיין געוויסען ערלויבט אים נישט זיך צו לאזען באצאלען מער ווי ער האט נויטיג אויף צו עקזיסטירען, (לערך 200 קראנען א חודש) ווייל ער באטראכט זיין ארבייט אלס הייליגען חוב צו די אומגליקליכע אידען׳

וואס זעהן מיר אבער איצט? ווען דער איצטיגער סעקרעטער׳ וועלכער לאזט זיך באצאלען פאר זיין „ארבייט״ מיט לערך 6 אדער 700 קראנען א חודש, א צווייטער סעקרעטער מיט לערך 400 און א דריטער מיטהעלפער מיט לערך 200 — און אז עס קומען מענשען׳ וועלכע צאלען איין צום הילפסקאמיטעט זייערע שווער־אויסגעארבייטע קראנען פאר די נויטליידענדע אידען און זאגען אויף דער גענעראל־פארזאמלונג, אז די פארוואלטונג האט פארברויכט צו פיל געלד אויף אויסגאבען לערך 12000 קר. אין פארלויף פון 17 חדשים (נישט וויסענדיג, אז אויך פון אמעריקא באקומט מען 2000 קראנען א חודש אויף אויסגאבען) שטעלט זיך דער זעלבער סעקרעטער אוועק מיט א געבייזער און רופט אויס: ווען איר האט נישט קיין צוטרויען צו די מענשען וועלכע איהר וועהלט אויס אין דער פארוואלטונג׳ האט איר זיי נישט געדארפט וועהלען! און אויף דער צווייטער פארזאמלונג זאגט מען גאר: שיקט אונז נאך א מענשען, מיר האבען נאך א ליידיגען פלאץ פאר א געלד־נעהמער...

איצט איז די פראגע: וואס טון עס אזעלכעס אויף די מענשען, וועלכע לאזען זיך אזוי גוט באצאלען פאר זייער ארבייט „לטבות דער הייליגער זאך״?

די דאזיגע מענשען נישט וועלענדיג פארלירען אזא לייכטע פרנסה האבען זיך געשאפען א שלאג־ווארט: קאפענהאגען איז א צענטער, א פארבינדונגס־ארט צווישען אמעריקא, ענגלאנד און די מזרח־אייראפעא׳ישע לענדער.

דאס קאן מען נאר איינשמועסען נאאיווע מענשען. וואס פאר א צענטער איז עס באמת קאפענהאגען אין דעם איצט׳יגען אויגענבליק? דער אמת איז: קיין צענטער נישט! מיט עטליכע יאר צוריק האט זיך עס שוין געלאזט זאגען. דאן איז למשל פוילען, גאליציען און אוקראינא געווען ווי אפגעשניטען פון דער וועלט. איצט זעהן מיר ווי צעהנדליגער אידישע דעלעגאטען און שלוחים פאר דער הילפסארבייט פארען יעדען חודש אהין און צוריק צווישען אמעריקא, ענגלאנד און פוילען, גאליציען, אוקראינא און רומעניען און שמעקען אפילו נישט אריין נאך קאפענהאגען, וואס ליגט באמת חוץ לדרך׳ טויזענדער וואגאנען מיט לעבענסמיטלען און קליידער זענען פאר׳ן לעצטען יאר געשיקט געווארען פון מערב־אייראפא און אמעריקא אין אלע די אויסגערעכענטע לענדער און זענען אנגעקומען בשלום און בשלבה אויף ארט און שטעל אהנע דעם, וואס די דאזיגע גרויסע טראנספארטען אין דער ווערט פון מיליאנען, האבען קאפענהאגען פאר די אויגען געזעהן.

אויף דער ערשטער גענעראל־פארזאמלונג האט דר. ברענדער געגעבען אנ׳ערקלערונג וואס פאר א צענטער דער קאפענהאגענער הילפסקאמיטעט איז דערמיט וואס ער האט געזאגט:

— מיר באקומען למשל א דרינגענדע טעלעגראמע פון קאוונא: „הונדערטער מענשען שטארבען דא פאר הונגער, דרינגענדע הילף איז נויטיג. שיקט גלייך געלד״.

ווייסט איר וואס דאס קאפענהאגענער צענטראל הילפסקאמיטעט האט געטון׳ איר מיינט דאך מסתמה, אז מען איז גלייך געלאפען און געשיקט געלט כדי צו לינדערן די נויט פון די הונגעריגע? האט איר א טעות.

— מיר האבען גלייך גענומען — האט דר. ברענדער ווייטער ערקלערט — און איבערגעשיקט די טעלעגראמע קיין אמעריקא!

א געוואלדיגער אויפטון!... דר ברענדער מיינט א פנים׳ אז די קאוונער אידישע הילפסקאמיטעטען, אדער דאס אידישע מיניסטעריום ווייסט נישט, אז עס איז פארהאנען אנ׳אמעריקא מיט גרויסע אידישע הילפסקאמיטעטען, מיט א סך מיליאנען דאלארען און אז קאוונא האט זיך שוין אליין געווענדעט קיין אמעריקא גלייכצייטיג ווי קיין קאפענהאגען. מיט דער ווענדונג קיין קאפענהאגען האט קאוונא געמיינט, אז טאקי קאפענהאגען גופא זאל שיקען עפעס געלד און נישט, אז זיי זאלען איבערשיקען די טעלעגראמע קיין אמעריקא.

(שלוס אויף 5־טער זייט)

*) זעה „די אידישע וועלט“ נומער 5 און 6.

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 7. | Fredag, 26 November 1920. | פרייטאג | I־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.

Abonnement paa
„Di Yidische Welt"
12 Kr. pr. Aar.
6 Kr. pr. Halvaar.
3 Kr. pr. Kvartal.

**אבאנעמענטס־פרייז פאר
„די אידישע וועלט":
יעהרליך — 12 קראנען
האלב־יעהרליך — 6 קראנען
פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען**

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג
Dybbølsgade 11⁴
אדער דורכ ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 Kjøbenhavn B

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Efterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Øre, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre, alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til ødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt» Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.



טאסי שפיוואקאווסקי.

(זעה ארטיקעל זייטע 3.)




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע —
האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר- און פראכט־עקספעדיציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

אלע אנפראגען קענען געמאכט ווערען אין דעניש, שוועדיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

**מאשין־שרייבונג**
**און דובליקירונג.**

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענ: קענען מיר אנגעבען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

## סיגארען.

אויב איהר ווילט רייכערען א לייכטען און גוטען סיגאר, דאן זאלט איהר פרובירען מיינע גוטע שדאנדאד־סיגארען „בראזיל 2״, וועלכען איך פערקויף נאך אלץ צו דעם ביליגען פרייז פון 17,50 דענישע קראנען פאר 100 שטיק. (10־1 מיללע).

די עקספעדיציעס פון באשטעלונגען קומען פאר לויט דער רייהע ווי די באשטעלונגען קומען אן — געוועגליך געדויערט עס בלויז עטליכע טעג.

אין פארהעלטעניש צו מיין נישט גרויסען אוואנס מוז דאס געלד גלייך איינגעצאהלט ווערען צוזאמען מיט דער באשטעלונג. סיגארען ווערען געשיקט פארטא־פריי איבעראל אין דענמארק, ווען די באשטעלונג איז אויף מינדעסטענס 500 שטיק.

Brasil- Agenturet
Dybbølsgade No. 11 ⁴.
Kjøbenhavn B.

מיר מאכען אויפמערקזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואדע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די צווייטע ציהונג קומט פאר דעם 17־טען און 18־טען נאוועמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכנטע אויטארירטע קאלעקציאן האט נאך עטליכע צוריק צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

פון רייה אן ערשיינט אין בערלין א יודיש וואכענבלאט

## „דער מזרח־יוד״

צענטראל־ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד.

„דער מזרח־יוד" בעהאנדעלט אלע וויכטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע די מזרח־יודען אין דייטשלאנד בפרט, און דעם מצב פון די יודען אין די מזרח־לענדער בכלל.

„דער מזרח־יוד״ ברענגט די נייסטע אלגעמיינע און יודישע אינפארמאציעס פון דער גאנצער וועלט.

״דער מזרח־יוד״ האט אייגענע קארעספאנדענטען אין די גרעסטע יודישע צענטרען, און דרוקט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער.

„דער מזרח־יוד„ פערטיידיגט ענערגיש די אינטערעסען פון די היגע מזרח־יודען.

„דער מזרח־יוד״ איז זעהר נוצליך צו שיקען גרוסען און שאפען פערבינדונגען צו קרובים און פריינד אין ענגלאנד, אמעריקא א. ז. וו.

„דער מזרח־יוד״ איז די איינציגע אין דייטשלאנד ערשיינענדע צייטונג אין יודישער שפראך, און איז זעהר נוצליך פאר כל המיני אנאנסען און בעקאנטמאכונגען.

אבאנעמענטספרייז: א פערטעל יאהר 25 מארק.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

DER OSTJUDE, Berlin C 54, Rosenthalerstr. 48

„HAMEWASSER“ Zeitungs- und Büchervertrieb

**אבאנירט**
**„די אידישע וועלט"**

## גוטע מיטאגען.

באקומט איר טעגליך צווישען 2־7 ביי

פרוי דווארקין, גאמעל־מינט 41, 2 זאל.

פייער־פארזיכערונג

אין אלע אנדערע פארזיכערונגען קען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.



## ליטערארישע נייעס.

ביכער אנגעקומען אין דער רעדאקציע:

Knut Hamsun: «Konerne ved Vandposten» (Gyldendalske Boghandel).

איבער דעם דאזיגען גרויסען ווערק פון קנוט האמסון, וועלכער האט גראדע אין דעם טאג ווען דאס ווערק איז ערשינען באקומען צוגעטיילט די נאבעל־פרעמיע, וועלען מיר מיט דער צייט ברענגען אנ׳ אויספירליכע אפהאנדלונג.

---

אידישער האנדווערקער פאריין, קאפענהאגען.

זונטאג, דעם 21־טען נאוועמבער, האלב 5 אזייגער ווערט געשפילט אין Afholdshjemmet Rantzausgade 58.

צום ערשטען מאל אין קאפענהאגען

„גנבים“

דראמא אין דריי אקטען

פון פ· בימקא.

אין די הויפט־ראלען די באוואוסטע שוישפילער

מאררים און גליקע בילאוווסקי

נאך דער פארשטעלונג באל·

בילעטען צו 2,00 און 1,50 צו באקומען ביי אלע מיטגלידער פון האנדווערקער פאראיין.

---

שאפט מיט קריסטען, אז ער לערענט לאטיין· דער פרומער פאטער מיכאל דע שפינאזא רעכענט אים פאר פארלוירען· טויט· גיך מוז ער ערשיינען פאר דער סינאגאגע·

„מיר האבען דיך גערופען זוהן פון פרומען מיכאל דע שפינאזא, רייניג זיך פאר אונז, אויף דיין נאמען ליגען די שווערסטע באשולדיגונגען· פילסטו דיך אונשולדיג, טא באווייז עס און אט דער טאג וועט פאר אונז אלעמען דער פרעהליכסטער זיין ווייל מען האט אויף דיר שטארק געהאפט. נאר הער די אונקלאגע״.

צאקוטא באשולדיגט. א שוידער כאפט אלעמען ארום ווען ער שילדערט דעם גיהנום אין וועלכען שפינאזא געפינט זיך. וועט נישט אויפשפרינגען דער לעצטער אין צארן און שרייען אויף דעם פאנאטיקער „ליגנער, ליגנער“· וויפיל וואלטען עס וועלען דערלעבען, מער פון אלעמען רבי מארטעירא. נאר שפינאזא ענטפערט געלאסען:

„איך אכט זיין גלויבען״.

און ווייטער:

„איך פיל מיך נישט שולדיג, רבי מארטעירא. דאך דעם גאט, וועלכען עס זוכט מיין נשמה, זוכט הייסט ווי צאקוטא פאר זיין גאט קעמפט· האט זיך נאך אין מיין הארץ נישט ענטפלעקט“·

(המשך פאלגט)

---

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה׳ ד. נאמבערג׳ס. „א ליטעראַרישער דור“·
2) פ. בימקא׳ס. „אויפ׳ן וואקזאל“·
3) י. שימינזאהנ׳ס· „די בלום פון פאפראטש“·
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“·
5) אנ·אראביש ווערטער־ביכעל
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענעדא“.

די דערמאנטע ביכער וועלען מיר געבען אונזערע אבאנענטען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער אומזיסט. האלב־יערליכע 3 ביכער· פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט״ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

---

אגודת הציונים בדנמרק.

פעראנשטאלטעט מיטוואך דעם 1־טען דעצעמבער

א גרויסען קאנצערט

אין Teknologisk Institut

מיט׳ן אנטייל פונ׳ם באקאנטען וויאלין־ווירטואז

טאסי שפיוואקאווסקי

איינצעלהייטען שפעטער.

---

איבעראשענדע נייעס פון „הזמיר“

שבת דעם 11 דעצעמבער האלב 8 אוהר שטאטפינדעט אונזער יעהרליכער קאנצערט אין

Arbejderforeningen Nørrevoldgade 90.

אלס סאליסטען: די פערגעטערטע קינסטלער

טאסי און אלבערט שפיוואקאווסקי

כאר־סאלא: ה׳ קאנטאר ה. קונשטאט.

באל ביז 12 אזייגער ביי נאכט.

בילעטען צו 4· 3· 2,50 ·2 1·50 זענען שוין צו באקומען ביי אלע מיטגלידער פון „הזמיר“ און דורך טעלעפאן ביי קראטאשינסקי Vester 5459 y.

באזארגט אייך באצייטענס מיט בילעטען.

קינדער אונטער 7 יאהר ווערען אבסאלוט נישט אריינגעלאזען·

(אלע בילעטען זענען אויספערקויפט)

אלע קלאנגען אז שפיוואקאווסקי׳ס וועלען נישט שפילען זענען פאלש די פארוואלטונג·

## וואס קומט דאס פאר' אינ׳ם קאפענהאגענער אידישען הילפס־קאמיטעט?

(צווייטער ארטיקעל)

צוליב מאנגעל אין פלאץ זענען מיר ליידער נישט בכח צו געבען אנ׳אויספירליכען רעפעראט איבער די צוויי זיצונגען פון דער גענעראל־פארזאמלונג, וועלכע נויטיגט זיך דוקא אין א שארפער קריטיק... מיר וועלען אבער אין אונזערע ארטיקלען פארבייגעהענד אויך באריהרען א טייל פון די רעדעס, פארשלאגען און וכוחים.

מען דארף בלויז א קוק טון אויף דער ארבייט פונ׳ם קאפענהאגענער הילפס־קאמיטעט מיט 3—2 יאר צוריק, דאן, ווען ס׳איז באמת געטון געווארען לטובות דער אלגעמיינער הילפס־אקציע, און מען קומט גלייך צו דער איבערצייגונג, אז די דאזיגע אינסטיטוציע איז אין די לעצטע אנדערהאלבען יאר אריבערגעגאנגען אין אזעלכע הענד, וועלכע האבען דאס הילפס־קאמיטעט פארוואנדעלט אין א מין פארטייאישען פאריין, וועלכע האט א טענדענץ דורכצופירען אין דער שטיל א לאקאלע פאליטיק.

עס איז פשוט צום שטוינען ווען מען זעהט, ווי מענשען וועלכע האבען זיך פריהער נאר באשעפטיגט מיט אטאקעס, מונדליך און שריפטליך, געגען דעם הילפס־קאמיטעט אלס אזעלכען בכלל און געגען די ענצעלנע פערזאנען, וועלכע האבען דארט פריהער אוועקגעגעבען זייער גאנצער אנערגיע, בפרט — אט די דאזיגע מענשען האבען זיך דארט איינפאך אריינגעדרינגען און פארוואנדעלט די דאזיגע אינסטיטוציע דערין, וואס זי איז איצט.

ס׳איז פאר קיינעם קיין סוד נישט די שטעלונג פון דעם איצטיגען סעקרעטער אינ׳ם הילפס־קאמיטעט, דר. מ. ברענדער צו דער זעלבער אינסטיטוציע אין אלע די יארען ווען ער האט צו דעם קאמיטעט קיין צוטריט נישט געהאט. יעדער איינער געדענקט נאך גוט די קאמפאניע וואס דר. ברענדער האט געפירט דורך זיין „וואכענבלאט" ווי אויך פון־מאן־צו־מאן געגען דעם הילפס־קאמיטעט בלויז דערפאר וואס אין דער דאמאלדיגער פארוואלטונג האבען זיך געפינען מענשען מיט וועלכע דר׳ ברענדער האט געהאט פערזענליכע און פאליטישע חשבונות. יעדער קען זיך נאך דערמאנען די שארפע רעדעס און ארטיקלען וואס דר. ברענדער האט געווידמעט דער דאמאלדיגער פארוואלטונג בלויז דערפאר וואס (לויט דר. ברענדער׳ס מיינונג) האט די דאמאלדיגע פארוואלטונג זיך באשעפטיגט מיט פאליטיק און נישט גענוג אויפגעטון לטובות דער הילפס־אקציע.

וואס זעהן מיר אבער איצט? איצט, נאך דעם ווי דר. ברענדער איז אריין אלס פריוויליגער סעקרעטער אינ׳ם הילפס־קאמיטעט און איז דארט געווארען דער פאקטישער בעל־הבית?

דאס ערשטע וואס דר׳ ברענדער האט אויפגעטון איז׳ אז ער׳ וועלכער איז אריין אין דער דאזיגער אינסטיטוציע „צוליב דער הייליגער ארבייט", האט זיך איצט פארזארגט מיט א חודש׳ליכען געהאלט פון 600 אדער 700 קראנען. (אויף אזא „הייליגער ארבייט" וואלטען זיך זיכער געפונען א סך ליבהאבער...)

ווען מיר זענען געווואר געווארען אז דער „פריוויליגער" סעקרעטער לאזט זיך באצאלען פאר זיין ארבייט מיט אזא סומע, האבען מיר זיך געווענדעט צו א מיטגליד פון דער פארוואלטונג און אים די זאך פארגעלעגט מיט דער בקשה אונז צו געבען אנ׳ערקלערונג.

אין אנהויב האט דער דאזיגער פארוואלטונגס־מיטגליד גענומען אפלייקענען דעם קלאנג. שפעטער אבער, ווען מיר האבען אים ערקלערט, אז מיר האבען באווייזען דערויף, האט ער לאנגזאם ערקלערט: — יא, דר. ברענדער באקומט פאר זיין ארבייט, פאר זיין שרייבען, פאר זיינע אגיטאציאנס־בראזשורען, וואס ער פארשפרייט א׳ ד. גל. און דערצו נאך באקומט ער דאס געלד פון אויסלאנד׳

דר׳ ברענדער דערוויסענדיג זיך דאס אין שטאט ווייסט מען, אז ער נעהמט געהאלט, האט ביי דער צווייטער גענעראל־פארזאמלונג אויסגענוצט די געלעגענהייט און נאך איידער די פראגע איז ארויפגעבראכט געווארען אויפ׳ן סדר היום׳ האט ער זיך צוגעאיילט און אפגעגעבען א „פערזענליכע ערקלערונג"׳

— אין שטאט האבען זיך פארשפרייט קלאנגען אז די אנגעשטעלטע אינ׳ם הילפס־קאמיטעט נעהמען געהאלט. יא, די אנגעשטעלטע (נישט א י ך, נאר „די אנגעשטעלטע" ..) באקומען האנאראר פון דעם אמעריקאנער „דזשוינט דיסטריביושאן קאמיטעט", וועלכער האט באשטימט 2000 קראנען א חודש אויף אויסגאבען פאר די בעאמטע. דא האט דר. ברענדער נאך צוגעגעבען מיט מין ציניש־טריאומפירענדער מינע: — נישט נאר די איצטיגע בעאמטע נעהמען געהאלט נאר מיר זוכען נאך א מענשען „צו דער ארבייט"׳ וועלכען מ י ר ווילען באצאלען נאך 500 קר. א חודש און ווייסט איר אפשר פון אזא מענשען׳ דאן שיקט אים צו אונז א. א. וו, א. א. וו.

(המשך פאלגט)

## ש׳ גארעליק.

### א שפינאזא־ראמאן.

(ספעציעל פאר „די אידישע וועלט")

(ה מ ש ך)

„וואס זאל איך טון, רבי?" פרעגט ברוך רבי מארטעירא׳ מארטעירא טראכט לאנג. ברוכ׳ס פארשטאנד האט אים שטענדיג אויסגעזעהן פארפיהרעריש און געפעהרליך׳ אבער לאזען געהן דעם דורשטיגען טאר מען נישט, ער וועט אי׳ם דאן אויף אייביג פארלירען. ברוכ׳ן מוז מען געווינען".

שפינאזא פארלאזט מארטעירא׳ס הויז מיט דעם רמב"ם׳ס „מורה נבוכים"׳ האט עס געהאלפען? ניין׳ זיין דורשט איז נאך שטארקער געווארען, דער צווייפעל טיפער, דאס זוכען ענערגישער. דאס איינעהמען און איינהערען זיך אין סודות דער קבלה האט דעם שטילען פייער׳ל צובלאזען אין א געוואלדיגען אינערליכען פלאקער׳ משה צאקיטא, זיין אמאליגער חבר און פאנאטיקער ווערט זיין ביטערסטער שונה. דאס געטהא ווייסט, אז שפינאזא פירט באקאנט־

לונגען פון אידישען און רוסישען לעבען. אויסערדעם האט ער זיך איבערגעגעבען מיט זיין גאנצער נשמה צו זאמלען אידישע אלטערמיטליכקייט און אנטיקען, און געלעגט דעם יסוד צום בנין פון א גרויסען נאציאנאלען מוזעאום, וואס איז געווען זיין אידעאל.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אריינגעטראטען אין דעם אלרוסישען „זעמסקי סאיוז", וואס איז געגרינדעט געווארען צו שטיצען די מלחמה־קרבנות. צו דעם צוועק איז ש. אנ־סקי ארומגעפארען אין אלע מלחמה־געגענדען, אין רוסלאנד, פוילען און גאליציען — איבעראל איז געווען איינע פון זיינע לעבענס אויפגאבען צו ראטעווען דאס לעבען פון זיינע ברידער וואס האבען אממייסטען געליטען דורך דער גרויסער קאטאסטראפע. פיל מענשען האט ער אפגעראטעוועט ממש פון דער תליה, פיל קהלות האט ער געראטעוועט פון גירוש און הונגער־טויט. דערביי האט ער אבער נישט פארגעסען זיין אידעאל: דעם אידישען נאציאנאלען מוזעום און נישט אויפגעהערט צו זאמלען אויף זיינע רייזעס טייערע אנטיקען, וואס זענען איצט נאך נישט אבצושאצען.

אנהויב 1919, ווען ווילנא איז פארנומען געווארען דורך די פאליאקען, איז ש. אנ־סקי געקומען קיין ווארשא און זיך באזעצט אין דאטשע ארט אטוואצק.

זיין געזונד־צושטאנד איז די לעצטע יארען געווארען וואס ווייטער אלץ ערגער: עס האט זיך ביי אים ענטוויקעלט א הארץ־פעהלער, צוזאמען מיט א נירען־קראנקהייט. פאריגען פריהלינג איז ער געפעהרליך קראנק געווארען אויף א לונגען ענטצינדונג, און הגם די גרויסע השגחה און רעטונג פון זיינע פארעהרער־דאקטוירים האבען אים ארויסגעראטעוועט פון דער געפאהר, אבער זינט דעמאלס האט ער שוין אויסגעזעהן ווי א שאטען. דער גרויסער גייסט האט געלעבט און געווירקט אין דעם שוואכסטען קערפער — אפגעזונדערט, אפגעריסען פון גאסען־טומעל און פארנומען בלויז מיט זיין ליטערארישער ארבייט, מיט די זכרונות פון זיין רייכען, פארגאנגענעם לעבען און מיט׳ן זאמלען די צוואורפענע און צושפרייטע פעריל פון אידישען פאלקס־שאפען.

אין זיין צוואה, וואס איז, איבריגענס, אבגעשריבען געווארען שוין מיט יארען צוריק און רעדאגירט געווארען ענטגילטיג בעת זיין לעצטער קראנקהייט, האט אנ־סקי געבעטען אים נישט צו מאכען קיין חסבדים — עס זאל בלויז איינער פון די חברים איבערליינען אויפ׳ן קבר זיין ביאגראפיע און א צווייטער זאל זאגען קדיש. פון זיין ירושה (ווערק, רעכט אויף ווערק, זאמלונגען א. א. וו.) זאל איין טייל איבערגעגעבען ווערען זיין שוועסטער אדער אירע יורשים און דער צווייטער (אדער די הכנסה פון אים) זאל צוטיילט ווערען צווישען די מוזעאומס אין פעטערבורג, ווילנא און ירושלים. די געזאמעלטע אויסגאבען פון זיינע ווערק זאל רעדאגירט ווערען: די העברעאישע דורך ח. נ. ביאליק און די אידישע דורך ש. ניגער.

אין די לעצטע טעג האט נאך דער פארשטארבענער גע׳חלומ׳ט וועגען א רייזע קיין ארץ־ישראל, וועגען גרויסע ליטערארישע זאמלונגען, וועגען נייע גרעסערע ארבייטען א. א. וו. דער טויט האט אבער די אלע חלומות צושטערט און אוועקגעריסען פון אונז אינמיטען דער ארבייט א גרויס שעפעריש לעבען.

## ש. אנ—סקי׳ס לויה.

אונזער ווארשאווער קארעספאנדענט שרייבט אונז:

דער רושם וואס עס האט געמאכט דער טויט פון ש. אנ־סקי לאזט כמעט נישט באשרייבען. וואו מען געהט און וואו מען שטעהט רעדט מען כסדר וועגען דעם פארשטארבענעם.

דעם טאג פון דער לויה, מיטוואך דעם 10 נאוועמבער האט באלד אין דערפריה גענומען אנקומען א גרויסער עולם אינ׳ם הויף פון זשאביע נומער 3, וואו דער נפטר האט זיך געפונען. שפעטער צו האבען אויך אנגעהויבען אנקומען די פארשידענע דעלעגאציעס פון צענדליגער אידישע פאראיינען און אינסטיטוציעס.

ארום 2 א זייגער האט זיך די טרויער־פראצעסיע לאנגזאם אנגעהויבען ציהען איבער די ווארשאווער גאסען אויפ׳ן וועג צום בית־עלמין. אויף גאנצען וועג איז געשטאנען אנ׳עהרען־וואך, וועלכע האט געהאלטען די ארדענונג.

אויפ׳ן בית עלמין האבען די פריינד פונ׳ם נפטר ארויסגענומען דעם ארון פון דער עגלה און אוועקגעטראגען פאר דער מהרה־שטוב און דאן האט דער חזן סיראטא מיט דעם כאר געזונגען די געהעריגע קאפיטלען תהולים.

ביים קבר האט דער שריפטשטעלער קאציזנע מיט שטיקענדע טרעהרען געזאגט: חברים און פריינד: דער נפטר האט אין זיין צואה געבעטען, אז נאך זיין טויט זאל מען אים ביים קבר נישט האלטען קיין שום רעדעס נאר איינער פון זיינע נאהענטע פריינד זאל איבערגעבען בלויז די ביאגראפיע פונ׳ם נפטר. אויף מיר איז געפאלען דער כבוד איבערצוגעבען בקיצור די ביאגראפיע פון דעם גרויסען שריפטשטעלער, מענש דענקער און רעוואלוציאנער.

ה׳ קאציזנע הויבט דאן אן איבערצוליינען די ביאגראפיע פון ש. אנ־סקי; וואס ווערט אויסגעהערט ביי א טויטער שטילקייט.

דער ארטיסט פון דער ווילנער טרופע ה׳ מארעווסקי זאגט מיט א וויינענדע און שטיקענדע שטים קדיש ביים אפענעם קבר פונ׳ם נפטר. דער קאנטער סיראטא מאכט אנ׳אל־מלא רחמים און זינגט נאך די געהעריגע קאפיטלען תהילים.

ארום 4 אזייגער נאכמיטאג האט דער עולם זיך אנגעהויבען פאנאנדערצוגעהן.

## נאטיצען וועגען ש. אנ־סקי׳ס טויט.

פאריגען פרייטאג נאכמיטאג, איין שעה שפעטער ווי מיר זענען פארטיג געווארען מיט דרוקען אונזער צייטונג האבען מיר פון אונזער ווארשאווער קארעספאנדענט ערהאלטען די טרויריגע ידיעה וועגען אנ־סקי׳ס טויט.

„די אידישע וועלט" האט גלייך ארויסגעשיקט אנ׳עקסטרע ביילאגע צו די קאפענהאגענער אבאנענטען דורך וועלכע עס איז מיטגעטיילט געווארען די טרויריגע בשורה. גלייכצייטיג האט „די אידישע וועלט" ארויסגעשיקט א ידיעה צו דער דענישער פרעסע וועלכע האט אויך צומארגענס אויך מיטגעטיילט אין דעניש וועגען ש. אנ־סקי׳ס טויט.

## ש. אנ־סקי.

און ווידער האט זיך א טרויער־שלייער אריבערגעצויגען אי־בער'ן קאפ פונ'ם אידישען פאלק!

ווידער איז איינער פון אונזערע שטאלצע זוהן ארויסגעריסען געווארען פון אונזערע רייהען, און פערשאפט אונז א ביטערען וועהטאג!

אזוי ווייניג האבען מיר זיי די פון דער נאטור געבענשטע שטאלצע אידען און דאך פארלירען מיר זיי אין אזא גרויסער צאל.

עפעס אנ'אונערקלערבארער אונגליק האט געטראפען דאס אידישע פאלק אין די לעצטע פינף יאר. אין א מאמענט פון פאר־צווייפלונג ווילט זיך אריינדרונגען אין דעם אונדערקלערבארען גע־היימניש און דערגעהן די אמת'ע סבה פון דעם גרויסען אונגליק אונזערען — וואס איז עס פאר א געהיימע אייזערנע האנד, וואס רייסט זיך אזוי אפט אריין אין אונזערע רייהען און רויבט פון אונז אוועק די טייערסטע און ליבסטע מיטגלידער פון אונזער משפחה?

דאס איז אבער די געהיימעניש פונ'ם טויט, וואס לאזט זיך בשום אופן נישט ערקלערען...

אזא טראגעדיע ווי מיר אידען לעבען איבער פאר די לעצטע 5 יאר, האט נאך קיין פאלקס־געשיכטע פארצייכענט. נישט גרויס איז אונזער אונגליק שוין געווען דערמיט, וואס אונזער פאלק לעבט איבער איינע פון די בלוטיגסטע צייטען אין דער וועלט־געשיכטע. איבעראל, אויף דער גאנצער וועלט ווערען טעגליך אויף דעם אכזריות'דיגסטען אופן אומגעבראכט טויזענדער פון אונזערע ברי־דער. א פנים אבער, אז דער כוס פון אונזערע ליידען איז נאך נישט גענוג פול און דערפאר רייסט דער טויט אזוי אפט ארויס אונזערע בעסטע און שעהנסטע זוהן און א פרישער טראפען טריפט אריין אין דעם כוס פון אידישען פיין און א נייע וואונד ווערט געשאפען אין דעם הארץ פון דעם ליידענדען אידישען פאלק.

פינף יאר צייט! — 1915-1920 — דאס איז דער סימבאל פון דער אידישער טראגעדיע. דאס איז דאס בלוטיגסטע און טרויריגסטע בלאט אין דער אידישער געשיכטע. דאס דאזיגע טרויריגע בלאט האט אנגעהויבען שרייבען י. ל. פרץ אין 1915, ווען ער, אונזער גרויסער גייסט, האט אויסגעהויכט זיין אטעם שרייבענדיג מעשה'לעך פאר ארימע אידישע יתומים'לעך. עס האבען דאן נאכגעפאלגט מענדעלע מוכר ספרים, ש. פרוג, שלום עליכם און איצט — דער גרויסער אידישער פרייהייטס־קעמפער, דער קענער פון דער אידי־שער פאלקס־נשמה — ש. אנ־סקי!

5 יאר צייט און מיר האבען אנגעווארען די גרעסטע כחות און וויכטיגסטע בויער פון דער אידישער ליטעראטור און קולטור־געשיכטע.

מיט א שווערען וועהטאג און טיפער וואונד אין הארצען שרייבען מיר איצט איין אין אונזער שווארצען בוך דעם פרישען פארלוסט פונ'ם אידישען פאלק — ש. אנ־סקי!

י. שאיאק.

## ביאגראפישע נאטיצען.

ש. אנ־סקי (שלמה זלמן ב"ר אהרן הכהן ראפאפארט) איז געבוירען געווארען אין יאר 1863 אין וויטעבסק, ביי ארטאדאקסישע עלטערן. זיין יוגענד האט ער פארבראכט, ווי אלע קינדער אין יענער צייט, אין חדר און בית־המדרש. ערשט צו 17 יאר האט ער אנגע־הויבען לערנען רוסיש און אלגעמיינע קענטנישען, און גלייכצייטיג געלערנט א מלאכה: שלאסעריי, דערנאך איינבינדעריי. אין יאר 1881 האט ער זיך באזעצט אין ליאזנע, וואו ער האט געגעבען לעקציעס; אבער מען האט אים געכאפט לעזענדיג ליליענבלומ'ס „חטאת נעו־רים" און אונטער דער מורא אריינגעלעגט צו ווערען אין חרם פאר אפיקורסות, האט ער געמוזט פארלאזען ליאזנע און איז אוועק קיין דווינסק, וואו ער האט זיך באשעפטיגט מיט איינבינדעריי. אין יע־נער צייט האט ער אנגעשריבען זיין ערשט ווערק אין אידיש אונ־טער'ן נאמען „די געשיכטע פון א פאמיליע". וועלכער איז דערנאך ארויס אין א רוסישער איבערזעצונג אונטער'ן נאמען ש. אנ־סקי.

אין די 80'ער יארען האט זיך אנ־סקי אפגעגעבען שטארק מיט דער באוועגונג פון די „נאראדאוואלצעס" און איז געגאנגען אין די דערפער, צו לערנען און בילדען די פויערשע קינדער, אבער אלס איד האט מען אים אין די דערפער נישט געלאזט וואוינען, און פאר אים האט זיך אנגעהויבען א נע־ונד לעבען אין די קוילען־גריבער און זאלץ־שאכטען פון יעקאטערינאסלאווער גובערניע. דא האט ער זיך מתקרב געווען צו די ארבייטער און איינגעארדענט פאר זיי פאר־לעזונגען. ער האט זיך נ:הנטער באקאנט מיט'ן פראסטען המון און זיינע באטראכטונגען האט ער דערנאך אבגעדרוקט אין א רייה אר־טיקלען. אונטער'ן שטארקען איינפלוס פון אוספענסקי'ן, האט אנ־סקי אנגעשריבען א רייה בילדער פון רוסישען פאלקס־לעבען.

אין אנהויב פון די 90־ער יארען איז אנ־סקי אוועקגעפארען קיין פאריז, צו באקענען זיך מיט'ן לעבען פון די דארטיגע ארביי־טער. די ערשטע צוויי יאר האט ער געארבייט אין א פאבריק און ביי איינבינדעריי. אין יאר 1894 האט אים דער באוואוסטער רעוואָ־לוציאנער פיאטר לאווראוו איינגעלאדען צו זיך אלס סעקרעטאר און די דאזיגע שטעלע האט ער פארנומען ביז לאווראוו'ס טויט. די דא־זיגע נאהנטקייט צו לאווראוו'ן האט אים אונמעגליך געמאכט צוריק־קערען קיין רוסלאנד, וואו ער וואלט אריינגעפאלען אין די הענד פון דער „אכראנע".

אין פאריז האט אנ־סקי זיך באקאנט מיט פיל אידישע עמי־גראנטען פון רוסלאנד און אונטער זייער איינפלוס האט ער זיך אומגעקערט צום אידישען לעבען און אנגעהויבען שרייבען אידיש אויף טעמא'ס פון אידישען לעבען. דארט האט ער געשריבען זיין „מענדיל טערק", דערנאך איינע פון זיינע בעסטע ערצעלונגען „אין א אידישער פאמיליע" און נאך אנדערע ערצעלונגען. ער האט אויך פערפאסט „די שבועה" פאר די אידישע ארבייטער, א שטיק אין איין אקט „פאטער און זוהן" און זיין באוואוסטע פאעמע „אשמדאי".

נאכ'ן מאניפעסט פון 17־טען אקטאבער 1905 איז ש. אנ־סקי צוריקגעקומען קיין רוסלאנד און ענטוויקעלט א לעבהאפטע ליטע־ראַרישע טעטיגקייט, דרוקענדיג פיל ארטיקלען, בילדער און ערצע־

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 6. | Fredag, 19 November 1920. | פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.


# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.


Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.



| Abonnement paa „Di Yidische Welt" | אבאנעמענטס־פרייז פאר „די אידישע וועלט״: |
| --- | --- |
| 12 Kr. pr. Aar. | יעהרליך — 12 קראנען |
| 6 Kr. pr. Halvaar. | האלב־יעהרליך — 6 קראנען |
| 3 Kr. pr. Kvartal. | פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען |

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג

Dybbølsgade 11[4]

אדער דורכ׳ן טעלעפאן: Vester 7332

Postgiro 432 Kjøbenhavn B

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Efterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Øre, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre, alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «Di Yidische Welt» Dybbølsgade Nr. 11[4] — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.




ש. אנ—סקי.

שלמה זלמן ראפאפא־ט — געבוירען 1863 — געשטארבען 1920.

OLAF LASSEN & Co.

אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע —
האמבארג — דאנציג — סטעטין — וואר־
שא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נאר־
וועגיען, דאציג, פוילען,
רוסלאנד, דייטשלאנד,
פראנקרייך, ענגלאנד און
אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

## סיגארען.

אויב איהר ווילט רייכערען א לייכ־טען און גוטען סיגאר, דאן זאלט איהר פראבירען מיינע גוטע שדאנדאד־סיגארען „בראזיל 2“, וועלכען איך פערקויף נאך אלץ צו דעם ביליגען פרייז פון 17,50 דענישע קראנען פאר 100 שטיק. (10־1 מיללע).

די עקספעדיציעס פון באשטעלונ־גען קומען פאר לויט דער רייהע ווי די באשטעלונגען קומען אן — געוועהנליך געדויערט עס בלויז עטליכע טעג.

אין פארהעלטעניש צו מיין נישט גרויסען אוואנס מוז דאס געלד גלייך איינגעצאהלט ווערען צוזאמען מיט דער באשטעלונג. סיגארען ווערען געשיקט פארטא־פריי איבעראל אין דענמארק, ווען די באשטעלונג איז אויף מינדעסטענס 500 שטיק.

Brasil- Agenturet
Dybbølsgade No. 11⁴.
Kjøbenhavn B.

מיר מאכען אויפמערקזאם די לע־זער פון דער צייטונג אויף דער אל־געמיינע דענישע וואַ־רע און אינדוסטרי־לאָ־טעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

דיגעווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן“ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די צווייטע ציהונג קומט פאר דעם 17־טען און 18־טען נאוועמבער. א לאטע־ריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קרא־נען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטארי־זירטע קאלעקציאן האט נאך עטליכע צוריק צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

## מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־אר־בייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרע־ציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סדילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגע־בען רעד. י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־דער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאס־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

פון רייה אן ערשיינט אין בערלין א יודיש וואכענבלאט

## „דער מזרח־יוד“

צענטראל־ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד.

„דער מזרח־יוד“ בעהאנדעלד אלע וויכטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע די מזרח־יודען אין דייטשלאנד בפרט, און דעם מצב פון די יודען אין די מזרח־לענדער בכלל.

„דער מזרח־יוד“ ברענגט די נייסטע אלגעמיינע און יודישע אינפאר־מאציעס פון דער גאנצער וועלט.

”דער מזרח־יוד“ האט אייגענע קארעספאנדענטען אין די גרעסדע יודישע צענטרען, און דרוקט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער.

„דער מזרח־יוד„ פערטיידיגד ענערגיש די אינטערעסען פון די היגע מזרח־יודען.

„דער מזרח־יוד“ איז זעהר נוצליך צו שיכען גרוסען און שאפען פערבינדונגען צו קרובים און פריינד אין ענגלאנד, אמעריקא א. ז. וו.

„דער מזרח־יוד“ איז די איינציגע אין דייטשלאנד ערשיינענדע צייטונג אין יודישער שפראך, און איז זעהר נוצליך פאר כל המיני אנאנסען און בעקאנטמאכונגען.

אבאנעמענטסבעטראג: א פערטעל יאהר 12 מארק.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

DER OSTJUDE, Berlin C 45, Rosenthalerstr. 48

„HAMEWASSER“ Zeitungs- und Büchervertrieb

## אבאנירט „די אידישע וועלט“.

## גוטע מיטאגען.

באקומט איר טעגליך צווישען 7־2 ביי

פרוי דווארקין, גאמעל־מינט 41, 2 זאל.

## פייער־פארזיכערונג

און אלע אנדערע פארזיכערונגען קען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענ־דען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנ־דער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קא־פענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

## ד ע ר  צ ו ו י י ט ע ר  ס ע פ ט ע מ ב ע ר.

דער טאג פון צווייטען סעפטעמער וועט תמיד זיין פאר דעם אידישען פאלק איינער פון די גרויסע יום טובים וואס וועלען קיינמאל נישט פארגעסען ווערען. דאס איז דער טאג ווען די ענג־לישע רעגירונג האט דורך דער באלפור־דעקלאראציע פארווירק־ליכט די גרויסע אידישע האפענונג אז ארץ ישראל זאל געהערען דעם אידישען פאלק. דריי יאר זענען אריבער זינט די באלפור־דעקלאראציע איז פארעפענטליכט געווארען און שוין זעהן מיר וואס פאר א גרויסע ערפאלגען דער ציוניזם האט דערגרייכט בנוגע ארץ ישראל.

אין דער גאנצער וועלט, וואו עס איז נור פארהאן א אידי־שער ישוב, איז דעם דאזיגען טאג פארגעקומען א גרויסע אידישע שמחה. א וואונדער בלויז וואס די קאפענהאגענער אידען האבען זיך דאס מאל נישט באטייליגט אין דעם יום טוב.

## 135 טויזענד דאלאר פאר צדקה־צוועקען.

ניו יארק — אין זיין צוואה, וואס דער באקאנטער אידישער מיליאנער און פילאנטראפ יעקב שיף האט איבערגעלאזען, איז אויך פארהאן א גרויסע סומע געלד פאר אידישע אינסטיטוציעס בסך הכל האט שיף אפגעשריבען פון זיין פארמעגען 135 טויזענד. דאלאר פאר צדקה־צוועקען צו אידישע אינסטיטוציעס.

## פעטלורא׳ס משונה׳דיגע ידיעות.

א טייל פוילישע צייטונגען ברענגען די ידיעה, אז אין פראס־קוראוו האט זיך געגרינדעט א אידישער באטאליאן, וואס הייסט דער „בלויער באטאליאן" (און וועט האבען א בלויע אידישע פאהן) כדי צו קעמפען אונטער דער קאמאנדא פון פעטלורא׳ס גענעראל־שטאב.

די דאזיגע סענסאציאנעלע ידיעה איז זיכער איינע פון די משונה׳דיגע אויסגעטראכטע מעשיות.



## ל י ט ע ר א ר י ש ע  נ י י ע ס.

— אין דער „פראוודא" לעזען מיר, אז אין מאסקווא איז גע־גרינדעט געווארען א קלוב אויף בארוכאוו׳ס נאמען, וואו עס גע־פינט זיך אויך אנ׳אפטיילונג פאר אווענט־קורסען פון דערוואקסענע וואו עס ווערט געלערענט די אידישע שפראך, ליטעראטור, נאטור־וויסענשאפט און אנדערע קולטורעלע וויסענשאפטען.

— פון מאסקווא קומט אן די ידיעה, אז דער באקאנטער אי־דישער שריפטשטעלער אברהם וועוויארקא, וועלכער האט פאר די לעצטע יארען געלעבט אין לאנדאן, געפינט זיך איצט אין מאסקווא, וואו ער ארבייט איבער פארשידענע ליטערארישע ווערק.

## פ ו ן  ד ע ר  ר ע ד א ק צ י ע.

— מיר מאכען אויפמעקזאם אונזערע לעזער אויף דער רייהע ארטיקלען, וואס מיר הויבען אן דרוקען וועגען דעם וואס עס קומט פאר אין דעם קאפענהאגענער אידישען הילפס־קאמיטעט. מיר האלטען אבער פאר נויטיג צו ערקלערען, אז די ארטיקלען זאלען נישט באטראכט ווערען אלס אנ׳אזויגערופענע אטאקע געגען דעם הילפס־קאמיטעט אדער געגען דער הילפס-ארבייט. פארקערט — מיר האבען מיט אלע כחות געזוכט דאס אויסצומיידען, אבער די פארהעלטעניסע אינ׳ם הילפס־קאמיטעט און די האנדלונגען פון איי־ניגע מענשען אינ׳ם הילפס־קאמיטעט צווינגען אונז צו קומען פאר דער עפענטליכקייט מיט דעם אמת׳ען אויסזעהן פון דער לאגע אין דער דאזיגער וויכטיגע אידישער אינסטיטוציע.

— צוליב מאנגעל אין פלאץ זענען מיר ליידער געצוואונגען געווען דעם המשך פון ש. גארעליק׳ס ארטיקעל „א שפינאזא־ראמאן" איבערצולאזען ביז נעכסטער וואך.

— אין נעכסטען נומער פון „די אידישע וועלט" וועלען מיר ברענגען אנ׳ארטיקעל פון דעם באקאנטען דענישען מוזיק־קריטיקער אקסעל קערולף איבער דעם געניאלען אידישען וואונדער־קינד טאסי שפיוואקאווסקי.

א ג ו ד ת  ה צ י ו נ י ם  ב ד נ מ ר ק.
פערראנשטאלטעט מיטוואך דעם 1־טען דעצעמבער
א  ג ר ו י ס ע ן  ק א נ צ ע ר ט
א י ן Teknologisk Institut
מיט׳ן אנטייל פונ׳ם באקאנטען וויאלין־ווירטואז
ט א ס י  ש פ י ו ו א ק א ו ו ס ק י
איינצעלהייטען שפעטער.

א י ב ע ר א ש ע נ ד ע  נ י י ע ס  פ ו ן  „ ה ז מ י ר "
שבת דעם 11 דעצעמבער האלב 8 אוהר שטאטפינדעט אונ־זער יעהרליכער קאנצערט אין
Arbejderforeningen Nørrevoldgade 90.
אלס סאליסטען: די פערגעטערטע קינסטלער
טאסי און אלבערט שפיוואקאווסקי
כ א ר ־ ס א ל א : ה׳ קאנטאר ה. ק ו נ ש ט א ט.
באל ביז 12 אזייגער ביי נאכט.
בילעטען צו 4, 3, 2,50, 2, 1·50 זענען שוין צו באקומען ביי אלע מיטגלידער פון „הזמיר" און דורך טעלעפאן ביי קראטאשינסקי Vester 5459 y.
באזארגט אייך באצייטענס מיט בילעטען.
קינדער אונטער 7 יאהר ווערען אבסאלוט נישט אריינגעלאזען.
די פארוואלטונג.

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

2.

### קאליש.

אויף דרייערליי טיילען צוטיילט די „פראסנע“, אט די אמאליגע בליהענדע פון דיכטער און דיכטונג שטאט. קאליש באלאנגט צו יענע שטעט אין פוילען, וואס כאטש עס שמעקט נאך פון איר מיט טיול און זיידענווארג פון רוסישען פאבריקאט און כאטש דארט קאן מען נאך דערקענען די אלטע אפגעריבענע בוכשטאבען „קאליש פאבריטשני גאראד“, דאך ליגט דארט דער צארטער אטעם פוילענס. נאטירליך, קאן מען אונטער די היינטיגע חורבות נישט דערקענען דאס כאראקטעריסטישע. די היינטיגע געזעלשאפט איז נישט די אמאליגע, פון קאלישער אטעם איינגעפונדעוועטע. די היינטיגע אויסגעמאטערטע פאמיליעס זענען נישט יענע צארטע, אריסטאקראטיזירטע, אבער גראד ווען דאס פייער איז געלאשען, כאפט זיך אמאל ארויס א איינציגער פלאם, וואס ווארפט א שיין פון אמאליגען גוטען.

קאליש, זאגט מען, איז א שטאט פון מוזיק געוועזען און איז עס אויך היינט. אין יעדער שטוב שטעהט נאך היינט א פיאנינא, גאר אין קאליש פארנאכט, הערסטו פון אונטער די קלאווישען שפילען שאפענס טרויער־מארש. עס דוכט זיך אויס, ווי אין טונקעלע שטובען זיצען די שלאנקע פוילענס טעכטער און פליסטערען מיט די ליפען עפעס א מאדנע טרויעריג ליד.

עס איז פארהאן אין אונזער פארשטעלונגס־קראפט עפעס אזעלכעס, וואס מאכט עהנליך אמאל שטעט צו מענשען. ווען איר באטראכט אמאל די פיזיאנאמיע פון ווארשא, מאהלט זי זיך אין אייער געדאנק אין עפעס א געשטאלט פון א שלאנקער קאקעטין, וואס שפאצירט צווישען בלומען. פלאצק דערצעלט פון א יונג שלאנק פרויען געשטאלט צווישען קארן־פעלד. לאדז דערמאנט אן א אפריקאנער מעדעל ביים אויוען. קאליש דערצעלט עפעס פון א טרויער־געשטאלט אין שווארצען, וואס זינגט זיך אויס שאפענס טרויער־מארש, כ׳ווייס נישט ווי אמאל, דאס היינטיגע קאליש האט עפעס אין זיך פארבענקטעס צום לעבען פון אמאל. דערפון דערצעלען אי די שענע בוימער און בליהונגען ביי דער „פראסנע“, אי די פארצייטיגע שלעסער און געביידעס, וואס זענען היינט פארוואנדעלט אין ארעמע הייזער. איבעריגעס דערצעלט זיך טאקי אזא עהנליכער פאקט.

מען דערצעלט, אז נאך מיט יארען צוריק האט געלעבט א רייכער מאן, א זער מוזיקאלישער, פון דער היכער געזעלשאפט. ווען ער איז געשטארבען, האט ער איבערגעלאזט א צואה, אז נאך זיין טויט זאל מען שפילען עפעס א באקאנט פויליש לידעל און מען שפילט ביז׳ן היינטיגען טאג, אלע פארנאכט הערט מען אט דאס דאזיגע עכא, וואס רופט ארויס געשטאלטען פון היטמאנס, רייטער און קעניגע, פארליבטע אין אידישע מעדלעך.

אט דאס איז דער אלגעמיינער איינדרוק פון דער שטאט.

איך וויל אבער דא רעדען פון אונזער אידישען קאליש און איבער דעם לאזט זיך נישט זאגען קיין עפעס באזונדערעס. קודם כל אונזער אסימילאציע. ווען איך וועל דערמאנען די אסימילאציע פון פלאצקער און וולאצלאוועקער אומגעגענד, וועל איך דאס מער צושרייבען צו דער „בעל הבת׳ישקייט“, עס הייסט פשוט געהן נאך מיטאג „נא ספאצער“, פראוועו קארנאוואל און אויפשטעלען „א כויענקע“ אין „ווייהנאכט“. די אסימילאציע שטאמט מער פון בעל־הבת׳ישען צוזאמענלעבען פון קריסט מיט׳ן איד. די אסימילאציע אבער פון קאלישער איז שוין א פארברענטע. דארט איז מען געקניפט און געבונדען מיט׳ן ווארשאווער וואסערצוג׳ן און מען איז זיך מתיחס מיט נוסבוימ׳ן. די קאלישער אסימיליאטארקעס, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, זענען פארביסען ביז׳ן ביין, זיי זענען א צווייטער דור נאך די ווארשאווער. דאס איז דער טייל פון יענער „היכער געזעלשאפט“. וואס עס אנבעטרעפט אונזער אידישער געזעלשאפט, איז דארט נעבעך אנ׳ארימער מיש־מאש פון אנטלאפענע, צוריקגעקומענע און אזעלכע, וואס ווארטען שוין, אז דער לעצטער אקט פון דער מלחמה זאל זיך ענדיגען און זיי זאלען קאנען אהיים קומען. די איינציגע קולטור־געזעלשאפט איז דער טורן־פאראיין, וואס טראגט אויף זיך די גאנצע ארבייט פון איינארדענען פארלעזונגען, באשטימען אויספלוגען, פארוויילונגען א. א. וו. וואס עס אנבאטרעפט די יוגענד אליין פון דארט, לאזט זי א מאדנעם קאלטען איינדרוק. א קאלישער יונגערמאן איז קארעקט, איידעל און גאלאנט. ווען איר געהט אבער אוועק פון אים, ציטערט איר אפ פון זיין גאלאנטקייט. עס איז אינטערעסאנט, ווען איך טראכט אפט וועגען א קאלטען אפאטישען מענשליכען קערפער, דערמאן איך מיר אין קאלישער יוגענד. אבער . . . די שטאט שטעהט פאר א ניי לעבען און אפשר דערמיט וועט זיך ערוועקען א ווארימער אינטואיטיווער גייסט . . .

---

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה׳ ד. נאמבערג׳ס. „א ליטעראַרישער דור“.
2) פ. בימקא׳ס. „אויפ׳ן וואקזאל“.
3) י. שימינזאהנ׳ס׳ „די בלום פון פאפראטש“.
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“.
5) אנ׳אראביש ווערטער־ב כעל
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא וועגעדא“.

די דערמאנטע ביכער וועלען מיר געבען אונזערע אבאנענטען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער אומזיסט. האלב־יערליכע 3 ביכער, פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

## וואס קומט דאס פאר אינ׳ם קאפענהאגענער אידישען הילפס־קאמיטעט?

דאס קאפענהאגענער אידישע הילפס־קאמיטעט האט שוין אזא מזל, אז עס מוז כסדר קריטיקירט ווערען פון אלע זייטען. פריהער, ווען דאס הילפס־קאמיטעט איז באשטאנען פון א גרויסע צאל צוגערייזטע רייכע אידען, איז דער קריטיק געקומען מצד דער באזעסענער אידישער באפעלקערונג מיט אלע ארטיגע אידישע אינסטיטוציעס בראש· איצט אבער, ווען פון דעם הילפס־קאמיטעט זענען אוועק א גרויסע צאל פון די אזויגערופענע „רייכע” און א צווייטער טייל די אזויגערופענע „קאנסע־וואטיווע” עלעמענטען זענען פון דארט ארויסגעשטופט געווארען דורך ענצעלנע פערזאנען, וועלכע זענען אונאויפהערליך אויפגעטרעטען מיט שארפע אטאקעס געגען דער אלטער פארוואלטונג. איז דען איצט די לאגע פון דעם הילפס־קאמיטעט בעסער געווארען?

די לעצטע גענעראל־פארזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען מיטוואך דעם 3־טען ד. ח. האט יעדענפאלס נישט באוויזען, אז די נייע פארוואלטונג געמאכט וועלכע עס איז פארשריט. פארקערט — נישט קוקענדיג דערויף, וואס די גענעראל־פארזאמלונג איז באשטאנען פון א גאנץ קליינעם עולם· איז אבער די קריטיק געגען דער פארוואלטונג געווען א פיל שארפערע ווי אלע אנדערע מאל.

ווי לעכערליך האט עס אויסגעזעהן ווען דער סעקרעטער, דר· ברענדער האט זיך אוועקגעשטעלט אפגעבען א באריכט צוערשט אין נאמען פון פארזיצענדען, וועלכער איז אוועקגעפארען, דאן אין נאמען פון קאסירער, וועלכער איז קראנק און דערנאך אין זיין אייגענעם נאמען···

עס האט זיך ביי יעדען איינעם גלייך געשטעלט די פראגע: פארוואס האט די פארוואלטונג נישט געזארגט דערפאר, אז די גענעראל־פארזאמלונג זאל פארקומען איידער דער פארזיצענדער איז אוועקגעפארען, און איידער דער קאסירער איז קראנק געווארען?

ווי קומט עס, וואס די איצטיגע פארוואלטונג, וועלכע האט אמאל אזוי שטארק געטומעלט, אז דאס הילפס־קאמיטעט איז מחויב יעדע 6 חדשים אפצוגעבען א באריכט פאר די צאלער, האט זיך ערלויבט צו זיצען רוהיג און אונגעשטערט גאנצע 13 חדשים און געטון וואס עס האט זיך איר געוואלט? וועגען דער טאקטלאזער, איינזייטיגער און זעלבסטבאשטימטער האנדלונג פון דער פארוואלטונג אין דעם לויף פון די 13 חדשים וועלען מיר זיך נאך אומקערען שפעטער. איצט וואס עס איז נוגע דעם באריכט און די וכוחים:

דער סעקרעטער דר· ברענדער האט גלייך פון אנהויב אין זיין רעדע ערקלערט, אז דער הילפס־קאמיטעט האט אונטערגענומען אייניגע אקציעס, וועלכע זענען אים, ליידער, נישט געלונגען. אזוי למשל די אקציע פאר א קינדער־קאלאניע, די מאנאטליכע איינזאמלונגען א· ד· גל· נאך דעם לאנגווייליגען ארומגעפוצטען באריכט פון דר. ברענדער, הויבען זיך אן די וכוחים וועלכע האבען זיך כסדר געדרעהט ארום די אונגעהויער גרויסע הוצאות אין פארהעלטעניס צו די הכנסות, וואס די פארוואלטונג האט זיך ערלויבט אין פארלויף פון דעם פארגאנגענעם יאר.

און עס איז אויך קיין וואונדער נישט· וואס די הוצאות פון דעם קאפענהאגענער הילפס־קאמיטעט האט ארויסגערופען אזעלכע שארפע וכוחים ביי די פארזאמעלטע און נאך מער ביי מענשען אין שטאט, וועלכע האבען געהאט די געלעגענהייט דורכצוזעהן מיט א טיף אויג דעם אזוי קלוג־צונויפגעשטעלטען באריכט.

דער באריכט איז צוזאמענגעשטעלט אזוי ראפינירט און קלוג, אז מען מוז זיין א געניטער מאטעמאטיקער כדי צו קענען קומען אויף די שפורען פון דער כונה· וואס דער מחבר פון דעם באריכט האט געהאט.

קלייבט מען זיך אבער צונויף אין דעם באריכט, דאן געהט שוין די זאך פיל לייכטער. אזוי למשלווארפט זיך גלייך אין די אויגען דאס, וואס דער באריכט־שרייבער האט געהאלטען פאר נויטיג אין דער רובריק „הכנסות“ אוועקצושטעלען מיט קליינע שריפט די שורות: סאלדא פר· 1 פעברואר 1919. קאנטאנט און טשעקס 2048,83 און „קאנטא אין לאנדמאנסבאנק 50544,23„. מיט אנדערע ווערטער וועט דאס מיינען, אז אין דעם באריכט, וואס עס האט אפגעגעבען די פארוואלטונג וואס איז געוועהל געווארען אין אקטאבער 1919 געפינט זיך א גרויסע סומע געלט און טעטיגקייט צוריק געבליבען פון דער אלטער פארוואלטונג, וואס האט געפירט דאס הילפס־קאמיטעט פון פעברואר 1919 ביז אקטאבער 1919, דאס הייסט לערך 8 חדשים· און אז די אלטע פארוואלטונג האט ביים אוועקגעהן נאך איבערגעלאזען דער נייער פארוואלטונג 52593 קראנען און 6 עהרע. אחוץ א טייל פון די מאנאטליכע ביטראגען און אנדערע שפענדען ווי למשל די איינגעזאמעלטע רעשטליכע שפענדען פון דער הילפסקאנפערענץ אין דעצעמבער 1918 וואס באטרעפט 33295 קראנען. דערפון איז צו זעהן, אז דער באריכט שרייבער האט דעם סך הכל פון הכנסות קונסטיג ארויפגעטריבען צו דער אינפאנירענדער ציפרע פון 155612 קראנען און 15 עהרע. דער באריכט שרייבער האט שרייבענדיג דעם טרויעריגען ראפארט געזעהן פאר די אויגען די שארפע קריטיק פון אלע זייטען און דערום האט ער אים אזוי קינסליך קלוג צונויפגעשטעלט צושרייבענדיג צו דער נייער פארוואלטונגע די 85888 קראנען און 6 עהרע, וואס געהער צו דער אלטער פארוואלטונג. דער מחבר פון דעם באריכט האט גוט פארשטאנען· וואס עס מיינט קומען פאר דער עפענטליכקייט מיט א באריכט, וועלכער ווייזט, אז די נייע פארוואלטונג האט אין פארלויף פון אריבער א יאר נאר דערגרייכט די סומע פון הכנסה לערך 50 טויזענד קראנען און אפשר דאס אויך נישט... די פארהעלטענישע אינ׳ם הילפס־קאמיטעט פאר דער לעצטער צייט צווינגען אונז· געגען אונזער ווילען, צו ברענגען אין דער עפענטליכקייט א גאנצע רייהע מיט פאקטען וועלכע דארפען בשום אופן נישט פארשוויגען ווערען. וועגען דעם — אין די נעכסטע ארטיקלען·

# דאס אידישע גיהנום אין אונגארן.

א שוידער לויפט אריבער איבערן לייב; די האר אויפ'ן קאפ שטעלען זיך אויף ווען מען לעזט איבער דעם אינהאלט פון דער אונטערפעלאציע, וואס דער אונגארישער דעפוטאט רופערט האט אריינגעטראגען אינ'ם בודאפעסטער פארלאמענט וועגען דעם שענדליכען מארד, וואס א גרויסע צאל אונגארישע רעגירונגס־אגענטען, אפיצירען, אדוואקאטען און אנדערע בעאמטע, ווי למשל זשאנדארמען, האבען אויסגעפירט אויף דעם באקאנטען אידישען ווײן־סוחר אדאלף לאנדוי.

די אונטערפעלאציע פון דעם דעפוטאט רופערט האט מיט אמאל אויפגעדעקט א פארהאנג פון א העסליכער און פארברעכערישער באנדע, וועלכע האט געארבייט האנד אין האנד מיט דער אונגארישער רעגירונג און ווארפט א מיאוסען שאנד־פלעק אויף דעם גאנצען אונגארישען פאלק.

לעזט מען איבער די איינצעלהייטען פון דעם לאנדוי־סקאנדאל, וואס איז פאריגען חודש פארגעקומען אין אונגארן, דערמאנט מען זיך אין די צייטען פון דער שפאנישער אינקוויזיציע און אין די צייטען פון דעם אלטען רוסישען צארען־סיסטעם.

אין זיין אונטערפעלאציע צו דעם אונגארישען פארלאמענט האט דער דעפוטאט רופערט דערצעלט פאלגענדע איינצעלהייטען וועגען דעם ארעסט פון דעם אידישען ווײן־סוחר לאנדוי און זיין זוהן פאלגענדע איינצעלהייטען:

דעם 19־טען סעפטעמבער איז אדאלף לאנדוי צוזאמען מיט זיין זוהן נעצא לאנדוי ארעסטירט געווארען פון דעם בעאמטען סיפאס און דעם אדוואקאט רוציעס אונטער דער באשולדיגונג פון שפיאנאזש.ביידע ארעסטירטע זענען צוערשט געבראכט געווארען אין דער מיליטערישער שפיאנאזש־אפטיילונג און דאן טראנספארטירט געווארען אין דער קעניג־קארל־קאזארנע. ביי דאס טראנספארטירען די צוויי באשולדיגטע אין „שפיאנאזש", וואס איז פארגעקומען אונטער דעם אויפזיכט פון דעם מיליטערישען בעאמטען סיפאס, זענען די ארעסטירטע אויפ'ן וועג פון סיפאס'ן שטארק געשלאגען און געפייניגט געווארען אזוי שטארק, אז ביידע ארעסטירטע זענען אייניגע מאל געפאלען אין חלשות. אין דער קאזארנע האט זיך די אינקוויזיציע געגען די צוויי אונשולדיגע אידען איבערגע'חזר'ט מיט נאך מער גרויזאמקייטען, אזוי אז ביי דעם איינעם לאנדוי איז זיין זייגער, וואס ער האט געהאט אין דער טאש פאלשטענדיג צושמאלצען געווארען.

ערשט שפעטער איז מען געוואר געווארען די אמת'ע סבה פון דעם ארעסט אויף די צוויי לאנדוי'ס. עס האט זיך אנגעהויבען ארויסצואווייזען, אז דער מיליטערישער בעאמטער סיפאס און דער אדוואקאט רוציעס האבען געהאט די כונה מיט דעם ארעסט און פאלשער באשולדיגונג געגען די לאנדוי'ס ארויסצושווינדעלען פון זיי זייער פארמעגען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די צוויי געשווארענע רעגירונגס־בעאמטע האבען געהאט אפגעמאכט מיט א גוטס־באזיצער, אז יענער זאל אריינגהען אין א געשעפט מיט לאנדוי'ן און אים באשווינדלען. אזוי אבער ווי לאנדוי האט זיך געכאפט, אז דער גוטס־באזיצער דאבע וויל אים באשווינדלען, האט ער זיך צוריקגעצויגען פון דעם געשעפט און דאס איז געווען די אורזאך פארוואס לאנדוי איז צוזאמען מיט זיין זוהן ארעסטירט געווארען אונטער דער באשולדיגונג פון „שפיאנאזש„.

רופערט דערצעלט ווייטער אין זיין אונטערפעלאציע, אז א טאג שפעטער נאך דעם ארעסט פון לאנדוי'ן און זיין זוהן, האבען די צוויי דערמאנטע רעגירונגס־בעאמטע גענומען אונטערהאנדלען מיט לאנדוי'ן וועגען אן „אויסגלייך" צווישען אים און דעם גוטס־באזיצער דאבע. איצט איז שוין מער קיין ווארט נישט דערמאנט געווארען וועגען דער באשולדיגונג פון שפיאנאזש, נאר וועגען דעם, אז לאנדוי זאל קומען צו אנ'אויסגלייך מיט דאבע'ן.

אין צווישען איז דאבע, פאר זיינע שווינדלערייען געגען לאנדוי'ן ארעסטירט געווארען. איצט אבער, ווען עס האבען זיך אנגעהויבען די „אונטערהאנדלונגען" מיט לאנדוי'ן, אז ער זאל איינגעהן אויף אלע באדינגונגען פון דאבע'ס שווינדלערייען, איז דעם אדוואקאט סיפאס געלונגען צו באפרייען דעם שווינדלער דאבע.

רופערט גיט דאן איבער דעם פארלאמענט ווי אונטער דער אכזריות'דיגער פייניגונג איז לאנדוי געצוואונגען געווארען אונטערצושרייבען א דאקומענט אין וועלכען ער פארפליכטעט זיך אויסצוצאלען צו דאבע'ן צוויי מיליאן זיבען מאל הונדערט טויזענד קראנען. דער בריף האט געדארפט צוגעשטעלט ווערען צו לאנדוי'ס פאמיליע, אז יענע זאלען זעהן אויסצאלען דאס געלד צו די יעניגע, וואס וועלען ברענגען זיין בריף, דאן וועט ער און זיין זוהן באפרייט ווערען פון טורמע.

אזוי אבער ווי די פאמיליע לאנדוי האט אזא גרויסע סומע געלט נישט געקענט צונויפשאפען, האבען די צוויי רעגירונגס־שווינדלער זיך פארלויפיג צופרידענגעשטעלט מיט 760,000 קראנען דאגעגען איז לאנדוי מיט זיין זוהן נישט באפרייט געווארען, נאר פארקערט — עס איז געגען די צוויי אונשולדיגע אידען אויסגעפירט געווארען די שענדליכסטע טארטור און אינקוויזיציע.

בעת רופערט האט געשילדערט די איינצעלהייטען פון דער אינקוויזיציע, האבען א גרויסע צאל דעפוטאטען געשריגען: „שאנדע"! „א חרפה פאר דער אונגארישער רעגירונג"!

ווייטער האט רופערט ערקלערט, אז לאנדוי האט די ליידען נישט געקענט אריבערטראגען און ער איז געשטארבען אדער געצוואונגען געווארען פון זיינע פייניגער צו באגעהן זעלבסטמארד.

די דאקטוירים, וואס האבען אונטערזוכט די אורזאכען פון לאנדוי'ס טויט, האבען ערקלערט, אז ער איז ביי זיין לעבען געפייניגט געווארען אויף דעם שרעקליכסטען אופן. זיין קערפער איז געווען פול מיט וואונדען און זיין אונטערלייב איז געווען אדורכגעשטאכען מיט ברענענדע אייזענס.

אט אזעלכעס קומט פאר אין מיטעל־אייראפא — אנ'אינקוויזיציע געגען אידען אין פולסטען זינען ווארט. און די וועלט שווייגט !

ש. פאן.

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 5. | Fredag, 12 November 1920. פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt”

Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.



Abonnement paa
„Di Yidische Welt“
12 Kr. pr. Aar.
6 Kr. pr. Halvaar.
3 Kr. pr. Kvartal.

אבאנעמענטס־פרייז פאר
„די אידישע וועלט“:
יעהרליך — 12 קראנען
האלב־יעהרליך — 6 קראנען
פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג

Dybbølsgade 11⁴

אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332

Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונטט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Ffterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Ore, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre, alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «D iYidische Velt» Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.


אינהאלט:


ש· פאן: דאס אידישע גיהנום אין אונגארן.
יואל מאסטבוים: רייזע־איינדרוקע אויס פוילען.
וואס קומט עס פאר אינ'ם הילפס־קאמיטעט.
דער 2. נאוועמבער·
135,000 דאלאר פאר צדקה.
פעטלורא'ס משונה'דיגע ידיעות.
ליטעראַרישע נייעס.
פון דער רעדאקציע.

OLAF LASSEN & CO.

אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.

פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך

נארד און זידאמעריקא אפריקא אוסטראליען

ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

## מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סטילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעדאקטאר י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־טער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאסט־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

## הייראט.

א פארמעגליכער יונגערמאן (אקאדעמיקער און עמבידסמאן) ווינשט די באקאנטשאפט מיט א קולטיווירטע מעדעל פון לערך 20 יאר.

בילעט־מארקע „רובין 28“ ווערט געבעטען צו צושיקען צוזאמען מיט א פאטאגראפיע, וואס וועט צוריקגעשיקט ווערען, לויט פאלגענדער אדרעס:
„Di Yidische Welt's“ Annonce-Afdeling.
Dybbølsgede 11, - Kbhvn B

## סיגארען.

אויב איהר ווילט רייכערען א לייכטען און גוטען סיגאר, דאן זאלט איהר פרובירען מיינע גוטע שדאנדאד־סיגארען „בראזיל 2“, וועלכען איך פערקויף נאך אלץ צו דעם ביליגען פרייז פון 17,50 דענישע קראנען פאר 100 שטיק. (10־1 מיללע).

די עקספעדיציעס פון באשטעלונגען קומען פאר לויט דער רייהע ווי די באשטעלונגען קומען אן — געוועגליך געדויערט עס בלויז עטליכע טעג.

אין פארהעלטעניש צו מיין נישט גרויסען אוואנס מוז דאס געלד גלייך איינגעצאהלט ווערען צוזאמען מיט דער באשטעלונג. סיגארען ווערען געשיקט פארטא־פריי איבעראל אין דענמארק, ווען די באשטעלונג איז אויף מינדעסטענס 500 שטיק.

Brasil- Agenturet
Dybbølsgade No. 11¹.
København B.

## לאטעריע־צעטלען.

מיר מאכען אויפמערקזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן“ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די צווייטע ציהונג קומט פאר דעם 17־טען און 18־טען נאוועמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכנטע אויטארירטע קאלעקציאן האט נאך עטליכע צוריק צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

פון רייה אן ערשיינט אין בערלין א יודיש וואכענבלאט

## „דער מזרח־יוד“

צענטראל־ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד.

„דער מזרח־יוד“ בעהאנדעלט אלע וויכטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע די מזרח־יודען אין דייטשלאנד בפרט, און דעם מצב פון די יודען אין די מזרח־לענדער בכלל.

„דער מזרח־יוד“ ברענגט די נייסטע אלגעמיינע און יודישע אינפארמאציעס פון דער גאנצער וועלט.

„דער מזרח־יוד“ האט אייגענע קארעספאנדענטען אין די גרעסטע יודישע צענטרען, און דרוקט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער.

„דער מזרח־יוד„ פערטיידיגט ענערגיש די אינטערעסען פון די היגע מזרח־יודען.

„דער מזרח־יוד“ איז זעהר נוצליך צו שיקען גרוסען און שאפען פערבינדונגען צו קרובים און פריינד אין ענגלאנד, אמעריקא א. ז. וו.

„דער מזרח־יוד“ איז די איינציגע אין דייטשלאנד ערשיינענדע צייטונג אין יודישער שפראך, און איז זעהר נוצליך פאר כל המיני אנאנסען און בעקאנטמאכונגען.

אבאנעמענטסבעטראג: א פערטעל יאהר 12 מארק.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

DER OSTJUDE, Berlin C 45, Rosenthalerstr. 43

„HAMEWASSER“ Zeitungs- und Büchervertrieb

## גוטע מיטאגען.

באקומט איר טעגליך צווישען 7־2 ביי

פרוי דווארקין, גאמעל־מינט 41, 2 זאל.

## פייער־פארזיכערונג

און אלע אנדערע פארזיכערונגען קען מען צייכענען לויט גוטע אומשטענדען ווען מען ווענדעט זיך צום אשוראנדער סינדבערג, דיבעלסגאדע 11, קאפענהאגען, ב. טעלעפאן וועסטער 7332.

נאר ערשטקלאסיגע פירמעס ווערען רעפרעזענטירט.

## לאקאלעס.

### די ציוניסטישע קאנפערענץ אין שטאקהאלם.

פון דער „הגודת הציונים בדנמרק“ טיילט מען אונז מיט אז זונטאג דעם 24־טען אקטאבער, איז אין זאל פון „מעץ טע־רום“ פארגעקומען א פארזאמלונג אויף וועלכער ה' יוסף נאכעמזאהן און ה' ראטה האבען אפגעגעבען א באריכט פון דער סקאנדינאווישער ציוניסטישער קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען אין שטאקהאלם דעם 15 אקטאבער.

ה' ראטה האט איבערגעגעבען דער פארזאמלונג. אז אויף דער קאנפערענץ איז אנגענומען געווארען א באשלוס, אז מען זאל אין סקאנדינאוויען שטארק ארבייטען פאר דעם ערפאלג פונ'ם קרן־היסוד און זעהן שאפען אין פארלויף פון די קומענדע 3 יאר איין מיליאן קראנען אין גאנץ סקאנדינאוויען.

נאך דעם ה' גריגסט אין נאמען פון „הגודת הציונים בדנמרק“ אויסגעדרוקט א ווארימען דאנק דעם ה' נאהעמזאהן, וועלכער איז די טעג אפגעפארען קיין ארץ־ישראל, פאר זיין אונערמידליכער ארבייט אלס פארזיצענדער פון דער קאפענהאגענער אגודה. צום סוף איז פארגעקומען א זאמלונג אויף צו פלאנצען עטליכע ביימער אין פאלעסטינא אויפ'ן נאמען פון ה' נאחעמזאהן.

די „הגודת הציונים בדנמרק“ בעט אונז אויך מיטיילען, אז דער געפלאנטער אבשיידס־אווענד פאר'ן ה' נאחעמזאהן איז צוליב דעם פלוצ־מדיגען טויט פון פראפ. פסחאוויטש נישט פארגעקומען און דערום באנוצט די אגודה די געלעגענהייט אויסצודרוקען דעם ה' נאחעמזאהן אנ'עפענטליכען דאנק דורך „די אידישע וועלט“.

### גענעראל־פארזאמלונג פון קאפענהאגענער הילפס־קאמיטעט.

מיטוואך, דעם 3 נאוועמבער האט דער קאפענהאגענער אידישער הילפס־קאמיטעט אפגעהאלטען די טראדיציאנעלע ארומשטרייטענדע גענעראל־פארזאמלונג, וועלכע איז אויך דאס מאל ווי תמיד געווען רייך מיט א רייהע קריטיקען געגען דער פארוואלטונג. צוליב מאנגעל און פלאץ וועלען מיר ערשט אין נעכסטען נומער פון „די אידישע וועלט“ קענען אויספירליך באהאנדלען די פארזאמלונג, דעם באריכט און די דיסקוסיעס.

— ווי מיר דערוויסען זיך האט דער סעקרעטער פונ'ם היגען אידישען הילפס־קאמיטעט, ה' איזראלסאהן ערהאלטען די טרויריגע ידיעה, אז אין כארקאוו איז מיט 17 חדשים צוריק געשטארבען זיין ברודער סטודענט שמואל איזראלסאהן און מיט א יאר צוריק זיין מוטער פרוי רחל איזראלזאהן. פרוי איזראלסאן איז געווען א שוועסטער פון דעם באקאנטען געוועזענעם אויבערראבינער אין ריגא, דר. מיכעלזאהן. מיר דרוקען אויס דעם ה' איזראלסאהן אונזער טיפסטען מיטגעפיל.

---

די רעדאקציע פון „די אידישע וועלט“ ווינשט א גליקליכער צוקונפט דעם ה' חיים מאיר גליקסמאן און פריילין גוסטא גלוק צו זייער חתונה וואס קומט פאר אין באזעל דעם 9־טען נאוועמבער.

---

מיינע בעסטע ווינשען שיק איך דא ארום מיין ליבען קאזין חיים מאיר גליקסמאן צו זיין חתונה מיט פרל. גוסטא גלוק, וועלכע קומט פאר דעם 9־טען נאוועמבער אין באזעל (שווייץ).

יהודה שאיאק.

---

א מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינש איך מיין קאזין חיים מאיר גליקסמאן צו זיין חתונה מיט פריילין גוסטא גלוק.

עני שאיאק, לאנדאן.

---

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה' ד. נאמבערג'ס. „א ליטערארישער דור“.
2) פ. בימקא'ס. „אויפ'ן וואקזאל“.
3) י. שימינזאהנ'ס. „די בלום פון פאפראטש“.
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“.
5) אנ'אראביש ווערטער־ביכעל.
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענעדא“.

די דערמאנטע ביכער וועלען מיר געבען אונזערע אבאנענטען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 ביכער אומזיסט. האלב־יערליכע 3 ביכער, פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

---

### איבערראשענדע נייעס פון „הזמיר“

שבת דעם 11 דעצעמבער האלב 8 אוהר שטאטפינדעט אונזער יעהרליכער קאנצערט אין

Arbejderforeningen Nørrevoldgade 90.

אלס סאליסטען: די פערגעטערטע קינסטלער

טאסי און אלבערט שפיוואקאווסקי

כאר־סאלא ‖ ה' קאנטאר ה. קונשטאט.

באל ביז 12 אוייגער ביי נאכט.

בילעטען צו 4, 3, 2,50 ,2, 1,50 זענען שוין צו באקומען ביי אלע מיטגלידער פון „הזמיר“ און דורך טעלעפאן ביי קראטאשינסקי Vester 5459 y.

באזארגט אייך באצייטענס מיט בילעטען.

קינדער אונטער 7 יאהר ווערען אבסאלוט נישט אריינגעלאזען.

די פארוואלטונג.

---

### אגודת הציונים בדנמרק.

פעראנשטאלטעט מיטוואך דעם 1־טען דעצעמבער

א גרויסען קאנצערט

אין Teknologisk Institut

מיט'ן אנטייל פונ'ם באקאנטען וויאלין־ווירטואז

טאסי שפיוואקאווסקי

איינצעלהייטען שפעטער.

## די באלשעוויסטישע פאגראמען אויף אידען.

פון וואלינער קאנט קומען אן ווייטערדיגע ידיעות, וועגען די פאגראמען, וואס בודיעניס קאזאקען האבען געמאכט אויף די דארטיגע אידען, בעת זייער ריקציג פון גאליציען און וואלין.

לויט די לעצטע ידיעות האבען בודיעניס קאזאקען חרוב געמאכט די אידישע קהלה אין ליובאר. ביז 50 אידען זענען אויף בארבארישען אופן ערמארדעט געווארען. עס זענען פארהאן פארוואונדעטע און פיל צענדליגער געפייניגטע פרויען. דאס גאנצע האב און גוטס פון די אידען אין צוראבירט. די איבערגעבליבענע אידישע איינוואוינער זענען זיך צולאפען אין די ארומיגע וועלדער, די נויט איז גרויס, הילף איז אונבעדינגט נויטיג.

## די חוצפה פון א אידישען „מיניסטער".

דער אזויגערופענער „אידישער מיניסטער" פון פעטלורא'ס רעגירונג, ה' פנחס קראסני, האט ארויסגעשיקט פון קאמעניעץ־פאדאלסק א טעלעגראפישע ערקלערונג אין וועלכער עס ווערט געזאגט, אז אלע די פארשפרייטע ידיעות וועגען פאגראמען אויף אידען אין דער אוקראינא זענען פאלש און אויסגעטראכט. ראס איז מער ווי חוצפה פון איינעם וואס האט זיך באהאנגען מיט דעם טיטעל „אידישער מיניסטער" . . .

## אפגעברענט א אידיש שטעטעל.

פון וויגאווע (שאוולער קרייז) איז מען מודיע, אז דאנערשטאג, דעם 15־טען אקטאבער בייטאג, איז דארט אויסגעבראכען א שרפה, פון וועלכער עס איז אבגעברענט געווארען 2 דריטעל פון שטעטעל.

פון די 22 אפגעברענטע הייזער איז איינע א קריסטליכע. טיילווייז האט זיך די שרפה פארגרעסערט צוליב דעם וואס כמעט אלע מענער זענען געווען אויפ'ן מארק. דער גרעסטער טייל פון דער אידישער באפעלקערונג איז געבליבען היימלאז.



## ליטערארישע נייעס.

ביכער און צייטשריפטען אנגעקומען אין דער רעדאקציע:

יוסף לעווי — „פרומע געזאנגען" פארלאג „דער קוואל" וויען.

פינף נפטרים: משה זילבורג — „י. ל. פרץ", מ. זינגער — „שלום עליכם", משה גראס — „מענדעלע מוכר ספרים", מלך ראוויטש — „שמעון שמואל פרוג", בן־יעקב — „יעקב דינעזאהן", אלע פינף ביכער זענען ארויסגעגעבען פון פארלאג „דער קוואל".

בער קאראוויץ — „פון מיין חיים אין די בערג" פארלאג „דער יונגער דור" וויען.

„קריטיק", ליטערארישע מאנאטשריפט רעדאגירט פון משה זילבורג, וויען. העפט א, ב, ג, ד.

„טויט־ציקלוס". לידער פון בער הארוויץ, משה זילבורג, מלך כמעלניצקי, מוישע ליווזשיץ, מאני לייב, אלבערט עהרענשטיין, דוד פאגעל, א. מ. פוקס און מלך ראוויטש.

I. Schur: „Mose og hans Folk", Utgiveren av Judiska Litteratursällskapet i Helsingfors. 1920.

„דער מזרח יוד", יודישעס וואכענבלאט, צענטראל ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד.

אין די קומענדע נומערן פון „די אידישע וועלט" וועלען מיר אויספירליכער אפשאצען די דאזיגע ערשיינונגען.

---

דיינ'ס פאלק גיטער פלאמען
אנגעפאכט פון מענר'ס געזאנגען
דיינ'ס פאלק לייבער בלוטען
הינגעשטרעקט פון קריסטען שווערדען
דיינ'ס פאלק הערצער ברעכען
איבערהילפט פון גלאקען־שטורם.

מרים נונעך, פליה דאך, פליה
פאלג דיינע שנעלע ברידער
אויף דעם טאיאס לעצטע וועהלען
שוועלט דער אסט פערשווינגענער זעגעל.

„איר זאלט נישט זינגען חנה דבורה", האט ער שטיל געזאגט שטרייכלענדיג איבער דעם קינד'ס לאקען. „איך האב אייך געבראכט די מיקטור פון דע־סילווא, זי וועט אייך באפרייען פון אייערע ברוסט וועהטאגען" . . .

אוריאל דא־קאסטא, רבי יהודה, חנה דבורה, דאס זענען ראמאנטישע נאטורען. דער ערשטער א שטורמישער ראמאנטיקער, די צוויי לעצטע, שטילע, באהאלטענע טרוימער מיט פארבארגענע וועהטאגען אין דער נשמה. זיי איז געווידמעט אין דעם בוך א סך שענע בלעטער, אבער אט די בלעטער זענען נור איינגאנגסטויערען צו די הערליכע רוימען וואו עס הערשט א געטליכע קלארקייט און רוהיגקייט. נור ווען ברוך שפינאזא'ס פיגור וואגסט אויס ביז דעם שטילען אבער אונערשיטערליכען פארשער פאר'ן פילאזאפישען אמת געווינט דער ראמאן זיין פילע באדייטונג און א גאנצע גאלעריע פון טיפען שארף געשניצט טוירען זיי אויף. פרייע האלענדער, קעמפער פאר דעם פרייען גדאנק. אדריאן, יאריג, לעדעוויק, מעיער און העסער פון אלעמען יזון דע וויט.

שפינאזא, די גרויסע האפענונג פון אמסטערדאמער אידישער געמיינדע, דער בעסטער תלמיד פון רבי מארטעירא איז אבער גלייכצייטיג אויך אלעמענס שרעק און זארג. אין אט דעם אנגעוועהנליכען יונגמאן קומט פאר א געוואלדיגער צושטערונגס־פראצעס. ווי האלט מען עס איין? וואו איז די גרעניץ? צו שוין זשע וועט מען נאך אמאל מוזען איבערלעבען דעם ביטערען ביישפיל פון אריאל דא־קאסטא?

(המשך פאלגט)

## די אידישע פליכטלינגס־פראגע אין דייטש־עסרייך

(פון אונזער וויענער קארעספאנדענט)

איינע פון די וויכטיגסטע און ברענענדסטע פראגען וועלכע שטעט איצט דויפ'ן סדר־היום אין דייטש־עסטרייך בכלל און אין וויען בפרט איז די אידישע פליכטלינגס־פראגע, וועלכע נעמט פון טאג צו טאג אן אלס שארפערע פארמען.

די אנטיסעמיטען אין דייטש־עסטרייך שטרעבען מיט אלע זייער כוחות דערצו ארויסצוטרייבען פון וויען די דידישע פליכטלינגע פון מורח וועלכע האלטען זיך שוין אויף זייט דעם יאר 1919. נאטירליך זענען ביז איצט אנגעווענדעט געווארען אלע מיטלען כדי די אידישע פליכטלינגע דאס ווייטער פארבלייבען מעגליך צו מאכען. די פארשידענע גזירות וועלכע זענען לעצטענס ארויסגעגעבען געווארען מצד דער נידער־עסטרייכישער לאנדעס־רעגירונג, זענען א דאנק דער אנערמידליכער ארבייט פון דעם ביז איצטיגען איינציגען אידישען אבגעארדנעטען אינזשעניער ראבערט שריקער געלונגען די דאזיגע גזירות אבצושאפען. עס איז שוין אזוי ווייט דערגאנגען דאס אין די לעצטע צייט האט דאס וואוינונגס־אמט געהאט ארויסגעגעבען א באפעהל או די אידישע פליכטלינגע פון מזרח (אדער ווי זיי רופען עס די „אסט־אידען") מוזען אין משך פון 2 טעג זייערע וואוינונגען פארלאזען מחמת עס פעהלען אין וויען אויס וואוינונגען . .

דאס וואוינונגס־אמט האט באלד אנגעהויבען מיט זיינע רעפרעסאליעס אין „שפיצלען" צו צווינגען די פליכטלינגע די וואוינונגען צו פארלאזען. דעם אידישען נאציאנאל־ראט פאר מזרח־גאליציען אין דעם אינזשעניער ראבערט שטריקער איז עס געלונגען זיך משתדל צו זיין אז מען זאל די פליכטלינגע פון די וואוינגנגען נישט ארויסווארפען, און עס איז ערלויבט געווארען א צייט פון נאך איניגע חדשים די מזרח־פליכטלינגע אין וויען צו פארבלייבען. —

עס זענען שוין באלד די איניגע חדשים פארביי אין אט שמעקט שוין די לופט ווידער מיט פרישע גזירות געגען די אידישע פליכטלינגע, איבערהויבט איצט ווען נאך די וואהלען אין דער דייטש־עסטרייכישער נאציאנאל־פארזאמלונג (פארלאמענט) וועלכע זענען פארגעקומען דעם 17 אקטאבער איז עס נישט געלונגען אפילו דעם ביז איצטיגען איינציגען אידישען אבגעארדנעטען אינזשעניער ראבערט שטרייקער אריין צו וועהלען אין דער נאציאנאל־פארזאמלונג.

און צו דעם האבען אויך די וויענער אנטיסעמיטען געשטרעבט און האבען אויסגעארבייט אזא וואהל־רעפארם כדי די אידען אין דייטש־עסטרייך זאלען נישט קענען האבען זייערס א פארטרעטער וועלכער זאל קענען פארטייטיגען די אידישע רעכט אין דער דייטש־עסטרייכישער נאציאנאל־פארזאמלונג. זייער שטרעבען איז געווען פטור צו ווערען פון די „לעסטיגע אויסלענדער און דאס וועט זיי אויך איצט געלונגען" צוליב דעם זיג זייערען אין דער דייטש־עסטרייכישען נאציאנאל־פארזאמלונג. דאס ערשטע געזעץ וואס עס וועט דארט אנגענומען ווערען וועט באשטימט זיין געגען די אידישע פליכטלינגע און צוליב דעם איז אין דעם איצטיגען מאמענט אין דייטש־עסטרייך די אידישע פליכטלינגס־פראגע געווארען א זער ברענענדע פראגע.

ווי באוואוסט האבען מיר איצט אידישע פליכטלינגע נישט נאר אין דייטש־עסטרייך אבער אויך אין דייטשלאנד, טשעקא־סלאוואקיען, יוגא־סלאוויען א.ז.וו., וואס מען טרייבט זיי פון טאג צו טאג. די פליכטלינגס־פראגע איז געווארען א ברענענדע פראבלעם וואס מוז אונבעדינגט געלעזט ווערען. וויל מען באמת ווירטשאפטליך רעאקטיווירען דאס מזרח אייראפעאישע אידענטום אזוי מוז אין דער ערשטער רייהע עפעס ממשות־דיגעס געטון ווערען כדי צו דערפירען די פליכטלינגע צו פראדוקטיווע ארבייט און זיי די מעגליכקייט צו געבען זיך חאטש א פראוויזארישען ישוב צו גרינדען. זייער נט־ינד לעבען איז איינע פון די שווערסטע קראנקהייטען פון א טייל פון אידישען פאלק וואס מוז געהיילט ווערען, כדי דער טייל פון דעם אידענטום זאל נישט צו גרונד געהן . . .

א. האמער.

וויען, סוף אקטאבער 1920.

## ש. גארעליק.

### א שפינאזא־ראמאן.

(ספעציעל פאר „די אידישע וועלט")

(המשך)

די רייכע, בינטע געוועגדער מיטגעבראכט פון דער היימאט, וואס ליגען אויסגעשפרייט אין איר אלקער און די גיטארע לאזען איר אמאל איינשטעלען דעם אינערליכען וועהטאג און אונצופרידענקייט. דער קליינער ברוך אבער איז איר איינציגער טרייסט, אפט יאגט חנה דבורה און איינמאל פארנאכט האט זיך רבי יהודה דערוויסט ווען זי האט געפירט מיט דער האנט איבער דער גיטארעס סטרונעס און געזונגען דא־קאסטאס באלאדע איבער מרים נונעץ:

אין די גאלד דורכפלאכטענע וועלען<br>
די פון דיינע שולטערן פליסען<br>
מרים נונעץ, פאלען פערלען<br>
ווי די מידע שטערען וויינען<br>
די אין ים נארט זינגען<br>
דיינע ליפען מרים נונעץ<br>
בלאסער אלס דאס בלוט פון לבנה<br>
שווימט אין דעם נארציזענגעלך<br>
בעבען ווי איין בליטערשויער<br>
דורך די גאסען שרייט דער מארד.

# די פאלעסטינא־פראגע אין ענגלישען פארלאמענט.

(פון אונזער לאנדאנער קארעספאנדענט)

אויף דער נעכטיגער זיצונג פונ'ם ענגלישען פארלאמענט, האט דער באקאנטער אידענפריינדליכער דעפוטאט און אנהענגער פונ'ם ציוניזם, מר. ארמסבי גאר, ערהאלטען א שריפליכע תשובה פון דעם געהילף פון אויסער'ן מיניסטער מר. סעסיל הארמסווארטה, וועגען דער איצטיגער לאגע אין פאלעסטינא וועגען וועלכער עס ווערט פאלגענדעס ערקלערט:

„אלע לעצטע באריכטען וואס מיר האבען ערהאלטען פון פאלעסטינא צייגען, אז דעם גוטען עמפפאנג וואס איז געגעבען געווארען צו סיר הערבערט סעמיועל ביי זיין אנקומען אין פאלעסטינא אין סוף יוני, האט נאכגעפאלגט א צייט פון רוה און פרידען הן פון אינערליכע אונארדנונגען הן פון אויסערליכע אנפאלען.

די באציהונגען צווישען די פארשידענע סעקציאנען פון דער באפעלקערונג שיינט אז זיי האבען זיך פיל פארבעסערט, און די באפעלקערונג ווארט געדולדיג אויף די ענטוויקלונגען וואס סיר הערבערט סעמיועל האט געמאכט אין דער רעדע וואס ער האט געהאלטען ביי זיין אנקומען אין לאנד. די צענזור איז אבגעשאפט געווארען. די אדמיניסטראטיווע ארגאניזאציע ווערט שטופענווייז פארפאלקאמט. די דיסטריקטען זענען רעארגאניזירט געווארען מיט דעם רעזולטאט אז עס איז געמאכט געווארען עקאנאמיע אין ענגלישע באאמטע און מען באשעפטיגט מער פאלעסטינאר. א כעראטענדער קאונסיל איז געשאפען געווארען, וואס באשטעהט פון צעהן באאמטע. פיער מהמעדאנער, דריי קריסטען און דריי אידען.

די אדמיניסטראציע באטראכט דאס צוגרייטען א פלאן וועגען ערציהערישער ענטוויקלונג, און סיר הערבערט סעמיועל האט אויך באשטימט א אויספארשונגס קאמיסיע, וואס האט אלס פרעזידענט א באאמטען פון דער אדמיניסטראציע און וואס באשטעהט פון פארשטעהער פון די פארשידענ'ע עלעמענטען פון דער באפעלקערונג. די קאמיסיע דארף זיך פאשעפטיגען מיט פאלגענדע פראגען.

1. צו שאפען איינע אדער מעהרערע בענק וועגען געבען הלואות אויף לאנגע טערמינען פאר אגריקולטור און אינדוסטריע.

2. אויסצוגעפינען צו עס איז פראקטיש צו באשטימען א באזונדערען שטייער אויף דעם וואקסענדען ווערט פון לאנד.

3. צו ברענגען א סדר אין די וואגען און מאסען.

4. אנצונעמען מאסרעגלען צו באקעמפפען די מאלאריא (קדחת).

5. אויסצוארבייטען פלענער וועגען דער ריכטיגער איינריכטונג פון די נייע קווארטאלען אין די הויפט שטעדט.

אהוץ דעם איז באשטימט געווארען א לאנד־קאמיסיע, וואס איז אלץ אזוי צוזאמענגעשטעלט ווי די אויספארשונגס קאמיסיע, וואס דארף אויסגעפינען, וועלכעס לאנד עס איז פארהאן, וואס קען באזעצט ווערען; וואס דארף אויך באטראכטען די פלענער פאר קאאפעראציע, מיט דעם ספעציעלען ריקזיכט צו באשיצען די אינטערעסען פון די עקזיסטירענדע ערד־ארבייטער, און וואס דארף אויך באריכטען ווי גרויס עס זענען און ווי מען דארף אדמיניסטרירען די לענדערייען וואס באלאנגען צו דער רעגירונג.

די אייזענבאן ליניע פון יפו נאך לוד איז פארברייטערט געווארען.

אזוי ווי דער האפען פון חיפה ווערט בלאטיג, און אזוי ווי עס דארף פיעל קאסטען דאס רייניגען, פארלענגערט מען די וואנד וואס עקזיסטירט צייטווייליג ביז מען וועט קענען אנעמען עפעס א פלאן פאר דאס אויפבויען פון א ריכטיגען האפען. א גרויסער פראגראם פון בויען און פאריכטען וועגען ווערט איצט אויך דורכגעפירט.

עס זענען אויך אנגענומען געווארען די ערשטע שריטע דורכצופירען די דעקלאראציע פון זיין מאיעסטעטס רעגירונג (די באלפור דעקלאראציע) פון 2־טען נאוועמבער 1917, ווי צום ביישפיל די אימיגראציע פון אידען אין איינקלאנג מיט די אימיגראציאנס פארארדנונגען. אידען, וועמענס בקשה צו פאהרען קיין פאלעסטינא ווערט אונטערשטיצט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלען ביז צו א באשטימטער צאל, וועגען וועלכער מען האט זיך איינפארשטאנען, באקומען וויזאס פון די בריטישע קאנסולאטען דורך דער וועלט, אז מ'זאל זיי אריינלאזען אין פאלעסטינא. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט גענומען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט זיי צו פארזארגען מיט וואוינונגען און זיי אויסצוהאלטען אין פאל זיי וועלען נישט קריגען קיין באשעפטיגונג. הונדערטער אימיגראנטען קומען אן מאנאטליך און זיי ווערען באשעפטיגט ביי מאכען וועגען, פרוכטבארמאכען דאס לאנד, און אויך ביי די עקזיסטירענדע אידישע קאלאניען. די העברעאישע שפראך איז אנערקענט אפיציעל פונקט ווי די אראבישע און ענגלישע שפראכען אין אלע שטעדט און דיסטריקטען, וואס ענטהאלטען א באדייטענדע אידישע באפעלקערונג און אין אלע צענטראלע דעפארטמענטען פון דער רעגירונג.

ארמסבי גאר האט אויך געפאט געפרעגט דעם אויסערן־מיניסטער צו די ענגלישע רעגירונג דענקט צו מאכען א הלואה, וואס זאל פארברויכט ווערען צו בויען באנען און אנדערע וויכטיגע טיילען אין פאלעסטינא. דעראויף האט דער געהילף פון אויסערן־מיניסטער געענטפערט: „יאו" דאס מיינט, אז די ענגלישע רעגירונג איז בארייט צו געבען א הלואה פאר פאלעסטינא.

דר. נ. שטיין.

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 4. Fredag, 5 November 1920. פרייטאג 1־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.

Abonnement paa
„Di YidischeWelt"
12 Kr. pr. Aar.
6 Kr. pr. Halvaar.
3 Kr. pr. Kvartal.

אבאנעמענטס־פרייז פאר
„די אידישע וועלט״:
יעהרליך — 12 קראנען
האלב־יעהרליך — 6 קראנען
פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג
Dybbølsgade 11⁴
אדער דורכ׳ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונטט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

ANNONCE PRISER:

Legater 30 Øre, Dødsfald, Undervisning og Tjeneste søges 35 Øre, Litteratur og Ffterlysning 40 Øre, Tjeneste tilbydes 45 Ore, Korrespondance [Ægteskab] 100 Øre; alle øvrige 50 Øre, alt pr. Højdemillimeter over en Spalte. Gratis Oversættelse til jødisk.

Annoncer modtages i Annonceafdelingen af «D iYidische Velt» Dybbølsgade Nr. 11⁴ — Tlf.: V. 7332, og i Annoncebureauerne.

א י נ ה א ל ט :

דר. נ· שטיין. די פאלעסטינא־פראגע אין ענגלישען פארלאמענט·

א. האמער. די אידישע פליכטלינגס־פראגע אין דייטש־עסטרייך·

ש· גארעליק: א שפינאזא־ראמאן.

פארשידענע נייעס.

ליטערארישע נייעס.

לאקאלעס.




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — תאמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך ש ו ו ע ד ע ן  נ א ר ו ו ע ג י ע ן, ד א צ י ג, פ ו י ל ע ן, ר ו ס ל א נ ד,  ד י י ט ש ל א נ ד, פ ר א נ ק ר י י ך, ע נ ג ל א נ ד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.

Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 24.

## סיגארען.

אויב איהר ווילט רייכערען א לייכטען און גוטען סיגאר, דאן זאלט איהר פרובירען מיינע גוטע שדאנדאד־סיגארען „בראזיל 2“, וועלכען איך פערקויף נאך אלץ צו דעם ביליגען פרייז פון 17,50 דענישע קראנען פאר 100 שטיק. (1־10 מיללע).

די עקספעדיציעס פון באשטעלונגען קומען פאר לויט דער רייהע ווי די באשטעלונגען קומען אן — געוועהנליך געדויערט עס בלויז עטליכע טעג.

אין פארהעלטעניש צו מיין נישט גרויסען אוואנס מוז דאס געלד גלייך איינגעצאהלט ווערען צוזאמען מיט דער באשטעלונג. סיגארען ווערען געשיקט פארטא־פריי איבעראל אין דענמארק, ווען די באשטעלונג איז אויף מינדעסטענס 500 שטיק.

Brasil- Agenturet
Dybbølsgade No. 11¹.
Kjøbenhavn B.

## לאטעריע־צעטלען.

מיר מאכען אויפמערקזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער א ל ג ע מ י י נ ע  ד ע נ י ש ע  ו ו א ר ע  א ו ן  א י נ ד ו ס ט ר י ־ ל א ט ע ר י ע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן“ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ'ן פארלאנג פונ'ם קויפער.

די צווייטע ציהונג קומט פאר דעם 17־טען און 18־טען נאוועמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער ג א נ צ ע ר  ס ע ר י ע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטארירטע קאלעקציאן האט נאך עטליכע צוריק צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

## מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סטילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעדאקטאר י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־טער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאסט־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

## גוטע מיטאגען.

באקומט איר טעגליך צווישען 2־7 ביי

פרוי דווארקין, גאמעל־מינט 41, 2 זאל.

---

וויל איהר האבען סוקסעס אין אייערע געשעפטען
אנאנסירט
אין
„די אידישע וועלט“

פון רייה אן ערשיינט אין בערלין א יודיש וואכענבלאט

## „דער מזרח־יוד“

צענטראל־ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד.

„ד ע ר  מ ז ר ח ־ י ו ד“ בעהאנדעלט אלע וויכטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע די מזרח־יודען אין דייטשלאנד בפרט, און דעם מצב פון די יודען אין די מזרח־לענדער בכלל.

„ד ע ר  מ ז ר ח ־ י ו ד“ ברענגט די נייסטע אלגעמיינע און יודישע אינפארמאציעס פון דער גאנצער וועלט.

„ד ע ר  מ ז ר ח ־ י ו ד“ האט אייגענע קארעספאנדענטען אין די גרעסטע יודישע צענטרען, און דרוקט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער.

„ד ע ר  מ ז ר ח ־ י ו ד“ פערטיידיגט ענערגיש די אינטערעסען פון די היגע מזרח־יודען.

„ד ע ר  מ ז ר ח ־ י ו ד“ איז זעהר נוצליך צו שיקען גרוסען און שאפען פערבינדונגען צו קרובים און פריינד אין ענגלאנד, אמעריקא א. ז. וו.

„ד ע ר  מ ז ר ח ־ י ו ד“ איז די איינציגע אין דייטשלאנד ערשיינענדע צייטונג אין יודישער שפראך, און איז זעהר נוצליך פאר כל המיני אנאנסען און בעקאנטמאכונגען.

א ב א נ ע מ ע נ ט ס ב ע ט ר א ג: א פערטעל יאהר 12 מארק.
ר ע ד א ק צ י ע  א ו ן  א ד מ י נ י ס ט ר א צ י ע:

DER OSTJUDE, Berlin C 45, Rosenthalerstr. 43

„HAMEWASSER“ Zeitungs- und Büchervertrieb

## Cirkus Miehe.

ס י ר ק ו ס  מ י ע ה ע.

Aaboulevarden 5. Telf. Nora 4270.

אבולעווארד 5. טעלעפאן נארא 4270.

יעדען אווענד 8 אזייגער: דער מאן מיט דער מאסקע און דאס איבעריגע אקטראקשיאנספראגראם. בילעטען אהן פערהעכערונג פון 1 ביז 3 און פון 6 א זייגער נאכמיטאג.

### טרויער־אווענט פאר פראפעסאר פסחאוויטש·

מאנטאג דעם 25־טען אקטאבער איז אינ׳ם לאקאל פונ׳ם הילפס־קאמיטעט פארגעקומען אנ׳אינטימער טרויער־אווענד צום אנ־דענקען פון פראפעסאר יעקב פסחאוויטש.

ה׳ נאחעמזאהן, וועלכער האט געעפענט די טרויער־זיצונג האט אין נאמען פון הילפס־קאמיטעט אויסגעדרוקט זיין טיפען מיט־געפיהל צו דער פאמיליע פון דעם פארשטארבענעם. דר. ברענדער האט אין קורצען איבערגעגעבען א שילדערונג וועגען דעם פאר־שטאבענעמס לעבען און טעטיגקייט· עס איז דאן געמאכט געווארען אנ׳ אל מלא רחמים· עס האבען נאך גערעדט איבער פראפ. פסחא־וויטש, ה׳ גריעגסט אין נאמען פון „הגדות הציונים בדנמרק״ ה׳ קראקאווסקי אין נאמען פון „הזמיר״ ה׳ קלאז אין נאמען פון לעזע־זאל, ווי אויך די נאהנטע פריינט פונ׳ם פארשטארבענעם ה׳ טראצ־קי, דר· לייטיס און איינער פון זיינע תלמדים ה׳ האלבערשטאט.

מיט א זאכליכער רעדע האט ה׳ נאחעמזאהן געשלאסען די פארזאמלונג.

ל —.



### ליטעראַרישע און מוזיקאלישע נייעס.

#### „גנבים״

ווי מען איז אונז מודיע האט דער קאפענהאגענער אידישער האנדווערקער־פאריין ארראנזשירט א אידישע טעאטער־פארשטעלונג אויף דעם 21־טען נאוועמבער אויף וועלכער עס ווערט אויפגעפירט ווערען דעם יונגען טאלענטפולען שריפטשטעלער פ. בימקא׳ס דרא־מא „גנבים“

ווער עס האט געהאט א מעגליכקייט צו לעזען בימקא׳ס דרא־מאטישע בילד „גנבים“, וועט אהן שום צווייפעל אויפנעהמען די מיטיילונג וועגען דער אויפיהרונג פון דעם דאזיגען ווערק· מיט גרויס פרייד. דאס דאזיגע ווערק האט זייט עס איז ערשינען ארויס־גערופען דעם גרעסטען אינטערעס אין אלע טעאטער־קרייזען. פאר די לעצטע צוויי יאר ווערט עס געשפילט אויף אלע אידישע סצע־נעס אין פוילען, אמעריקא און אנדערע לענדער.

די צוויי הויפט־קרעפטען, וואס וועלען אויפטרעטען אין „גנבים“, די באקאנטע שוישפילער ה׳ און פרוי בילאווסקי, וועלכע שטודירען אויך איין די דראמא מיט די אנדערע אנטיילנעהמער וועלען דאס מאל האבען א גוטע געלעגענהייט ארויסצווייזען זייערע פעהיגקייטען און טאלענט. ס׳איז צו האפען אז דער אווענד וועט האבען דעם געהעריגען ערפאלג·

### שפיוואקאווסקי׳ס וועלען שפילען צום „הזמיר״־קאנצערט.

אויף אנ׳אנדער ארט אין אונזער צייטונג וועלען די לעזער געפינען אנ׳אנאנסע וועגען דעם קומענדען „הזמיר“־קאנצערט, וואס קומט פאר דעם 11־טען דעצעמבער און פון וועלכע עס איז צו זעהן, אז דער פארוואלטונג פון „הזמיר“ איז געלונגען צו באקומען צו זייער קאנצערט די געניאלע אידישע קינסטלער, דעם יונגען 12־יעהריגען וויאלין־ווירטואז **טאסי שפיוואקאווסקי** און זיין ברודער דער קלאוויער־ווירטואז **אלבערט**. **שפיוואקאווסקי׳ס** נאמען אויף א מוזיק־פראגראם איז גענוג· אז אפילו דער גרעסטער זאל זאל איבערפילט ווערען, דאס איז א זשעני· וואס האט צו זיך כמעט קיין גלייכען אין דער קינסטלער־וועלט, כאטש ער איז נאך אזוי יונג.

אין נעכסטען נומער „די אידישע וועלט“ ברענגען מיר אנ׳ ארטיקעל וועגען טאסי שפיוואקאווסקי.

---

## ביכער אומזיסט!

פאלגענדע ביכער באקומט איר אומזיסט ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“:

1) ה׳ ד. נאמבערג׳ס. „א ליטעראַרישער דור“·
2) פ. בימקא׳ס. „אויפ׳ן וואקזאל“·
3) י. שימינזאהנ׳ס· „די בלום פון פאפראטש“·
4) א זאמלונג ערצעלונגען. „ביי דער מוטער־ערד“·
5) אנ׳אראביש ווערטער־ביכעל·
6) יוליוש סלאוואצקי. „לילא ווענעדא“.

די דערמאנטע ביכער וועלען מיר געבען אונזערע אבאנענ־טען לויט פאלגענדע באדינגונגען.

די יערליכע אבאנענטען באקומען אלע 6 **ביכער אומזיסט**. האלב־יערליכע 3 ביכער· פיערטעל־יערליכע אבאנענטען 2 ביכער.

ווען איר אבאנירט זיך אויף „די אידישע וועלט“ שרייבט אונז, וועלכע ביכער מיר זאלען אייך שיקען.

---

### איבעראשענדע נייעס פון „הזמיר“

שבת דעם 11 דעצעמבער האלב 8 אוהר שטאטפינדעט אונ־זער יעהרליכער קאנצערט אין

Arbejderforeningen Nørrevoldgade 90.

אלס סאליסטען:

די פערגעטערטע קינסטלער

**טאסי און אלבערט שפיוואקאווסקי**

בילעטען צו 4· 3· 2,50 ·2 ·1·50 זענען שוין צו באקומען ביי אלע מיטגלידער פון „הזמיר“ און דורך טעלעפאן ביי קראטאשינסקי Vester 5459 y.

באזארגט אייך באצייטענס מיט בילעטען.

קינדער אונטער 7 יאהר ווערען אבסאלוט נישט ארייגעלאזען·

די פארוואלטונג·

## פון ארץ ישראל.

(ספעציעלע ידיעות צו „די אידישע וועלט")

### די ערשטע זיצונג פון דער אידישער גרינדונגס־פארזאמלונג.

ירושלים, 11 אקטאבער.

אין דער אנוועזענהייט פון 250 דעלעגאטען פון אלע שטעט, קאלגני׳עס און קאאפעראציעס, איז דעם 7־טען אקטאבער געעפענט געווארען די ערשטע אידישע גרינדונגס־פארזאמלונג (אספת הנדחרים) פון ארץ ישראל אויף דער דאזיגער היסטארישער אספה איז צום ערשטען מאל פארגעלעזען געווארען א באגריסונג פון דעם העכסטען קאמיסאר (היי־קאמישאנער) הערבערט סעמיול׳ וועלכער דרוקט אויס זיין האפענונג, אז די אידישע גרינדונגס־פארזאמלונג וועט ברענגען גרויס נוצען דעם אידישען ישוב און וועט שאפען א פרידליך און הארמאנישעס צוזאמענלעבען מיט דער נישט אידישער באפעלקערונג פון פאלעסטינא.

### א יום טוב אין צפת.

לאנדאן, 24 אקטאבער.

פון צפת קומט אן די ידיעה, אז דארט איז עטליכע טעג נאך ראש־השנה פארגעקומען אנ׳אויסערגעוועהנליכער פייערליכער יום טוב לכבוד דער אויפנאהמע פון דעם העכסטען קאמיסאר הערבערט סעמיול׳ וועלכער האט צום ערשטען מאל באזוכט די שטאט.

גאנץ צפת איז געווען געפוצט און געשמוקט מיט בלומען און טריאומף־טויערען׳ א גרויסע צאל אידען און אראבער זענען ארויס אין וועג באגעגענען דעם גאסט׳ וועלכער איז אריינגעריטען אין שטאט אונטער א גרויסער עהרענוואכט פון אידישע רייטער־מיליציאנטען׳ צפת וועט לאנג געדענקען דעם גרויסען יום טוב, וואס האט אריינגעבראכט א פריש לעבען אין דער דאזיגער שטאט.

### צוריק קיין ארץ ישראל.

ירושלים — בערך 700 אידען, וועלכע זענען געווען פראנצויזישע אונטערטאנער און האבען געוואוינט אין צפת און אומגעגענד, זענען בשעת דער מלחמה ארויסגעשיקט געווארען פון לאנד דורך די טערקען. די פראנצויזישע רעגירונג האט זיי דאן איבערגעפירט קיין קארסיקא. נאכ׳ן באשלוס פון סאן־רעמא׳ האבען איינ׳יגע פון זיי זיך געווענדעט צו דער פראנצויזישער רעגירונג מיט א ביטע צו ערלויבען זיי אומצוקערען זיך קיין ארץ ישראל׳ די רעגירונג האט זייער ביטע באלד ערפילט און איבערגעפירט זיי אויף אירע הוצאות קיין בירות, וואו זי האט זיי געהאלטען ביז עס איז אנגעקומען פאר זיי די ערלויבניש פון דער פאלעסטינישער פארוואלטונג אומצוקערען זיך אהיים.

---

„די אידישע וועלט"

איז צו באקומען אין ב. ט. צענטראלען׳ „פאליטיקענס" הויז׳ ראטהוזפלאץ און אין דער רעדאקציע פרעדעריקסבערג אלעע 28 (ארייננאנג דורך סאנט טהאמאס אלעע)׳

פרייז פון איינצעלען נומער 30 ערע.

---

די בענקשאפט און די טרער נאךביידע היימאטען. רעמבראנדדער ווילדער, דער שטורמישער ווען אים האבען דעדעסען די פרימיטיווע גראבע קערמעסען, דער הויפען מוסקולען איז ער געלאפען אין אידישען געטהא נאך פארבען, נאך מאלערישע איינדרוקען, דארט האט זיך זיין אויג געזעטיגט און זיין האנט האט פיבעריש סקיצירט די שיפען פון שטאלץ און אומעט. פון פרונצען אין אפגעריסענע קליידער.

איינמאל האט רעמבראנד געזעהען א סצענע, וואס האט זיך אים טיף איינגעגראבען אין הארצען. אויף איינע פון די האלב־טונקעלע גאסען פון דער אמסטערדאמער געטהא האט געהערשט אנ׳ אונבאשרייבליכע אויפרעגונג; שטיינער און קללות זענען געפלויגען אין יענער ריכטונג, וואו עס האבען זיך געזעהען האסטיגע טריט פון א פארפאלגטען׳ א בלאסער אויסגעמאטערטער פנים, צונויפגעפרעסטע, פון צער און צארן, ליפען און דער קאפ גרוי׳ ער איז כמעט געלאפען נישט ווענדענדיג זיין בליק א הינטער צו די פארפאלגער, ווי א פארהעצטע, געיאגטע חיה. אריאל דא קאסטא!

גרויזאם זענען די אמסטערדאמער רבנים, גרויזאם די געמיינדע נאר אין קאלבענהעיר׳עס פיינעם׳ פארקלערטען בוך אין וועלכען מיט א באזונדער׳ער ליבע, צארטקייט, מיט א טיפען פארשטעהן, ווערט געשילדער׳ט דאס אידישע, גיט זיך אזוי ווי דער ענטפער: אקארשט האבען זיי דורך די פלומען פון דער אינקוויזיציע דורכגעטראגען א תורה, דעם אידישען גלויבען. פון שפאניען פארשטויסען, די זון אויף דעם נעבעל פארביטען, פארלאזען די טייערסטע קברים, דאס רייכטום פארגעסען, טרויריגע זכרונות איבער אומצעליגע אומגעקומענע אויף קדוש השם און איצט קומט דא־קאסטא און גיט זיך אפ דער לוסט פון צווייפלען

זענען אבער די אמסטערדאמער אידען איינפערזיכטיג, זענען געוואלדיגע קנאים׳

אבער די אריאל דא־קאסטא טראגעדיע איז, וואס אין אים טומעלט היציג בלוט׳ ער שטויסט צווישען צוויי ברעגען פון עמפערונג, הויכמוט און הכנעה. ער איז א ראמאנטיקער׳ א האלבנאטור. די געמיינדע וועט אים סוף כל סוף מנצח זיין, די זעלבע געמיינדע, וועלכע וועט זיך שפעטער פילען אזוי אונמעכטיג בנוגע שפינאזא, ווייל דא וועט זי זיך טרעפען מיט א קלארען קריסטאלבארג, מיט א אונבייגזאמען ווילען איינגעהילט אין דער געלאסענקייט פון א נזיר. אוריאל דא־קאסטא האט גוטע פריינט אין דעם אמסטערדאמער געטהא. דער יונגער רב יהודה, א אויפגעקלערטער, אבער נישט צום קאמף ענטשלאסענער און די צווייטע פרוי פון מיכאל דע שפינאזא, ברוכ׳ס מוטער חנה דבורה. אין איהר נשמה לייכט דער הימעל פון פארטוגאל און איז פארבארגען א שעמעוודיגע׳ שטילע ליבע צום רב יהודה.

(המשך פאלגט)

## בריף פון לאנדאן.

(פון אונזער לאנדאנער קארעספאנדענט)

וואס עס אינטערעסירט היינט מערסטענטיילס די ענגלישע עפפענטליכע מיינונג איז די לאגע פון די ענגלישע ארבייטער אין צוזאמענהאנג מיט'ן קוילען־סטרייק· דעם אמת געזאגט הערשט איצט א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט אין די גרויסע אינדוסטרעלע סביבות. ווען מען גיט א בליק זעהט מען גאנץ קלאר, אז אין פילע שטעט וואו ארבייטער סיי אידישע סיי ענגלישע האבען אין דער צייט פון דער מלחמה געלעבט אונטער גוטע אומשטענדען און געברויכט פיל געלד „אויף צו לעבען", זענען נישט קוקענדיג אויף די הויכע לוינען אין דעם איצטיגען אויגענבליק אין נישט קיין גוטער לאגע.

עס איז אבער קיין צווייפעל נישט, אז די לאגע פון די ארבייטער־קלאסען אין ענגלאנד וועט זיך באלד פארבעסערען. עס וועט נישט לאנג דויערען ווי די גרויסע אינדוסטרעלע און אייזען־אינדוסטריען וועלען צוריק אויפלעבען און דאס לעבען וועט פארטזעצען דעם געוועהנליכען נארמאלען גאנג·

די ארבייטער־מאסען אין ענגלאנד האבען שוין איצט איינגעזעהן די שרעקען און מורא'דיגע פאלגען פונ'ם "באלשעוויזם" און די געפארען וואס האבען ארומגעכאפט די גאנצע מענשהייט. דער ענגלישער סיי דער אידישער ארבייטער האט זיך איינציגווייז גענומען אפשאקלען פון דער „רויטער תורה" און זיין לעהרע·· דער ענגלישער ארבייטער האט אנגעהויבען איינזעהן· וואס עס זענען די פאלגען פונ'ם באלשעוויזם אין רוסלאנד, און ער ווייס, אז דא אין ענגלאנד ווי אויך ערגעץ אנדערש, אז די צושטערונג פון דעם נארמאלען ארבייטער־לעבען איז אויך גלייכצייטיג די צושטערונג פון דער גאנצער מאדערנער אינדוסטריע און ער בעטראכט די אנארכיע אין דעם געוועהנליכען ארבייטער־גאנג ווי דאס ארויסרייסען דעם יסוד פון א הויז וואס איז געגרינדעט אויף א פעלז.

דער אמת איז, אז אויך ענגלאנד האט אסך פון די „היץ־קעפ". אויך זיי רעדען זעהר פיל; זייערע מעשים אבער זענען אזעלכע קליינליכע... די אומשטענדען פון דעם לאנד ערלויבען אויך נישט דעם פרייזיניגען אגיטאטאר צו ווייט צו געהן אין זיינע רייד, ממילא נאך ווען ער טאר נישט אויפהיצען זיינע אנהענגער, ווייל דאס ווערט אין ענגלאנד באשטראפט אלס הויכפארראט געגען די הערשענדע געזעצען פון לאנד.

אין ענגלאנד איז מען איבערצייגט, אז דאס לאנד וועט דעם שטורם, וואס איז תמיד דער תכלות פון א מלחמה און וואס איז די סבה פון אונרוהען ביי די ארבייטער־מאסען, זעהר גוט אויסהאלטען· דאס ענגלישע פאלק איז א געדולדיגעס און האט שוין א סך קריזען אויסגעהאלטען, דערפאר איז מען דא איבערצייגט, אז דא וועט דער באלשעוויזם זיין מיאוס'ען קאפ נישט קענען אויפהויבען· די אידישע סיי די ענגלישע ארבייטער־מאסען דא אין לאנד זענען צו ענטוויקעלט, אז זיי זאלען דערלאזען צו דאס זעלבע וואס עס איז געשעהן אין רוסלאנד.

לאנדאן 22 אקטאבער.

דר. נ. שטיין.

## ש. גארעליק.

### א שפינאזא־ראמאן. *)

(ספעציעל פאר „די אידישע וועלט")

געלעזען א בוך פון א עסטרייכישען שריפטשטעלער קאלבענהעיער „אמאר דעי"· שפינאזא א ראמאן. א שטילער, ביז גאר דורכגעדאכטער· זעהר צארטער ראמאן· א רייכע עפאכע ענטפלעקט זיך פאר דעם לעזער· די נידערלאנדען, וואו עס בליהט דער האנדעל און וועמענס זעגעל־שיפען גליטען איבער די אונענדליכע ים־געגענדען אן פרייגייסטעריי. אין די קליינע האלענדישע שטעט דרוקען זיך די פרייע טראקטאטען אין לאטיינישע שפראך, טראקטאטען, וואס מען קען פשט אהן א גרויסער געפאר דרוקען אין אנדערע לענדער· אבער, וואס וואלט האלאנד געוועזען אהן אט די פרעמדארטיגע זיד־בלום, וואס די שרעקען פון דער אינקוויזיציע האט פארפלאנצט אויף זיין באדען· אנוויינענדיג, אנקלאגענדיג זיך, גענוג אויף די טייערע קברים, זעגענדיג זיך מיט דעם זונענדיגען שפאניען, אזוי הייס געליעבטען האבען זיך די מאראנען געלאזט זיך זוכען נאך א רוהיג, זיכער ווינקעל אויף דער וועלט. קיינמאל אפשר האבען די ים־וועלען נישט פארהילפט אזוי פיל יאמער· אזוי פיל טיפע זיפצען ווי אין יענער צייט ווען די שיפען האבען געפירט די שפאנישע און פארטוגאלישע גרושים· מירים נוגעץ, די געטליכע שענע, איז אויך געוועזען אויף איינעם פון אט די זעגעל־שיפען. וועלפע יעקב טיראדא האט אנגעפירט. און אוריאל דא־קאסטא און מיכאל דע שפינאזא זענען געוועזען ערגיץ אויף א אנדער שיף. אלע האבען זיי געזעגעלט צו די ברעגען פון האלאנד, פון פרייען, טאלעראנטען האלאנד, וואס האט געגעבען שוץ די אידען זייענדיג אגב דערפאר אנשטענדיג באצאלט· און דאס איינטעניגע, פלאכע, זעטיגע, געזונטע, דערבע האלאנד האט זיך מיט אמאל ארייגעוועפט א גרויסער שטיק מזרח, עס האבען א בליץ געטון פייערדיגע און גלייכצייטיג פאר'חלום'טע אויגען, שטאלצע געשטאלטען מיט א איינגעגראבענער, פארבארגענער בענקשאפט אין וועלכער מען האט זיך אפשר געשעמט מודה זיין. א! שפאניען, או פארטוגאל." און צו אט דער בענקשאפט איז צוגעקומען נאך איינע נישט אלע מאל העלבאוואוסט, אבער זי איז געוועזען, די בענקשאפט נאך דער ווייטער, צווייטער אור־היים, נאך דער ראסען וויגעלע. אט די בענקשאפט האט געדעמפט דעם שפאנישען שטורם, האט געליען דער געשטאלט א פארקלערטהייט, א זעלטענע איידעלקייט און ווען פון דעם אידישען געטהא האבען געקלונגען גיטארע־טענער, איינזאמע גיטארע־טענער אן דעם היימעל פון גראנאדע און טאלעדא, האט זיך אין די טענער געשפירט

*) E. G. Kolbenleyer: „Amor Dei“.

## אונגאריש געלט פאר אנטיסעמיטישער אגיטאציע אין אויסלאנד.

אז אונגארן האט לעצטענס פארנומען אנ׳ „אנגעזעהענעם ארט” אין דער רייהע פון לענדער, וואס טרייבען א אידען־פיינדליכע פאליטיק סיי ביי זיך אין לאנד סיי אין אויסלאנד, אין דעם איז מעהר קיין צווייפעל נישט.

הארטי און זיינע לייט האבען גלייך ווי זיי זענען געקומען צו דער מאכט גענומען ארויסווייזען זייער פיינדליכע שטעלונג צו אידען, וואס דאס איז אויך פאר זיי „נויטיג” געוועזן כדי צו באקומען דעם געהעריגען צוטרוי פון די ביוראקראטישע און רעאקציאנערע מאדזשארען אינ׳ם לאנד.

די הארטי־לייט האבען זיך אבער נישט געריכט דערויף, דאס ווען זיי וועלען אנהויבען א שטארקע פארפאלגונג געגען די אידען, וועט זיך מערב־אייראפא אריינמישען אין זייערע „אינערע אנגעלעגענהייטען” און וועט זיך באציהען אנטיפאטיש צו דעם נייע אונגארישען שטאאט און זיינע רעגירונגס־לייט. זעהענדיג אבער, אז דאס איז יא געוועזן דער פאל האבען זיך די אונגארן געכאפט צו דעם גוט באקאטען מיטעל: אונטערוועניערט איינע אדער א צווייטע מאכט ביי דער אונגארישער רעגירונג, אז זי פארפאלגט אידען און מאכט אויף זיי פאגראמען, האבען די דאזיגע פיינע מאדזשארען א גריישען ענטפער: באלשעוויקעס פארפאלגען מיר און נישט אידען!...

צעהנדליגער נאטען און בריף זענען לעצטענס פארשיקט געווארען פון דער אונגארישער רעגירונג צו פארשידענע אייראפעאישע מלוכות מיט דער תשובה אויף די פילע אונטערוועניאנען אין וועלכע עס ווערט ערקלערט, אז די אונגארישע רעגירונג האט קיינמאל נישט פארפאלגט און פארפאלגט אויף איצט נישט קיין אידען נאר פירט א „ביטערען קאמף געגען די באלשעוויקעס און קאמוניסטען, וואס די מעהריסטע פון זיי זענען אידען”...

מיט אט דעם דאזיגען שענדליכען אויסרייד זוכט די אונגארישע רעגירונג צו פארבלענדען די אויגען פון די מערב־אייראפעאישע מלוכה־לייט און אויף דעם דאזיגען פראוואקאטארישען חשבון פירט זי ווייטער אן איהרע פארפאלגונגען סיי געגען די אונגארישע אידען סיי געגען די אידישע פליכטלינגע פון גאליציען, וועלכע זענען א דאנק דעם מלחמה־לוסט פון אונגארן געבליבען היימלאזי פארלוירען זייער האב און גוטס און איצט ווען אט די דאזיגע מלחמה־קרבנות זוכען א שטיקעל מקום מקלט אין אונגארן, ווערען זיי אונאויפהערליך פארפאלגט דורך אויסנאחמס־געזעצען און פאגראמען, וועלכע נעהמען נאר קיין סוף נישט.

ווי דער אמת איז איז עס די הארטי־לייט אין פילע פעלע געלונגען צו „איבערצייגען” א טייל אייראפעאישע מלוכה־לייט ווי אויך די עפענטליכע מיינונג, אז אלע די ידיעות וואס זענען געווען פארשפרייט אין אויסלאנד וועגען פארפאלגונגען און פאגראמען געגען אידען אין אונגארן, זענען נישט מעהר ווי „א פיינדליכע אגיטאציע” געגען דער אונגארישער מלוכה, וועלכע קעמפט אויף לעבען און טויט געגען דעם באלשעוויזם...

איז אבער לעצטענס פארגעקומען א פאל, וואס באווייזט ווי העסליך און געמיין עס איז די פאליטיק פון די איידעלע מאדזשארע־לייט און וואס פאר א שענדליכע פראוואקאטארישע פאליטיק די הארטי־אגענטען טרייבען אין דער וועלט געגען די אידען.

איך מיין דא די דאקומענטען, וואס זענען לעצטענס פארעפענטליכט געווארען אין דער וויענער „ארבייטער צייטונג”, וועלכע ווייזען דייטליך, וואס פאר א העצערישע און אידען־פיינדליכע פאליטיק עס פירט די אונגארישע רעגירונג, נישט נאר ביי זיך אין לאנד, נאר אויך אין אויסלאנד.

פון די דאקומענטען, וואס די וויענער „ארבייטער צייטונג” האט לעצטענס פארעפענטליכט איז צו זעהן ווי די אונגארישע געזאנדשאפט אין וויען האט געגעבען הונדערטער טויזענדער קראנען כדי צו העלפען דעם עסטרייכישען „אנטיסעמיטישען פערבאנד” אין דער אידען פיינדליכער אגיטאציע. גלייכצייטיג איז פון די פארעפענטליכע דאקומענטען צו זעהן, אז אויך די אידען־פרעסערישע וויענער „רייכספאסט” האט פון אונגארן ערהאלטען אנגעהויער גרויסע סומען געלד פאר איהר אנטיסעמיטישער העצע. אין די דירעקטיוען, וואס דער אונגארישער געזאנטער אין וויען פלעגט געבען צו די ארגאנען, וואס ער האט סובסעדירט מיט געלט איז תמיד געוועזן דער באדונג: אגיטאציע געגען דעם אידישען איינפלוס אין אויסלאנד.

נאך מיט חדשים צוריק, ווען דער שרייבער פון די דאזיגע שורות האט באזוכט א גרויסע דענישע רעדאקציע, האט מען דארט אנגעוויזען אויף צענדליגער טעלעגראמען. וואס קומען טעגליך אן אין די רעדאקציעס פון די סקאנדינאווישע צייטונגען מיט דער טענדענץ אויפצוהעצען די עפענטליכע מיינונג פון אייראפא געגען די אידען. גאנצע ארטיקלען ווערען דורך דער אפיציעזער אונגארישער „טעלעגראף־קאמפאניע” פאנאנדער געשיקט צו דער סקאנדינאווישער פרעסע נאר כדי צו באווייזען, אז די אידען זענען קאמוניסטען און אז זיי זענען עס שולדיג דערין, וואס אין א גרויסע צאל לענדער ווערען אפגעשאפט די מאנארכען און „פון דעם פאלק געוועהלטע הערשער”...

א טייל פראווינץ־צייטונגען אין סקאנדינאוויען האבען די דאזיגע העצערישע ידיעות און ארטיקלען אפגעדרוקט. דאגעגען האבען די גרויסע רעדאקציעס די אלע אונגארישע טעלעגראמען אריינגעווארפען אין דעם פאפיר־קארב. יעדענפאלס איז צו זעהן וויפיעל מיליאנען די אונגארישע רעגירונג ווארפט ארויס א יאהר אויף צו העצען געגען די אידען.

לעצטענס האט די אונגארישע רעגירונג געפונען א נייע וויכטיגע ערשיינונג צו פארשפרייטען טעלעגראפיש אין דער וועלט. „מוראדיגע פאגראמען אויף אידען אין דער טשעכאסלאוואקיען”. א פנים, אז די אריסטאקראטישע מאדזשארען מיינען, אז די וועלט איז אזוי נאאיוו און פארשטעהט נישט איהר טענדענץ מיט איהר לעצטער פראוואקאטארישער האנדלונג...

ש. פאן.

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 3. | Fredag, 29. Oktober 1920. | פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.

# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.

Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.

| | |
|---|---|
| Abonnement paa<br>„Di YidischeWelt"<br>12 Kr. pr. Aar.<br>6 Kr. pr. Halvaar.<br>3 Kr. pr. Kvartal. | אבאנעמענטס־פרייז פאר<br>„די אידישע וועלט": <br>יעהרליך — 12 קראנען<br>האלב־יעהרליך — 6 קראנען<br>פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען |

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג פאסט־אדרעסע:

Postbox No. 221 Kjøbenhavn B.

אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332

Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער· לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונטט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

Annoncer til „Di Yidische Welt" optages ved Henvendelse til Bladets Annonce-Afdeling, Postadresse: Postbox Nr. 221, København B.; Telefon Vester 7332; Post-Giro 432, København B.

אינהאלט:

אונגאריש געלד פאר אנטיסעמיטישער אגיטאציע אין אויסלאנד.

דר· נ. שטיין: בריף פון לאנדאן.

ש· גארעליק: א שפינאזא־ראמאן.

ידיעות פון ארץ ישראל·

טרויער־אווענט פאר פראפ. פסחאוויטש·

ליטערארישע און מוזיקאלישע נייעס.

OLAF LASSEN & Co.

אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.
Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
Amagertorv 24. 1921 פון יאנואר

## סיגארען.

אויב איהר ווילט רייכערען א לייכטען און גוטען סיגאר, דאן זאלט איהר פרובירען מיינע גוטע שדאנדאד־סיגארען „בראזיל 2", וועלכען איך פערקויף נאך אלץ צו דעם ביליגען פרייז פון 17,50 דענישע קראנען פאר 100 שטיק. (1־10 מיללע).

די עקספעדיציעס פון באשטעלונגען קומען פאר לויט דער רייהע ווי די באשטעלונגען קומען אן — געוועהנליך געדויערט עס בלויז עטליכע טעג.

אין פארהעלטעניש צו מיין נישט גרויסען אוואנס מוז דאס געלד גלייך איינגעצאהלט ווערען צ׳זאמען מיט דער באשטעלונג. סיגארען ווערען געשיקט פארטא־פריי איבעראל אין דענמארק, ווען די באשטעלונג איז אויף מינדעסטענס 500 שטיק.

Brasil- Agenturet
Dybbølsgade No. 11⁴.
Kjøbenhavn B.

## לאטעריע־צעטלען.

מיר מאכען אויפמערקזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער **אלגעמיינע דענישע וואַרע און אינדוסטרי־לאטעריע**, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

דיגעווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן" (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די צווייטע ציהונג קומט פאר דעם 17־טען און 18־טען נאוועמבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער **גאנצער סעריע** (6 ציהונגען) קאסט 15 קראנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטאריזירטע קאלעקציאן האט נאך עטליכע צוריק צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

## מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען· געזאנגען א. א וו. סטילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעדאקטאר י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־טער זאל·
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאסט־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

ווילט איהר האבען סוקסעס אין

אייערע געשעפטען

אנאנסירט

אין

„די אידישע וועלט"

פון רייה אן ערשיינט אין בערלין א יודיש וואכענבלאט

## „דער מזרח־יוד"

צענטראל־ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד·

„דער מזרח־יוד" בעהאנדעלט אלע וויכטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע די מזרח־יודען אין דייטשלאנד בפרט· און דעם מצב פון די יודען אין די מזרח־לענדער בכלל.

„דער מזרח־יוד" ברענגט די נייסטע אלגעמיינע און יודישע אינפארמאציעס פון דער גאנצער וועלט.

"דער מזרח־יוד" האט אייגענע קארעספאנדענטען אין די גרעסטע יודישע צענטרען, און דרוקט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער·

„דער מזרח־יוד„ פערטיידיגט ענערגיש די אינטערעסען פון די היגע מזרח־יודען·

„דער מזרח־יוד" איז זעהר נוצליך צו שיקען גרוסען און שאפען פערבינדונגען צו קרובים און פריינד אין ענגלאנד, אמעריקא א. ז. וו.

„דער מזרח־יוד" איז די איינציגע אין דייטשלאנד ערשיינענדע צייטונג אין יודישער שפראך, און איז זעהר נוצליך פאר כל המיני אנאנסען און בעקאנטמאכונגען·

אבאנעמענטסבעטראג: א פערטעל יאהר 12 מארק.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

DER OSTJUDE, Berlin C 45, Rosenthalerstr. 43

„HAMEWASSER"' Zeitungs- und Büchervertrieb

Cirkus Miehe.
סירקוס מיעהע.
Aaboulevarden 5. Telf. Nora 4270.
אבולעווארד 5. טעלעפאן נארא 4270.

יעדען אווענד 8 אזייגער: דער מאן מיט דער מאסקע און דאס איבעריגע אקטראשיאנספראגראם. בילעטען ;אהן פערהעכערונג פון 11 ביז 3 און פון 6 א זייגער נאכמיטאג.

Rasmussen & Rugh København

## די העסליכע אינטריגעס פון אונגארן.

פאריגע וואך האבען איינינע אונגארישע טעלעגראף־אגענטורען פארשפרייט די ידיעה וועגען פאגראמען וואס זאלען זיין פארגעקומען געגען אידען אין דער טשעכאסלאוואקיי. ווי עס ווייזט זיך איצט ארויס זענען אין דער טשעכאסלאוואקיי קיין פאגראמען געגען אידען נישט פארגעקומען. פון פראג טיילט מען אונז מיט פאלגענדעס דעם 26 סעפטעמבער איז אין ניישטאדט פארגעקומען א פארזאמלונג פון טשעכישע לעגיאנערען געגען די מאדזשארען. די אונגארישע אגענטען אין ניישטאדט האבען אבער געזוכט די פארזאמלונג צו פראוואצירען און זי צו פארוואנדלען אין א אנטי־אידישע דעמאנסטראציע, וואס דאס איז זיי אויך געלונגען.

אט אזוי זעהט אויס די אונגארישע „טעטיגקייט” אי די אנדערע לענדער. נישט גענוג נאך וואס ביי זיך אין לאנד טרייבען זיי און פארפאלגען די אידען, זוכען זיי נאך אויך אין אנדערע לענדער צו פראוואצירען די אידען און אזוי ארום שאפען אנ׳אויפהיצענדע שטימונג און פאגראמען

וועגען דער טעטיגקייט פון די אונגארישע אגענטען אין אויסלאנד וועלען מיר זיך נאך אומקערען אין נעכסטען נומער פון „די אידישע וועלט”.



## ליטערארישע נייעס.

אין מאסקווע האבען זיך לעצטענס קאנצענטרירט א רייהע אידישע שריפטשטעלער, וואס פירען א גאנץ אינטענסיווע ליטערארישע טעטיגקייט. עס איז ווידער באנייט געווארען די אויסגאבע פון דעם זשורנאל „קולטור און בילדונג”, ביי דעם נאהענטסטען אנטייל פון ליטוואקאוו, ד. טשארני און דאברושין. עס ווערען אויך איבערגעזעצט א רייהע ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור, צווישען אנדערע. לעסינגס „נתן דער חכם” (דורך ד. טשארני), גאגאלס „טויטע נפשות” (דורך צ. הירשקאן), דייטשע דיכטער (דורך ד. האפשטיין), טימיריאזעווס „דארווינס טעאריע” א. אנד. בעל־מחשבות שרייבט א ווערק וועגען לעא טאלסטאי, נסתר־מעשהלעך, דאברושין־סילועטען (ליטערארישע כאראקטעריסטיקעס).

— פון מאסקווע איז מען מודיע, אז דער באקאנטער העברעאישער דיכטער ח. נ. ב י א ל י ק, האט פון דער סאוויעט־רעגירונג ערהאלטען די ערלויבעניש אויף אוועקצופארען פון אדעס. אויך די רומענישע רעגירונג האט ביאליק׳ן ערלויבט דורכצופארען איבער רומעניען נאך קאנסטאנטינאפעל. ביאליק זאל האבען אין דער לעצטער צייט זער שלעכט געלעבט אין אדעס.

## פראפ. י. פסחאוויטש ז״ל.

מיט באדויערען טיילען מיר מיט, אז פרייטאג דעם 15־טען אקטאבער, איז אין קאפענהאגען געשטארבען פון א הארץ־שלאק פראפעסאר יעקב פסחאוויטש אין דער עלטער פון 65 יאר.

דער פלוצימדיגער טויט פון דעם אנגעזעהענעם געלערטען האט ארויסגערופען א רושם צווישען אלע קלאסען אידען אין קאפענהאגען. אלע יעניגע, וועלכע האבען געקענט פראפ. פסחאוויטש האבען אים געאפטעט און רעספעקטירט פאר זיין ערענהאפטעס אויפטרעטען אלס מענש און געלערטער.

אין דער לויה, וואס איז פארגעקומען לעצטען מאנטאג, האט זיך באטייליגט א גרויסער עולם אפגעבענדיגען דעם לעצטען כבוד צו דעם חשב׳ען אידען. קרענץ זענען צו דער לויה געשיקט געווארען פון דער „אידישער ארבייטער לעזע־זאל” פון פראפ. פסחאוויטש׳ס גרופע ענגליש־לערנענדע תלמדים פון דער פאמיליע לייטיט און אנדערע.

צווישען די קאפענהאגענער איינגעוואנדערטע אידען וועט פראפ. פסחאוויטש׳ס נאמען תמיד דערמאנט ווערען מיט גרויס דרך ארץ.

ל־.

## „הזמיר”.

ווי מען איז אונז מודיע פאראנשטאלטעט דער קאפענהאגענער געזאנג־פאריין „הזמיר”, שבת דעם 11־טען דעצעמבער א גרויסען יערליכען קאנצערט מיט דעם אנטייל פון א גרויסע צאל באקאנטע קרעפטען. דער קאנצערט וועט פארקומען אין ארבייטערס־פארעניגונגס־לאקאל, נארעוואלדגאגע נומער 90. גלייכצייטיג פארברייטעט דער „הזמיר” אויף דעם 13־טען פעברואר א גראנדיעזען פרעמיע־קארנאוואל אין דעם נייעם רעמאנטירטען לאקאל, „בלייגדאמסויי־פעלסקאפס־לאקאל”, בלייגדאמסויי נומער 26.

## די אידישע ראסע.

אויף שבת דעם 23־טען אקטאבער האט דער קאפענהאגענער לעזע־זאל אראנזשירט אנ׳ערעפנונגס־אווענט פון דעם ווינטער־סעזאן מיט א פארטראג פון דר. מ. ברענדער איבער „די אידישע ראסע”. דער פארטראג קומט פאר אין דעם נייען לאקאל פון דער לעזע־זאל. ראנטצויסגאדע נומער 58, א זייגער 8 אין אווענט.

---

„די אידישע וועלט”

איז צו באקומען אין ב. ט. צענטראלען, „פאליטיקענס” הויזראטהוזפלאץ און אין דער רעדאקציע פרעדעריקסבערג אלעע 28 (אריינגאנג דורך סאנט טהאמאס אלעע).

פרייז פון איינצעלען נומער 30 ערע.

צוריסען דעם סמיק און מיט די פויסטען דערדריקט זיין פידעל· נאהנטע מענשען און די פון ארום שחט־הויז האבען דערצעהלט, אז ווען זיי האבען אים געזעהען ביי דער גסיסה, האט ער די פידעל אבגעלאזט און געמורמעלט. „איידער זי איהם איבערצולאזען, איז בעסער זי צו צוברעכען“.

„אט דאס איז די ריכטיגע אייגענשאפט פון שעדלעך. א שעדלעצער פאטער האט ליב צו זעהען אין זיין קינד די צוקונפט פון דער איידעלערער קינסטלערישער וועלט. די דאזיגע מעלה מעג איר פעררעכענט ווערען·

יואל מאסטבוים.

---

# דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד

(פון אונזער בערלינער קארעספאנדענט.)

די אנטיסעמיטישע באוועגונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין דייטשלאנד זייט דער רעוואלוציע, האט זיך אין די לעצטע חדשים בעדייטענט פערשטארקט. אין דער צייט ווען די דאזיגע בעוועגונג איז ביי די פריהערדיגע סאציאליסטישע רעגירונגען, נישט געווען אזוי שטארק און איז געפירט געווארען בסוד, ווערט זי היינט ביי די בירגערליכע רעאקציאנערע רעגירונגען געפירט. גאנץ אפען, אהן שום צוריקהאלטונג.

אין עפענטליכע לאקאלען, אויף די באהנען א. א. וו. ווערט די העצע געפיהרט פראנק און פריי, מ׳זעהט אומעטום פלאקאטען און צעטלען, וועלכע רעכנען אויס די חטאים פון די „יודען“ און פאדערן א שטרענגען קאמף געגען די „שונאים“ פון דייטשען פאלק.

דער הויפט־פונקט פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג אין דייטשלאנד, איז בייערן. דארט פילען זיך די אנטיסעמיטען פאלשטענדיג היימיש· ווייל זיי ווייסען, אז די מלוכה־מענער זענען אויך מסכים מ׳ט די „פרינציפּען“ פון פירען א קאמף געגען אידען·

איך וועל דא איבערגעבען אייניגע פאלען· וועלכע זענען· לעצטענס פארגעקומען אין מינכען — די הויפטשטאט פון בייערן וועלכע ווארפען א קלאר בילד אויף דער אנטיסעמיטישער באוועגונג·

זייט א לענגערער צייט קומען יעדע וואך פאר פארלעזונגען איינגעארדנעט פון דער „נאציאנאל־סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי“. אויף די פארלעזונגען ווערט אויסער די פאליטישע אוןווירטשאפטליכע פראגען, געפירט א שטארקע העץ־קאמפאניע געגען אידען·

די פארגאנגענע וואך· ווען די דאזיגע פארטיי האט איינגעארדנעט א פארלעזונג אויף דער טעמע „תלמוד“ זענען אויך צו רדע פארלעזונג געקומען דער ראבינער פון דער מינכענער אידישער געמיינדע דר· בערוואלד אין דער באגלייטונג פון עטליכע פריינט. ווער ס׳האט געמיינט, אז אויף דער פערזאמלונג וועט געקעמפט ווערען געגען די אידען מיט גייסטיג געוועהר· האט געהאט א גרויסען טעות· נאכדעם ווי דער רעפערענט, וועלכער פארשטעהט אזוי פ׳ל פון תלמוד, ווי א איינוואוינער פון האנאלולו פון געטהען, האט געענדיגט זיין רעפעראט, האט זיך צום ווארט געמעלדעט דער דר. בערוואלד בעת ער איז ארויפגעגאנגען אויף דער טריבונע· זענען פון זאל דורך קלעפ באזייטיגט געווארען זיינע פריינט און אים אליין האט מען געשטערט צו רעדען, אנרופענדיג אים „געמיינער ליגנער“.

אט איז א צווייטער פאקט:

מיט אייניגע טעג צוריק האט אין מינכען געהאלטען א פארלעזונג דער בערלינער אידישער געלערטער פראפעסאר מ· הירשפעלד וועגען דער פעריונגונגס־טעאריע פון שטיינאך· שוין ביים אנהויבען די פארלעזונג האט מען אין זאל באמערקט, ווי די אנטיסעמיטישע סטודענטען גרייטען זיך אנצופאלען אויפ׳ן רעפערענט. ארויסגעהענדיג דורך א הינטער־טיר נאך דער פארלעזונג איז פראפעסאר הירשפעלד בעפאלען געווארען פון די אנטיסעמיטען, וועלכע האבען אים אזוי שטארק צושלאגען, אז ער האט געמוזט אפגעפירט ווערען אין דער כירורגישער קליניק·

ס׳האט זיך אפילו שוין געהאט פארשפרייט א קלאנג, וועגען טויט פון פראפ. הירשפעלד, אבער די ידיעה איז נישט אמת·

צוליב די אויבענדערמאנטע אנפאלען און העצעס אויף אידען האט א דעפוטאציע פון דער אידישער געמיינדע אין מינכען זיך געווענדעט צום אינערן־מיניסטעריום און געבעטען שוץ פאר די אידען געגען אנטיסעמיטישע אנפאלען.

א גרויסען רושם האט אין דייטשלאנד ארויסגערופען דער פראצעס פון דער מינכער אידישער געמיינדע געגען דער דארטיגער אנטיסעמיטישער צייטונג „פעלקישען בעאבאכטער“.

די אידישע געמיינדע האט אנגעקלאגט דעם רעדאקטאר פון דער דערמאנטער צייטונג דערפאר וואס די צייטונג האט עפענטליך באשולדיגט די געמיינדע· דאס זי האט אמאל געהאלפען די אנפירער פון דער ראטען־רעגירונג אין בייערן· לעווינע, לעוויין און טאלער. די דאזיגע באשולדיגונגען זענען געווען געשטיצט אויף פאליציישע ידיעות.

ביים באטראכטען דעם פראצעס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די ידיעות זענען געווען פאלשע און דער רעדאקטאר פון דער צייטונג איז באשטראפט געווארען מיט 400 מארק און באצאלען די געריכטס־קאסטען· פאר׳ן בלבול אויף דער געמיינדע.

אט די אלע פאקטען ווייזען בולט, מיט וואס פאר א מיטלען די בייערישע אנטיסעמיטען קעמפען און העצען געגען די אידען.

בערלין, 16 אקטאבער.

פ· לידאר,

---

## פרעדעריק ניגארד.

### מארפין.

אויף יענער זייט דרעה־טיר פונ'ם גרויסען קאפעע
וואו דער זאל איז טומעלדיג אנגענם,
פוץ איך מיך קרעכצענדיג אויס
אין א זעלטזאמער טרוקענער קרוין — — —

אויף יענער זייט דרעה־טיר פונ'ם גרויסען קאפעע
וואו די סערוויזען טומלען און רוישען,
ווערט מיין הארץ שטיל געפייניגט
אונטער די קלאנגען פונ'ם פידעל. — — —

שפיל צום טייוועל!
שפילט איר שווארצע מוזיקאנטען
זאל בלויז אייער שארפער סם
טריפען אין מיין רויטען הארץ — — —

אויף יעגער זייט דרעה־טיר פונ'ם גרויסען קאפעע
קאן דער בלאסער מוזיקאנט
מיך פייניגען שעה'ן לאנג
אז איך זאל קיין וועהטאג פילען — — —

---

פרעדעריק ניגארד, געהער צו דענמארק'ס יונגע טאלענטפולע דיכטער, אייגער פון אזויגערופענע „שטאט־זינגער", וועלכער פארנעהמט אנ'אנגעזעהענעם ארט אין דער מאדערנער דענישער ליטעראטור. ניגארד איז געווען אזוי פריינדליך און צוגעשיקט זיין ליד „מארפין" אויף איבערצוזעצען אין אידיש פאר „די אידישע וועלט".

---

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

1

### שעדלעץ.

(סוף)

פאר מיינע אויערען געהען־אויס די לעצטע קלאנגען פון מיין אידילישער געבורטס־שטאדט. ווי יעדע מיטעלע שטאדט, האט זי פערמאגט איהרע אידילישע העלדען, איהרע ברחנים, זינגער' איהרע כלי־זמרים און איהרע לעדיג־געהער.

די געשיכטע פון שעדלעץ איז אין דער היגזיכט א מערקווירדיגע דערמיט, וואס דארט האבען געלעבט דורות פון האלבע קינסטלער, האלבע ווירטואזען· שעדלעץ, ווי מיר שיינט, איז א קוואל פון קינסטלער דורך דורות, דען ווען דו זעהסט דעם פעהיגען ריהרט אן דער סטרונע פון זיידען און ווען דו זעהסט דעם טאטען טאלענטפולען — דער זון איז עס שוין אודאי. ווארום דער ערשטער, וואס האט פערפאסט זיינע פאעטישע אוצרות'שע קאמפאזיציעס, איז יאנטעל כלי־זמר· נאך איהם זיין זוהן לייבוש כלי־זמר, אייגענטליך נישט קיין כלי־זמר· נור א פיינער איד, וואס האט געקאנט א בלאט גמרא און פערשטאנען די שפראך פון דער פידעל פאר דער אידישער כלה· נאך אים איז געגאנגען זיין זוהן יאנטשע, דער אייביג־שלעפערדיגער פער'חלום'טער יאנשע, און נאך אים דער היינטיגער לונגען־קראנקער סובטעלער פידלער.

עס איז מערקווירדיג, ווען דו ביזט א דארטיגער און רייזט צו פון צייט צו צייט, זעהסט דארט דעם גאנצען קולטור־פראצעס פון גאנץ פוילען צוזאמען געגומען. עס זעהט זיך דארט הויפטזעכליך דער אלטער עובר־בטל'דיגער דור שרייבער, עצה־געבער למדנים, סוחרים· שארפע קלוגע פאליטיקער, „גוטע קעפ", ברחנים, חזנים און סתם דאזאר־לייט אין געגענווארט פון זייערע יונגע מאדערנע נאכפאלגער.

שעדלעץ האט די אייגענשאפט, וואס דער אלטער דור איז געווען אנ'אינטואיטיווער און פערשטאנען און געפילט שארפער די וועלט און די צוקונפט, ווי אלע אנדערע עלטערן אין פוילען, אין דערפאר האט דער קאמף מיט'ן פאנאטיזם דארט געהאט וועניגער באדען, און די קינדער זענען וועניגער ארויס לתרבות רעה·

א· ח. אסינא, גאליצקי, אונטערהויז — דאס זענען די ערשטע השכלה־טרעגער און רעפארמאטארען פון דעם נייען דור אין שעדלעץ, זייער פערדיענסט דארף פערצייכענט ווערען·

עס איז אויך אינטערעסאנט, אז דער אלטער דור פילט זיין בטול, זיין נישט פאסען צו דער צייט זעהר שטארק און וואס די קינדער זענען נישט צופריעדען איבער זיינע האפענונגען און אייגענשאפטען· דער אלטער חזן הערט זיך צו מיט פערגניגען צו די רעטשיטאטיווען פון זיינע צוויי זיהן, די קינפטיגע אפערן־זינגער.

דער אלטער כלי־זמר גיט מיט פערגעניגען איבער זיין "זייטסגעזונט" — פידעל פון דער חתונה' די עף־מאליען' און בע־מאליען פון זיין זוהן דעם פעהיגען קינפטיגען קאנצערטיסט, דער בירושהפעהיגער משכיל הערט זיך צו צו די סטראפען פון זיין נאכפאלגער, און דער טרייער איינפאכער טאטע פערשטעהט גוט די שטרעבונגען פון זיין אינדיווידועלען זוהן.

אין שעדלעץ האט פון צייטען געלעבט א משפחה מאליארעס, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט פאר די בעסטע אין ווארשא. געענדיגט די ארבייט פון א גאנצען טאג, האט דער טאטע פון דער משפחה פערמאגט א פידעל, אויף וועלכע ער פלעגט זיך אליין אויסשפילען נגונים פון פיוט און פון יוצר און אנדערע· פארמאגט האט דער טאטע א זוהן, וועלכער ער האט נישט געהאלטען פאר פעהיג צום פידעל און צווישען צוויי ווערטער פלעגט ער זאגען: ,,איידער דעם סלופ זי איבערצולאזען, איז בעסער זי צו צוברעכען.

די צייט איז געגאנגען, דער מאליער איז געקומען אין די יאהרען און פלוצלונג דערפיהלט א שגעון אין קאפ. נאר וואס שטארקער ער האט דערפיהלט דעם שגעון, אלץ אפטער האט ער איבערגע'חזר'ט די ווערטער. ,,איידער דעם סלופ זי איבערצולאזען· איז גלייכער זי צו צוברעכען". דא מיט עטליכע חדשים צוריק האט מען אים געפונען א טויטען נעבען שחט־הויז. מיט די ליפען האט ער

# דאס אויסווייזען פון אידישע עמיגראנטען.

אינטערוויו מיט'ן דענישען יוסטיץ־מיניסטער.

פארשידענע אונרוהיגע קלאנגען זענען לעצטענס ארומגעגאנגען אין קאפענהאגען וועגען דאס אויסווייזען פון אידישע איינגעוואנדערטע אויס דענמארק. וואו מען איז נאר געקומען האט מען געהערט וועגען דעם, אז א גרויסע צאל איינגעוואנדערטע אידישע ארבייטער און סתם עמיגראנטען לעבען אין גרויס פחד אז די שטאאטס־פאליציי זאל זיי נישט ארויסווייזען פון לאנד.

א פלוצימדיגער פיבער איז אריינגעטרעטען אין דער קאלאניע פון די אידישע איינגעוואנדערטע. וואו מען איז געגאנגען און געשטאנען האט מען נאר גערעדט וועגען דער אויסווייזונגס־פראגע. דאך האט אין אלע די ארומגעהענדע קלאנגען געפעהלט קלארקייט און אריענטאציע.

דערפאר וואס אין דענמארק איז נישט פארהאן קיין איין איינציגע גרויסע אידישע ארגאניזאציע, וואס זאל זיך אפגעבען מיט דער פראגע פון די איינגעוואנדערטע, האבען כסדר געפעלט פעסטגעשטעלטע אויסקונפט און איינצעלהייטען וועמען מען האט ארויסגעשיקט פון לאנד און פאר וואס מען האט ארויסגעשיקט און דערוויל איז דער פחד פאר דאס א״ויסשיקען פון פרעמדע געשטיגען פון טאג צו טאג און אריינגעבראכט א שטיקעל חאאס אין דעם היגען אידישען לעבען.

כדי צו שאפען אביסעל מער קלארקייט אין דער דאזיגער פראגע, האב איך — טרעפענדיג זיך ביי א פעסטליכקייט פון א דענישער בוי־קאאפעראטיווע מיט דעם דענישען יוסטיץ־מיניסטער ר י ט ט ע ר , פאר וועלכען מען האט מיך פארגעשטעלט — אויסגעניצט די גונסטיגע געלעגענהייט און געהאט מיט איהם אנ׳ אינטערוויו בנוגע דער דאזיגער וויכטיגער פראגע.

„איך ווייס נישט צו אייער עקסעלענץ האט וואס דאגעגען מיר צו געבען א וועלכע עס איז ערקלערונג בנוגע דער „פרעמדען“ פראגע בכלל און וועגען דאס ארויסשיקען אויס דענמארק א טייל אידישע עמיגראנטען בפרט“, איז געווען מיין ערשטע פראגע צו דעם דענישען יוסטיץ־מיניסטער, וועלכער איז דער אייגענטליכער פעראנטווארטליכער און פעראדנער פון אלע אויסווייזונגען פון פרעמדע אין דענמארק.

„מיט פארגעניגען“ ענטפערט מיר דער יוסטיץ־מיניסטער. „קומט אוועק אין א זייט וואו מיר קענען זיצען אונגעשטערט, דאן קען איך אייך ענטפערן אויף אלעס“

ווען מיר טיילען זיך אויף איינעגע מינוט אפ פון דער גרויסער געזעלשאפט און געהן אריין אין א צווייטען צימער זעץ איך פארט מיינע פראגען:

„וואס איז אייער עקסעלענץ׳ס מיינונג וועגען דער שארפער פארפאלגונג געגען די אידישע איינגעוואנדערטע אין דענמארק ?“

„אין דענמארק עקזיסטירט נישט קיין פארפאלגונג געגען די אידישע איינגעוואנדערטע. מיט א שטיקעל צייט צוריק האט מען מיר מיטגעטיילט, אז איניגע אויסלענדישע אידישע צייטונגען האבען געבראכט א ידיעה, אז אין דענמארק האט מען אנגעהויבען פארפאלגען די אידישע עמיגראנטען. דאס איז דורכאויס פאלש און אונבאגרונדעט!“

„די ידיעה האב איך אויך געזעהן“, באמערק איך דעם יוסטיץ־מיניסטער, „און ווי איך פארשטעה איז זי געווען געבויט דערויף, וואס איניגע אידען זענען דא נישט לאנג ארויסגעשיקט געווארען פונ׳ם לאנד“.

„אמת, עס זענען ארויסגעשיקט געווארען איניגע אידען פון דענמארק, פונקט ווי עס זענען ארויסגעשיקט געווארען איניגע דייטשען, פאליאקען, רוסען און עסטרייכער, דערפאר וואס זיי זענען עובר געווען אויפ׳ן געזעץ אדער דערפאר וואס זייערע פאפירען זענען נישט געווען אין ארדענונג, בשום אופ׳ן נישט דערפאר, וואס זיי זענען אידען, פארקערט — זאגט ווייטער דער יוסטיץ־מיניסטער מיר האבען געהאט אויף דער ליסטע א פיל גרעסערע צאהל אידען, וואס זענען פון דער פאליציי רעקאמאנדירט געווארען ארויסגעשיקט צו ווערען פונ׳ם לאנד. איך האב זיך אבער צוריקגעהאלטען פון אויסצופירען דאס, ווייל איך האב גענומען אין אנבאטראכט די שרעקליכע לאגע פון די אידישע עמיגראנטען, וועלכע ווערען כסדר פארפאלגט אין די אנדערע לענדער און שוין דערפאר האבען מיר זיי געלאזט בלייבען אינ׳ם לאנד. זאגען, אז אין דענמארק איז פארהאנדען א טענדענץ צו פארפאלגען אידישע עמיגראנטען איז אנ׳אונרעכט, ווייל מיר האבען זיי תמיד טאלערירט און באהאנדעלט מיט גערעכטיגקייט און מיטגעפיהל“.

צום סוף ערקלערט מיר דער יוסטיץ־מיניסטער, אז אין א פאל ווען די שטאאטס־פאליציי פארפאלגט וועמען עס איז פון די אידישע איינגעוואנדערטע, וועלכע האבען געלעבט אין לאנד א לענגערע צייט און נישט געהאט קיין שום צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי און נישט עובר געווען אויף די לאנדעס־געזעצען, זאלען זיי זיך אין אזעלכע פעלע ווענדען צו אים אדער צום יוסטיץ־מיניסטעריום, שריפטליך אדער פערזענליך און דאן וועט ער, דער יוסטיץ־מיניסטער אליין, אונטערזוכען די פראגע און אומפאלס עס וועט נישט זיין קיין שום גרונד ארויסצושיקען דעם פארפאלגטען, וועט ער באקומען די ערלויבעניש אויף צו בלייבען אין לאנד.

מיר ראטען דערום אלע די יעניגע, וועלכע ווערען פארפאלגט פון דער שטאאטס־פאליציי גלייך זיך צו ווענדען מיט א שריפטליכער אדער פערזענליכער בקשה דירעקט צום יוסטיץ־מיניסטער, וועלכער פארשפרעכט א גערעכטער אונטערזוכונג לטובות די פארפאלגטע.

י. שאיאק.

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינ. ערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.

# די אידישע וועלט

Nr. 2. | Fredag, 22. Oktober 1920. פרייטאג | 1־טער יאהרגאנג.


# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.


Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.


Abonnement paa
„Di Yidische Welt"
12 Kr. pr. Aar.
6 Kr. pr. Halvaar.
3 Kr. pr. Kvartal.

אבאנעמענטס־פרייז פאר
„די אידישע וועלט":
יעהרליך — 12 קראנען
האלב־יעהרליך — 6 קראנען
פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג פאסט־אדרעסע:
Postbox No. 221 Kjøbenhavn B.
אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער: לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונפט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

Annoncer til „Di Yidische Welt" optages ved Henvendelse til Bladets Annonce-Afdeling, Postadresse: Postbox Nr. 221, København B.; Telefon Vester 7332; Post-Giro 432, København B.

אינהאלט:


י. שאיאק: דאס אויסוויזונג פון אידישע עמיגראנטען.
פרעדעריק ניגארד. מארפין.
יואל מאסטבוים: רייזע איינדרוקע אויס פוילען.
פ. לידאר. דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד.
די העסליכע אינטריגעס פון אונגארן.
ליטעראַרישע נייעס.
פראפעסאר פסחאוויטש ז"ל.
לאקאלעס.




אפטיילונגען אין
קאפענהאגען — עסביערג — מאלמע — האמבארג — דאנציג — סטעטין — ווארשא — לאנדאן.
פאסאזשיר־ און פראכט־עקספעדציעס נאך
**נארד און זידאמעריקא אפריקא**
**אוסטראליען**
ווי אויך נאך שוועדען נארוועגיען, דאציג, פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אלע אנדערע טיילען פון אייראפא.
Bernstorffsgade 2.
(Panoptikonbygningen)
טעלעפאן: פאסאזשיר־אפטיילונג 4158
פראכט־אפטיילונג: 6780
פון יאנואר 1921 Amagertorv 42.

## סיגארען.

אויב איהר ווילט רייכערען א לייכטען און גוטען סיגאר, דאן זאלט איהר פרובירען מיינע גוטע שטאנדאד־סיגארען „בראזיל 2“, וועלכען איך פערקויף נאך אלץ צו דעם ביליגען פרייז פון 17,50 דענישע קראנען פאר 100 שטיק. (10־1 מיללע).

די עקספעדיציעס פון באשטעלונגען קומען פאר לויט דער רייהע ווי די באשטעלונגען קומען אן — געווענליך געדויערט עס בלויז עטליכע טעג.

אין פארהעלטעניש צו מיין נישט גרויסען אוואנס מוז דאס געלד גלייך איינגעצאהלט ווערען צוזאמען מיט דער באשטעלונג. סיגארען ווערען געשיקט פארטא־פריי איבעראל אין דענמארק, ווען די באשטעלונג איז אויף מינדעסטענס 500 שטיק.

Brasil- Agentur
Dybbølsgade No. 11⁴.
Kjøbenhavn B.

## לאטעריע־צעטלען.

מיר מאכען אויפמערקזאם די לעזער פון דער צייטונג אויף דער אלגעמיינע דענישע וואָרע און אינדוסטרי־לאָטעריע, וועלכערס ציהונגען עס פאלען גלייכצייטיג מיט די ציהונגען פון דער קלאסען־לאטעריע.

די געווינסט־פארטיילונג קומט פאר לויט דער לאטעריעס ספעציעלען „פלאן„ (רעגולאטיוו) וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויפ׳ן פארלאנג פונ׳ם קויפער.

די ערשטע ציהונג קומט פאר דעם 20־טען און 21־טען אקטאבער. א לאטעריע־צעטעל פאר דער גאנצער סעריע (6 ציהונגען) קאסט 15 קראָנען 70 עהרעס. פלוס פארטא ווען עס דארף צוגעשיקט ווערען.

די אונטערגעצייכענטע אויטאריזירטע קאלעקציאן האט נאך עטליכע צוריק צום פארקויפען.

SØNDBERG,s Lotterikollektion,
Dybbølsgade Nr. 11,
Kjøbenhavn B.

## מאשין־שרייבונג און דובליקירונג.

מיין ביורא נעהמט זיך אונטער מאשינשרייבונג און דופליקירונגס־ארבייט, וואס ווערט אויסגעפיהרט שעהן און גוט מיט א גאראנטי פאר דיסקרעציאן.

מיר מאכען צירקולארען פון יעדער ארט, אנבעפאלונגען, געזאנגען א. א וו. סטילפול און געשמאק צו מעסיגע פרייזען.

אלס רעפערענט קענען מיר אנגעבען רעדאקטאר י. שאיאק.

סינבערג׳ס ביורא
דיבבעלסגאדע 11, 4־טער זאל.
קאפענהאגען ב.
שריפטליך: פאסט־באקס 221,
קאפענהאגען ב.

פון רייה אן ערשיינט אין בערלין א יודיש וואכענבלאט

## „דער מזרח־יוד“

צענטראל־ארגאן פון פערבאנד פון די מזרח־יודען אין דייטשלאנד.

„דער מזרח־יוד“ בעהאנדעלט אלע וויכטיגע פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען, וועלכע זענען נוגע די מזרח־יודען אין דייטשלאנד בפרט, און דעם מצב פון די יודען אין די מזרח־לענדער בכלל.

„דער מזרח־יוד“ ברענגט די נייסטע אלגעמיינע און יודישע אינפארמאציעס פון דער גאנצער וועלט.

„דער מזרח־יוד“ האט אייגענע קארעספאנדענטען אין די גרעסטע יודישע צענטרען, און דרוקט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער.

„דער מזרח־יוד„ פערטיידיגט ענערגיש די אינטערעסען פון די היגע מזרח־יודען.

„דער מזרח־יוד“ איז זעהר נוצליך צו שיקען גרוסען און שאפען פערבינדונגען צו קרובים און פריינד אין ענגלאנד, אמעריקא א. ז. וו.

„דער מזרח־יוד“ איז די איינציגע אין דייטשלאנד ערשיינענדע צייטונג אין יודישער שפראך, און איז זעהר נוצליך פאר כל המיני אנאנסען און בעקאנטמאכונגען.

אבאנעמענטסבעטראג: א פערטעל יאהר 12 מארק.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:

DER OSTJUDE, Berlin C 45, Rosenthalerstr. 48

„HAMEWASSER“ Zeitungs- und Büchervertrieb

ווילט איהר האבען סוקסעס אין
אייערע געשעפטען
אנאנסירט
אין
„די אידישע וועלט“

Cirkus Miehe.
סירקוס מיעהע.
Aaboulevarden 5. Telf. Nora 4270.
אבולעווארד 5. טעלעפאן נארא 4270.

יעדען אווענד 8 אזייגער: דער מאן מיט דער מאסקע און דאס איבעריגע אקטראקציאנספראגראם. שבת אווענד 5 אזייגער וואהלטעטיגקייטס־פארשטעלונג פאר ארימע קינדערסשיך־באקליידונג. בילעטען אהן פערהעכערונג פון 11 ביז 3 און פון 6 אזייגער נאכמיטאג.

Rasmussen & Rugh København

## די באלשעוויסטישע הערשאפט אין ביאליסטאק.

בעת דאס באלשעוויסטישע מיליטער האט מארשירט אויף ווארשא און איז אריינגעדרינגען אין א גרויסע צאל אידישע שטעט און שטעטלעך, האט די אלגעמיינע פרעסע אין אייראפא געבראכט די ידיעה, אז די אידען האבען אויפגענומען די באלשעוויקעס מיט גרויס פרייד און זיך זעהר גוט געפילט אונטער דער באלשעוויסטישער הערשאפט. איצט, ווען די באלשעוויקעס זענען פארטריבען געווארען פון פוילען, ווייזט זיך עס ארויס, אז די אידישע באפעלקערונג, מעהר ווי אלע אנדערע, האבען שרעקליך געליטען פון דער באלשעוויסטישער הערשאפט אין די אקופירטע געביטען.

דער באקאנטער ציוניסטישער עסקן אין דעפוטאט פון פוילישען פארלאמענט, ה׳ ה׳ פארבשטיין, האט מיט א קורצער צייט צוריק געמאכט אנ׳ אויספארשונג אין ביאליסטאק און פון זיין באריכט איז צו זעהן ווי גרויס עס איז געוועזן דער שאדען און ווי שרעקליך עס זענען געוועזן די ליידען פון די אידען אין ביאליסטאק בעת דער באלשעוויסטישער העדשאפט. מיר ברענגען דא איינינגע שטעלען פון ה׳ פארבשטיינ׳ס באריכט:

„די באלשעוויקעס האבען פון ערשטען מאמענט פון זייער אריינקומען קיין ביאליסטאק ארויסגעוויזען א פיינדליכע בעציהונג צו אלע יודישע אינסטיטוציעס. דורך ספעציעלע דעקרעטען זענען אויפגעלעזט געווארען: די פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה, ביי וועלכער מ׳האט צוגענומען אלע פאנדען, דאקומענטען, ווי אויך דאס מעבעל; די תלמוד־תורה׳ס, ציוניסטישען קאמיטעט און אלע יודישע שולען. דער העברעאישער למוד איז פאלשטענדיג פערבאטען געווארען די יודישע צייטונגען זענען פערמאכט געווארען. מ׳האט פעראָרדענט צו בעזייטיגען די יודישע שילדען. מיט איינעם ווארט, ס׳איז ענטשטאנען א פאגראם פונ׳ם גאנצען יודישען לעבען.

די יודישע בורזשואזיע איז אויפ׳ן שרעקליכסטען אופן טעראריזירט געווארען. ס׳האט זיך אנגעהויבען דאס האבען ספעציעלע פון דער יודישער בורזשואזיע צו צוואנגס־ארבייטען.

די „טשרעזוויטשייקע״ האט אנגעהויבען א סיסטעמאטישע ארבייט פון רעוויזיעס און ארעסטען. ס׳זענען ארעסטירט געווארען די אנגעזעהנסטע פאבריקאנטען און סוחדים פאר׳ן מינדסטען פערדאכט אין קאנטר־רעוואלוציע. דאס רוב זענען זיי פערשיקט געווארען אין געפאנגען־לאגער, און טיילווייז אין די טורמעס, פון וואנען די באלשעוויקעס האבען זיי מיטגענומען ביים ארויסגעהן.

דאס גאנצע עקאנאמישע לעבען איז אבגעשטארבען.

לויט׳ן בעפעהל פון דער באלשעוויסטישער מאכט, האבען אלע סוחרים געמוזט צושטעלען דעם קאמענדאנט די שליסלען פון זייערע פערמאכטע געשעפטען. אין די סקלאדעס האבען די באלשעוויקעס רעקווירירט קארט און אנדערע סחורות פאר צעהנדליגגער מיליאנען מארק. אזוי, למשל, איז אין אכפיליס געשעפטען צוגערויבט געווארען די גאנצע סחורה פאר 10 מיליאן מארק; אין סקלאד טעקסטיל פאר 10 מיליאן מארק; אין גובינסקי׳ס אין ציטראנ׳ס סקלאדעס און ביי אנדערע—אויף א סך מיליאנען, און אין די קלענערע סקלאדעס אויף הונדערטער טויזענדער מארק.

פון ערשטען אריינקומען פון די באלשעוויקעס האט זיך אנגעהויבען א דוחק אין ברויט און אנדערע שפייז־ארטיקלען. אין משך פון עטליכע טעג האט זיך געלאזט פיהלען א פארמעלער הונגער.

דער סוחר יהודה זאבלודאווסקי איז פערשיקט געווארען קיין סמאלענסק פאר אויסדריקען זיין אונצופריעדענהייט.

דער בונד האט זיך מיט די באלשעוויקעס ניט פעראייניגט, נאר זיך ערקלערט אלס קאמוניסטישער בונד. ווען די באלשעוויקעס האבען סיסטעמאטיש פערפאלגט אלץ, וואס האט זיך זיי ארויסגעוויזען יודישליך, האט מען צווישען די פראלעטארישע פארטייען געקאנט בעמערקען א געוויסע אונצופריעדענהייט, וואס האט זיך כסדר פערשארפט, אזוי אז צום סוף איז בעשלאסען געווארען עפענטליך צו פובליקירען א צווישען־פארטייאישען יודישען פראטעסט געגען דער באלשעוויסטישער ווירטשאפט. עס איז דאך ניט געלונגען עס אויסצופיהרען צוליעב׳ן אנטלויפען פון די באלשעוויקעס.

## פון הער וואך.

### די פערפאלגונגען פון די ציוניסטען אין סאוויעט־רוסלאנד.

ווי דער לאנדאנער דזשואיש קראניקעל איז מודיעה, האבען די באלשעוויקעס פאר דער לעצטער צייט אנגעהויבען א שארפען פערפאלגונג געגען די ציוניסטען אין סאוויעט־רוסלאנד. אין האמעל האבען די באלשעוויקעס דערשאסען די צוויי באקאנטע ציוניסטען דר. וולאדימיר זאפארין און ה׳ חייקין, און סעמיאטיטש־יצחק קאליקא, חיים מאנטישער און ל. מארטור, אין קיעוו האבען די באלשעוויקעס דערשאסען צוועלף אידען פאר שפעקולאציע. די נעמען פון די 12 אומגעקומענע אידען זענען נאך פארלויפיג נישט באקאנט.

### א נייע גזירה געגען אידען אין אונגארן.

די בודאפעסטער צייטונג „פעסטער לאיד״ טיילט מיט, אז זי ווערט געוואר פון א זיכערער אפיציעלער קוועלע, אז אין דער נאהנטסטער צוקונפט וועט אין אונגארן ארויסגעגעבען ווערען א מיניסטעריעלער באפעהל אויסצווייזען פון לאנד אלע די איינגעוואנדערטע זייט 1914 וואס באלאנגען צו דער אידישער ראסע.

דערפון איז צו זעהן, אז די אונגארישע רעגירונג זעצט ווייטער איהר אידען־פיינדליכע פאליטיק און פיהרט איין אין לאנד ספעציעלע געזעצען, וועלכע זענען געריכטעט נאר געגען אידען.

### א יובילעום־פייערונג לכבוד ש. דובנאוו.

פון ווילנא שרייבט מען אונז, אז דארט איז מיט גרויס פייערליכקייט דורכגעפיהרט געווארען דער 50 — יעהריגער יובילעאום לכבוד דעם באקאנטען אידישען היסטאריקער און כלל־טוער שמעון דובנאוו.

### צום טויט פון יעקב שיף.

די ידיעה וועגען דעם טויט פון דעם וועלט־בארימטען אידישען מיליאנער און פילאנטראפ יעקב שיף, וואס איז מיט צוויי וואכען צוריק געשטארבען אין אמעריקא, האט ארויסגערופען א געוואלדיגען רושם איבער דער גאנצער אידישער וועלט. יעקב שיף האט אין דער צייט פון דער מלחמה מנדב געווען א סך מיליאנען פאר דער נויטליידענדער אידישער באפעלקערונג אין מזרח־אייראפא.

### א מיליאן קראנען שאדען ערזאץ פאר א פאגראם.

לויט א מיטיילונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן האט דער ענגלישער פינאנץ־דעפארטאמענט אנגעהויבען אויסצאלען שאדען־ערזאץ איבער א מיליאן קראנער פאר די פאגראם געליטענע אין ירושלים.

### יואל מאסטבוים׳ס רייזע־איינדרוקע אויס פוילען.

מיר ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע לעזער אויף דער רייהע ארטיקלען, וועלכע מיר הויבען אן דרוקען פון דעם טאלענטפולען אידישען שריפטשטעלער יואל מאסטבוים רייזע־איינדרוקע אויס פוילען. מאסטבוים איז איינער פון די טאלענטפולסטע אידישע שריפטשטעלער אין פוילען און זיינע בעאבאכטונגען און איינדרוקע פון די פילע שטעט און שטעטלעך וועלען זיכער געלעזען ווערען מיט גרויס אינטערעס.

### אויפמערקזאם!

אין נעכסטען נומער „די אידישע וועלט״ דרוקען מיר אנ׳ אינטערוויו, וואס אונזער רעדאקטאר י. שאיאק האט געהאט מיט דעם דענישען יוסטיץ־מיניסטער ר י ט ט ע ר בנוגע דער פראגע פון דער פארפאלגונג געגען די אידישע עמיגראנטען אין דענמארק. די ערקלערונג פונ׳ם יוסטיץ־מיניסטער איז זעהר א וויכטיגע פאר אלע איינגעוואנדערטע אידען אין דענמארק און קיינער דארף דאס נישט פארפעהלען צו לעזען.

## „די אידישע וועלט”.

«די אידישע וועלט» וועלכע ווערט געבוירען אין א מאמענט ווען דאס מזרח־אייראפעאישע אידענטום לעבט איבער א זעהר קריטישע צייט; א צייט ווען דאס אידישע פאלק זוכט מיט אלע מעגליכקייטען צו קומען צו א פארשטענדניש מיט די פעלקער אוז נאציאנען צווישען וועלכע מיר לעבען און באשטרעבען זיך צו שאפען א יסוד פאר א הארמאנישער און פריינדליכעס צוזאמענלעבען כדי צו קענען מיטהעלפען אין דער ארבייט פון די לענדער וואו די פארשידענע טיילען פון דעם אידישען פאלק לעבען אלס שטאאטס-בירגער — שוין דערמיט נעהמט אויף זיך «די אידישע וועלט», וועלכע שטעלט זיך די אויפגאבע צו באהאנדלען די וויכטיגסטע פראגען אינ׳ם אידישען לעבען — א גרויסע פעראנטווארטליכקייט.

אונזער הויפט־אויפגאבע איז צו שטעהן אויף דער וואך פון די אלגעמיינע אידישע אינטערעסען און גלייכצייטיג אינפארמירען דעם אידישען לעזער אין סקאנדינאוויען אונפארטייאיש און אביעקטיוו וועגען אלעס וואס עס קומט פאר אינ׳ם אידישען לעבען אין די גלות לענדער ווי אין דעם לאנד פון דער אידישער האפענונג — ארץ ישראל.

מיר האבען זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט א גרויסע צאל אידישע שריפטשטעלער און זשורנאליסטען אין די פארשידענע לענדער פון אייראפא און אמעריקא פון וואנען זיי וועלען אונז כסדר צושיקען אינטערעסאנטע ארטיקלען און קארעספאדענצען וועגען אלע ערשיינונגען און אקטועלע פראגען, וואס שווימען טעגליך ארויס אינ׳ם לעבען ביי די אידען אין מזרח־אייראפא. א חוץ דעם וועלען מיר פון צייט צו צייט ברענגען גוטע ליטעראַרישע ארבייטען, ווי ערצעלונגען, סקיצען און קריטישע ארטיקלען געשריבען פון די טאלענטפולסטע אידישע שריפטשטעלער.

מיר האפען, אז מיר וועלען געפינען די געהריגע סימפאטיע און מאראלישע אונטערשטיצונג איו אלע אידישע קרייזען אין סקאנדינאוויען און דערמיט אונז העלפען אויספירען אונזער אויפגאבע, וועלכע מיר האבען זיך אונטערנומען דורכצופירען.

מיט דעם דאזיגען פראגראם, וואס מיר האבען דא פארגעלט טרעטען מיר צו צו דער שווערער און פאראנטווארטליכער ארבייט!

די רעדאקציע.

## רייזע איינדרוקע אויס פוילען.

1

### שעדלעץ.

עס איז פארהאן א גרויסער אונטערשיעד צווישען די איינוואוינער פון לינקען און די איינוואוינער פון רעכטען ברעג ווייכסעל, נישט בלויז אין דער אויסשפראך און דיאלעקט, וואס ווערט מיט׳ן דערנעהנטערן זיך צו ליטא אלץ הארטער, נאר אויך א גרויסער אונטערשיעד אין דער קולטור.

דער לינקער ברעג ווייכסעל האט ענטוויקעלט נאטור מענשען, מענשען מיט אפגעברענטע פנימ׳ער און מוסקולדיגע הענט כמעט די גאנצ דרום־און מורח־געגענד אין פוילען דערצהלט פון פרימיטיוויטעט און באשעפטיגונגען, נאהנטע צו דער נאטור; דער איינוואוינער פון פלאצקער סביבה, למשל, איז צוגעבונדען צו לאנד, ווירשאפט אדער צו עפעס אזעלכעס, וואס שמעקט מיט נאטור, בעת דעראיינוואוינער פון רעכטען ברעג איז שוין מעהר אפגעריסען פון דער נאטור.

פלאצק, למשל, און די גאנצע געגעד ארום דערצעהלט פון אידיליע און דארפישער איינפאכקייט. דערפאר האט זי נישט איינגעזאפט אנזער אלטע און נייע קולטור אזוי שטארק, ווי עס האט עס געטון דער קאנט שעדלעץ־מעזעריטש־בריסק.

דער כאראקטער פון די לעצטע שטעט איז יועניגער צארט, דערפאר אבער מעהר קולטורעל אין אלע הינזיכטען, אנהויבענדיג פון בריסקער למדנים און ענדיגענדיג מיט די היינטיגע ליטעראטען, האלבע ליטעראטען, שארפע פארטיי־מענשען און סתם גוטע לעזער פון יענער געגענד.

פאר מיינע אויגען ווארפט זיך א זעהר כאראקטעריסטישער שטריך פון א שטאט אין פוילען — שעדלעץ. די שטאט האט, אמת עטליכע אונסימפאטישע זייטען, דערפאר אבער מוז מען זאגען, איז עס אייגע פון די שענסטע קולטור־שטעט אין פוילען.

מען איז נאך געשמאק געשלאפען אין די אנאערע טיילען פון פוילען, דארט האט שוין געבליהט די השכלה מיט איהרע שארפסטע קעמפער געגען דער געטא־וואנט. דארט האט מען שוין אין דער שטיל גערעט וועגען ד״ר רובינס בליק אויף מעשה־בראשית, וועגען סמאלענסקי׳ס „התועה” און וועגען לילענבליומ׳ס „חטאת נעורים”. אט דער דאזיגער לעצטער אפקלאנג פון דארט איז שטארק פארבונדען מיט מיין קינדהייט. שפעטער, ווען עס האבען זיך אנגעהויבען די פאלעסטינאפילישע באוועגונגען, האט שעדלעץ ארויסגעשטעלט איהרע ערשטע העלדען, די ערשטע קאלאניסטען, פארברענטע „חובבי ציון”, אנהענגער פון אחד העם, שארפע קריטיקער פון בערדיטשעווסקי׳ס „ציוני ציון”, «ס״ס» ביז׳ן בונדיזם פון 1905 און ביז׳ן היינטיגען דארט צופלאקערטען פאלקיזם. שעדלעץ האט אין זיך דעם גאנצען קולטור־פראצעס אין פוילען אויסגעדריקט שטארקער און דייטליכער ווי אין אנדערע שטעט אין פוילען.

זי פארמאגט עפעס שטענדיג אנ׳אינטענסיווע יוגענד, וואס כאפט אויף יעדען שטראהל פון אויפלעבונג פריהער ווי אלע אנדערע שטעט, און זי דריקט עס אויס מיט א געוויסער אויפפאסונג פון נישט קיין קליינשטעטלדיגען. א שעדלעצער יונגערמאן רעדט מיט דער שפראך פון א גרויסשטאטישען קריטיקער, און נישט מיט אנגעבלאזענע שאבלאן־פראזען און מיט דער שפראך פון א פרעמדען לעקטאר איז ער מסביר זיין אידעע. ער איז שארף ארגינעל און קוקט אויף דער וועלט דורך אייגענע קלארע ברילען.

(סוף און נעקסטען נומער.)

יואל מאסטבוים.

BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

וואכענשריפט
פאר
אידישע
אינטערעסען.

רעדאקטאר:
י. שאיאק.


# די אידישע וועלט


Nr. 1. Fredag, 15. Oktober 1920. פרייטאג 1־טער יאהרגאנג.


# „Di Yidische Welt"

## Ugeblad for jødiske Interesser.


Redaktør: *J. Shaiak.*

Redaktion og Ekspedition: Frederiksberg Allé 28, København V., Telefon Vester 4328.


Abonnement paa
„Di Yidische Welt"
12 Kr. pr. Aar.
6 Kr. pr. Halvaar.
3 Kr. pr. Kvartal.

אבאנעמענטס־פרייז פאר
„די אידישע וועלט":
יעהרליך — 12 קראנען
האלב־יעהרליך — 6 קראנען
פירטעל־יעהרליך — 3 קראנען

אנאנסען אין „די אידישע וועלט„ ווערען אנגענומען דורך אונזער אנאנס־אפטיילונג פאסט־אדרעסע:
Postbox No. 221 Kjøbenhavn B.
אדער דורכ'ן טעלעפאן: Vester 7332
Postgiro 432 Kjøbenhavn B.

די פאלגענדע אנאנסען ווערען אנגענומען לויט די אנגעגעבענע פרייזען פאר א שורה מילאמעטער: לעגאטען 30 עהרע, טרויער־מיטיילונגען, אונטעריכט, און באשעפטיגונג 35 עהרע, ליטעראטור, אויסקונטט, ליידיגע לאקאלען און ארבייט־זוכונג 40 עהרע, ארבייט־אנגעבאט 45 עהרע, קארעספאנדענץ 1 קראנע, אלעס אנדערע צו 50 עהרע א שורה מילאמעטער.

Annoncer til „Di Yidische Welt" optages ved Henvendelse til Bladets Annonce-Afdeling, Postadresse: Postbox Nr. 221, København B.; Telefon Vester 7332; Post-Giro 432, København B.

אינהאלט:


„די אידישע וועלט"
יואל מאסטבוים: רייזע איינדרוקע אויס פוילען.
די באלשעוויסטישע הערשאפט אין ביאליסטאק.
פון דער וואך.
די פערפאלגונגען פון די ציוניסטען אין סאוויעט־רוסלאנד.
א נייע גזירה געגען אידען אין אונגארן.
א יובילעום־פייערונג לכבוד ש. דובנאוו.
צום טויט פון יעקב שיף.
א מיליאן קראנען שאדען ערזאץ פאר א פאגראם.